STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03075

KINDER-DERTSIUNG

Ida Merzan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידע מערזשאַן

קינדער־דערציונג

IDA MERŻAN

WYCHOWANIE DZIECKA

Redaktor: I. FELHENDLER

רעד. י. פעלהענדלער

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאן

Printed in Poland

Wydawnictwo *„Idisz Buch“* Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5884. Nakład 5500. Druk ukończono w styczniu 1956 r. Ark. druk. 10,25.
Wyd. 8,5. Papier druk. sat. V kl. 61 x 86 cm, 80 g.
Druk RSW „Prasa“. Warszawa, Tarczyńska 8. B-7-50006

אידע מערזשאַן

קינדער־דערציִונג

פאַרלאַג „יידיש בוך" וואַרשע 1955

אריינפיר

דאָס בוך, וואָס ליגט פאר אייך, איז צוזאמענגעשטעלט פון א רייע אָפּגעקליבענע ארטיקלען, וועלכע באַהאַנדלען אקטועלע, אָנגעווייטיקטע דערציונגס־פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן דעם כלל עלטערן. דער אָפּקלייב איז געמאַכט געוואָרן פון ארטיקלען, וועלכע זענען געדרוקט געווען אין פארשידענע צייטשריפטן (פּוילישע און יידישע). זייער סטיל איז דעריבער צייטנווייז נישט קיין איינהייטלעכער און טראָגט דעם חותם פון דער צייט, ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן. די אַרטיקלען זענען אין אלגעמיין פון א פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער.

דאָס בוך פארנעמט זיך מיט פּראָבלעמען, וואָס האָבן א שייכות צו קינדער פון גאָר פריסטן לעבנס־עלטער. מיר באַהאַנדלען אָבער דער עיקר דערציונגס־פּראָבלעמען. מיר האָבן געלאָזט אין א זייט פראַגן פון א פלעגונגס־כאַראַקטער. וועגן זיי רעקאָמענדירן מיר אונדזערע לייענער, עלטערן צו ווענדן זיך צו אַנטשפּרעכיקע דאָקטוירים.

אויסער אלגעמיינע פּראָבלעמען, וועלכע זענען פארבונדן מיטן עלטער פון די קינדער, ווערן אין בוך באַהאַנדלט אויך ספּעציעלע דערציונגס־פראַגן, וועלכע האָבן א שייכות מיט דער היים, פאמיליע אדגל.

איך גיב איבער דאָס בוך אין רשות פון די עלטערן מיטן האַרציקן ווונטש, אז ס׳זאָל זיי העלפן אין זייער זאָרגפולער מי צו דערציען זייערע קינדער. פאר יעטוועדע באַמערקונג, וועלכע כ׳בעט צושיקן, דאַנק איך פאָרויס.

אויטאָר



לאָמיר דערציִען אַ געזונטן דור בויער פון אונדזער היימלאַנד!

אַלגעמיינע אָנווייזונגען וועגן דערציונג

אין יאָר 1939 האָב איך זיך געטראָפֿן דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן מיט אַ סאָוויעטישן פּעדאַגאָג — פּ. ליסענקאָ.

— וווּ אַרבעט איר? — האָט ער מיך געפֿרעגט.

— איך בין אַ דערציערין אין אַן אַנשטאַלט פֿאַר שווערדערציבאַרע קינדער.

— שווערדערציבאַרע קינדער, — האָט ער איבערגעחזרט, — ס'איז זייער אינטערעסאַנט, וואָס פֿאַראַ קינדער דאָס זענען?

— דאָס זענען, — האָב איך אויפֿגעקלערט, — היסטערישע, נערוועזע קינדער, באַלאַסטעטע מיט אַ שווערער ירושה.

—אין וואָס פֿאַר אַן עלטער זענען די דאָזיקע שווערדערציבאַרע קינדער?

— אין דעם אַנשטאַלט, — האָב איך געענטפֿערט, — זענען פֿאַראַן קינדער ביז 18 יאָר. איך אַליין האָב די ייִנגסטע גרופּע אין עלטער פֿון דריי ביז זיבן יאָר.

פּ. ליסענקאָ האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

— „שווערדערציבאַרע דריי־יעריקע קינדער, דאָס איז דאָך באמת לעכערלעך.

— פֿון וואָס לאַכט איר, — האָב איך געזאָגט מיט פֿאַרדרוס. אין האַנטנפֿאַר־באַנד זענען שוין נישט פֿאַראַן קיין שלעכטע קינדער, אַלע זענען טייער און ווויל?

ליסענקאָ האָט מיר אין אַן ערנסטן טאָן געענטפֿערט:

— איך האָב אַזוי לחלוטין נישט געזאָגט. פֿאַרשטענדלעך, אַז אויך ביי אונדז טרעפֿט מען שלעכטע קינדער, אָבער מיר זאָגן, אַז אין דעם זענען שולדיק די עלטערן אָדער זייערע אַפּוטרופּסים. קיין שלעכטע קינדער זענען נישט פֿאַראַן, נאָר שלעכטע עלטערן, שלעכטע דערציער. ריכטיקער וואָלטן מיר באַדאַרפֿט זאָגן, אַז ס'זענען פֿאַראַן נישט־באַוווּסטזיניקע עלטערן, נישט־דערפֿאַרענע דערציער. און אָט פֿאַרוואָס עס אַנטשטייען שוועריקייטן אין דער דערציונגס־אַרבעט.

— און דעפֿעקטיווע קינדער, באַלאַסטעטע מיט אַ שווערער ירושה?

— דאָס זענען קראַנקע קינדער, די היילן מיר.

ביים געזעגענען זיך, דריקנדיק מיר די האַנט, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגע־חזרט:

— פאַרגעדענקט: ס'זענען נישט פאַראַן קיין שלעכטע קינדער. ס'זענען פאַראַן נישט באַוווסטזיניקע עלטערן און נישט דערפאַרענע דערציער.

זאָל דער גרונט־געדאַנק פון דעם דאָזיקן שמועס אונדז באַגלייטן אין דער דערציונג פון דעם אונטערוואַקסנדיקן דור.

„דאָס דערציען קינדער, — ווייזט אָן א. מאַקאַרענקאָ, — איז אַן אומגעהויער וויכטיקער געביט פון אונדזער לעבן. אונדזערע קינדער זענען דאָך די צוקונפטיקע בירגער פון אונדזער לאַנד, וועלכע וועלן שאַפן געשיכטע. דאָס זענען דאָך צוקונפטיקע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע וועלן דערציען זייערע אייגענע קינדער. די עלטערן דאַרפן שטענדיק געדענקען וועגן דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס לאַסטעט אויף זיי".

מיר קאָנען פעסטשטעלן, אַז אַנדערע עלטערן, און אַלגעמיין, גיבן זיך אָפּ א דין וחשבון פון זייערע דערציערישע פליכטן. עלטערן לעבן אָפּט זייער שווער איבער, ווען זיי זעען, אַז זייער קינד אַנטוויקלט זיך נישט, דערציט זיך נישט אין דער געהעריקער, געוווּנטשענער ריכטונג, און עס באַהערשן זיי ספקות, צי זייער קינד וועט אויסוואַקסן אויף אַ ווערטפולן בירגער פון אונדזער געזעלשאַפט. זיי באַגערן זייער קינד צו זען אויף גוטע וועגן, צו האָבן נחת פון אים. דאָס אַלץ איז ריכטיק. ס'איז ריכטיק, אַז עלטערן זענען שטאַרק באַזאָרגט איבערן גורל פון זייערע קינדער; זיי שטרעבן און טוען אַלץ, אַז זייערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן אויף אַלזייטיק געבילדעטע מענטשן, נוצלעכע פאַר דער געזעלשאַפט, אין דעם צווייפלט קיינער נישט.

פון וואַנען, אויב אַזוי, נעמט זיך דאָס, וואָס מיר הערן וועגן אַזויפיל שוועריקייטן אין דער דערציונג? פון וואַנען קומט עס, וואָס מיר באַקומען אַזויפיל בריוו און אָנפראַגן פון עלטערן וועגן דערציונגס־פּראָבלעמען?

דער ענטפער איז א פשוטער: אַנדערע עלטערן, און ווייט גרעסטן טייל, ווילן גוט, זיי ווייסן אָבער נישט, וויאַזוי דעם גוטן ווילן צו רעאַליזירן. אין דער אמתן איז דאָך די דערציונג אין דער היים זייער אָפט א צופעליקע, נישט קיין דורכגעטראַכטע, נישט קיין קאָנסעקווענטע, נישט קיין איינהייטלעכע, גאַנץ אָפט פעלט אין דער היים דער גוטער ביישפּיל, און, דער עיקר, די דערציונג ווערט נישט געפירט אויפן סמך פון וויסנשאַפטלעכע ידיעות און אָנווייזונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּעדאַגאָגיק. דאָס איז איינע פון די עיקרדיקע סיבות, פאַרוואָס דער גוטער ווילן פון די עלטערן, זייערע בעסטע כוונות, די אמת מענטשלעכע ליבע פון טאַטע־מאַמע צו זייערע קינדער גיבן אָפטמאָל אַזעלכע נעבעכדיקע רעזולטאַטן. מיט בלויז ליבע צו די קינדער קאָן מען נישט שטענדיק דערגרייכן דעם געוווּנטשענעם ציל אין דער דערציונג.

א יונגע נישט דערפאַרענע מוטער האָט מיר געשריבן: „איך האָב אַן איינ= אונאיינציקן זון, און כ'האָב צוליב אים אָפּט אומאַנגענעמלעכקייטן. די שכנים

זאָגן, אַז איך דערצי אים נישט לחלוטין. אַזוי איז עס אָבער נישט. איך שלאָג אים מיט אַ פּאַסעק, און דערנאָך וויין איך אַליין פון ווייטיק. אָט איז איצט ביי מיר געווען דער שכן מיט אַן אָנקלאָגע אויפן קינד, אַז עס האָט אויסגעריסן אַלע קווייטן פון גאָרטן, און עצהט מיר, אַז כ'זאָל עס שטאַרק באַשטראָפן. איך האָב דאָך אים דאָס מעלערל פון הימל נישט געגעבן, ווען ער איז געווען יינגער, און ס'האָט נאָרנישט געהאָלפן. גאָט, מיינער, וועד וואָלט נישט געוואָלט האָבן קיין גוטע קינדער?“

ס'איז ווייניק צו ווען. קינדער ווערן נישט געבוירן, קומען נישט אויף דער וועלט אַלס גוטע אָדער שלעכטע. מען דאַרף לאַנג און געדולדיק אַרבעטן איבערן קינד, אַז ס'זאָל ווערן אַ גוטס. און אַרבעטן דאַרף מען נישט נאָר איבערן קינד, נאָר אויך איבער זיך.

די יונגע מוטער, וועמענס בריוו כ'האָב ציטירט, איז באַגאַנגען פיל פעלערן, וועלכע זענען זיך גורם אין איר. צו פאַרריכטן די באַגאַנגענע פעלערן דאַרף מען זיך אין יעדן פאַל נעמען באַלד, ווייל אין קעגנפאַל, וואַקסן אָן די שוועריקייטן. מיט אַ דריי־יעריק קינד קאָן מען אָנפירן, מען קאָן אים נאָך ריכטן אויף דעם וועג, ווו מיר ווילן. ס'איז אָבער אַ שאָד, וואָס די דערמאָנטע מוטער האָט גע־מאַכט פעלערן אין משך פון דריי יאָר נאָכאַנאַנד. איצט וועט זי, פאַרשטענדלעך, האָבן גרעסערע שוועריקייטן, ווייל:

„...ס'איז א סך לייכטער צו דערציען א קינד, איידער אויסצובעסערן א שלעכטע דערציונג. א ראַציאָנעלע דערציונג פון דער פריסטער קינדהייט אָן — דאָס איז אַן אויפגאַבע נישט אַזוי ספּעציעל שווערע, ווי ס'דאַכט זיך נישט איינעם.

די דאָזיקע אויפגאַבע קאָן לעזן יעדער מענטש, יעדער טאַטע, יעדע מאַמע. אַן אַנדער זאַך איז צו פאַרבעסערן א שלעכטע דערציונג. איבערדערציען פאָדערט אַ גרעסערן אָנשטרענג, גרעסערע פעיקייטן און מער געדולד, און נישט שטענדיק זענען אונדזערע עלטערן בכוח דאָס צו באַווייזן“ (אַ. מאַקאַרענקאָ).

מע דאַרף זיך דעריבער באַמיען צו פאַרריכטן די אָפּגעטוענע פעלערן, ווייל שפּעטער — אין דעם שול־עלטער, אין די יוגנט־יאָרן — וועט זיין אַ סך שווע־רער דאָס קינד צו דערציען.

אַז אונדזערע עלטערן זאָלן זיין גוטע דערציער, דאַרפן זיי זען, אַז זייער גוטער ווילן, זייער ליבע צו זייערע קינדער זאָלן זיך בינדן מיט די וויסנשאַפט־לעכע ידיעות און אָנווייזונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּעדאַגאָגיק.

צי זענען פאַראַן דערציונגס־מעטאָדן, וואָס קאָנען ווירקן, אַז אונדזערע קינ־דער זאָלן זיין גוט דערצויגענע, אַז מיר זאָלן אויסמיידן אַזעלכע שוועריקייטן, וואָס פטרן אונדזער געזונט און מאַכן אונדז אָפּט מיד, פירן אונדז אַרויס פון געדולד אין אונדזערע באַציונגען צו די קינדער?

ס'איז קלאָר, אַז עס זענען נישט פֿאַראַן קיין גרייטע פֿאָרשריפֿטן פֿאַר יעדן פֿאַל, פֿאַר יעדן קינד באַזונדער. ס'זענען אָבער פֿאַראַן אַלגעמיינע דערציִונגס־פּרינציפּן, וועלכע זענען גילטיק פֿאַר אַלע קינדער, פֿאַר אַלע סביבות, ביי פֿאַרשידענע אומשטענדן. וועגן די אַלגעמיינע דערציִונגס־פּרינציפּן דאַרפֿן אַלע עלטערן וויסן, באַקענען זיך מיט זיי, טאָגטעגלעך זיי אָנווענדן, רעאַליזירן.

דער גוטער ביישפּיל פֿון די עלטערן איז איינער פֿון די עיקרדיקע דערציִונגס־מעטאָדן. די עלטערן דאַרפֿן דעריבער דינען מיט אַ גוטן ביישפּיל. מיט זייער אויפֿפֿירונג דאַרפֿן זיי זיין אַ מוסטער פֿאַר זייערע קינדער. קינדער אָבסערווירן זייער גוט די האַנדלונגען פֿון די עלטערן. וועגן דעם ווייסן אַ סך עלטערן. אָבער נישט אַלע עלטערן געדענקען שטענדיק און אומעטום וועגן דעם. עלטערן דאַרפֿן זיך בכלל נישט שעלטן, נישט רעדן קיין מיאוסע ריייד, נישט קריגן זיך. דאָס טאָר אין קיין שום פֿאַל נישט געשען אין דער אָנוועזנהייט פֿון די קינדער.

כ'בין געווען אַן עדות פֿון אַ דיסקוסיע, וואָס עס האָט געפֿירט פֿאַר דער מלחמה אַ גרופּע קינדער פֿון אַ פֿאַרמאַכטן אַנשטאַלט. די קינדער אין פֿאָרשולעלטער האָבן געהערט דאָס וואָרט „כאָליערע“ און געאַמפּערט זיך, צי „כאָליערע“ איז אַ מיאוס וואָרט? דער קליינער משהלע האָט אַלע איבערצייגט, אַז עס איז נישט קיין מיאוס וואָרט, ווייל ער האָט געהערט, ווי זייער באַליבטע דערציִערין האָט עס אַליין באַנוצט. מען האָט געמאַכט אַן אַלגעמיינעם אויספֿיר, אַז „כאָליערע“ איז נישט קיין מיאוס וואָרט — ווייל ס'האָט עס דאָך באַנוצט די דערציִערין. ביז אַ געוויסן עלטער זענען קינדער זיכער, אַז דאָס, וואָס מיר טוען, איז גוט און ריכטיק.

איך האָב דאָ נישט לאַנג אָנגעקלונגען צו אַ באַקאַנטער. צום טעלעפֿאָן איז צוגעגאַנגען איר זעקסיעריק מיידעלע. אויף מיין פֿראַגע, צי די מוטער איז דאָ, האָט זי מיר געענטפֿערט:

— צי קאָן מען וויסן, ווער עס רעדט, ווייל איך מוז צוערשט דער מאַמען זאָגן, נאָכער וועל איך זאָגן, צי זי איז דאָ אין דער היים.

מיט ווייטיק האָב איך געטראַכט וועגן דעם קינד, וואָס מע לערנט עס שוין זאָגן ליגן.

און דאָס נייגעריקע ייִנגל פֿון מיין שכן דאַרף שוין נישט פֿרעגן זיינע עלטערן, ווען און וועמען ער האָט צו ענטפֿערן, אַז די עלטערן זענען פֿאַראַן אין שטוב אָדער זאָגן ליגן, אַז זיי זענען נישטאָ. ער אָריענטירט זיך שוין זייער גוט אין די ענינים. ער בעט דער מאַמען, אַז זי זאָל אויף דעם זעלבן אופֿן אינפֿאָרמירן זיינע חברים, אָפּהענגיק דערפֿון, צי ער וויל זיך מיט זיי טרעפֿן, צי נישט.

און אָפֿט שמייכלט מען נאָך צו, ווען אַזאַ יונג טעכטערל „נאַרט“ אויף אַזאַ „קלוגן“ אופֿן אָפּ.

אונדזערע קינדער מוזן זיין איבערצייגט, אז זייערע עלטערן זענען מוטיקע מענטשן, ערלעכע מענטשן, וועלכע זאָגן שטענדיק אמת און זענען אויפריכטיק אין באַציונגען מיט אַנדערע מענטשן. ווער פון די עלטערן עס גראָבט אונטער מיט זיינע האַנדלונגען די דאָזיקע איבערצייגונג פון די קינדער, דער טוט א בערישע טובה זיך אליין, דער העלפט מיט זיינע אייגענע הענט צו דער אַנטוויקלונג פון שלעכטע זיטן ביי זיין אייגן קינד.

זייער וויכטיק פאר דער גוטער דערציונג איז די געהעריקע אַטמאָספער אין דער היים — דער שלום־בית. די קינדער דאַרפן אויסוואַקסן אין אן אַטמאָספער פון געמיטלעכקייט, פון קעגנזייטיקער ליבע צווישן די עלטערן און גלייכצייטיק פילן, אז זיי זענען פון די עלטערן געליבט. דאָס באַדייט ניט, אז די עלטערן דאַרפן כסדר ארויסווייזן זייערע געפילן און אויסדרוקן זיי דורך צערטלעכקייטן. ס'איז אָבער וויכטיק, אז די קינדער זאָלן פילן, אז מען האָט זיי ליב און אז זיי זענען נייטיק. א משפחה, ווו דער פאָטער און די מוטער ארבעטן, די עלטערע קינדער ארבעטן אָדער לערנען זיך, א משפחה, ווו ס'הערשט שלום און ליבע, וואָס דרינגען ארויס פון פארשטיין די אייגענע פליכטן און אויפגאַבן לגבי אייגאַנדער און לגבי דער מלוכה, לגבי דער געזעלשאפט — שאפט א באמת גוטע דערציונגס־אַטמאָספער. ספּעציעל דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן די אויפריכטיקע פּאָזיטיווע באַציונג פון דער משפחה, פון די עלטערן צו דער מלוכה, צו אלע פּראָצעסן און דערשיינונגען, וואָס קומען פאָר ביי אונדז אין לאַנד. אין קעגנפאַל, ווירקן די עלטערן קעגן דער דערציונג אין שול און אין דער סקויטן־ און יוגנט־אָרגאַניזאַציע. קינדער, וואָס ווערן דערצויגן אין אַן אַטמאָספער פון אַרומרייסענישן און סיכסוכים, פון ניט אויפריכטיקער און אָפטמאָל צינישער באַציונג צו די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען און פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר ביי אונדז אין לעבן, קאָנען אויסוואַקסן אַלס אַגעזעלשאַפטלעכע און אַפילו אַנטיגעזעלשאַפטלעכע מענטשן, אָדער אלס מענטשן אָן געזעלשאַפטלעכן מוט, דערשלאָגענע, סקעפּטיש־געשטימטע, אומגליקלעכע. דערפאַר דאַרפן די עלטערן דערליידיקן זייערע מיספאַרשטענדענישן, שטרייטן, וואָס קאָנען טרעפן אין יעדער משפחה, ניט אין דער אַנוועזנהייט פון זייער קינד. דאָס קינד לעבט שטארק איבער יעדע קריגעריי, ווייל עס קעמפן אין אים די ליבע־געפילן צו ביידע עלטערן. אָפט געפינט זיך דאָס קינד אין אזעלכע באַדינגונגען, אז עס מוז אויסוויילן צווישן געפיל צום פאָטער און צו דער מוטער. ניט וועלנדיק פאַרלירן די ליבע פון ביידע, הייבט דאָס קינד אָן מאַנעווירן, צו זאָגן ליגן, אויסבאַהאַלטן זיינע געדאַנקען. דאָס האָט א שלעכטן איינפלוס אויף דער געשטאַלטיקונג פונעם כאראקטער פון קינד,

אָט שרייבט א פאָטער אין א בריוו:

„איך בעט שטארק צו געבן מיר אן עצה אין דער פראגע פון דערציען אונדזערע קינדער, ווייל אויף דעם געביט קומען פאָר גרויסע סיכסוכים צווישן מיר

און מיין ווייב, און דאָס שלאָגט זיך פּאַטאַל אָפּ אויף די קינדער. מיר האָבן אַ קליין ייִנגעלע, שוין דאָס דריטע יאָר, וווּ עס גייט אין פּאָרשול. עס איז גייסטיק זייער גוט אַנטוויקלט, אָפּט וויל עס, מ׳זאָל עס קויפן ביכער און נייע שפּילצייג, וועלכע דערעסן זיך אים שנעל צו. דאָס ייִנגעלע איז שטאַרק צוגעבונדן צו דער מאַמען, און ווען זי גייט אַרויס פון שטוב, וויינט עס און פּראַוועט פאַרשידענע קאַפּריזן. דעמלט שרייט אויף אים די מאַמע, און איך שטעל זיך אַנטקעגן, ווייל איך האַלט, אַז מיט קיין געשריי וועט מען דערציערישע אויפן קינד נישט ווירקן. פּאַרקערט, דאָס פאַרקריפּלט נאָך דעם כאַראַקטער פונעם קינד. מיין ווייב, ווען זי ווערט מיט מיר ברוגז, רעדט זי נישט צום קינד, כאָטש דאָס קינד בעט זיך ממש ביי איר, אַז זי זאָל רעדן צו אים. צוליב דער קרענקלעכער אַמביציע פון מיין פרוי ליידט דאָס קינד. קאָן זיין, אַז איך בין טיילווייז שולדיק, וואָס מיר גייען אָפּט אויף הנחות לגבי דעם קינד, און דאָס ווערט דורך אים זייער גוט אויסגענוצט. איך האַלט אָבער, אַז מיט גוטן, מיט איבערצייגן קאָן מען אַ סך בעסערע רעזולטאַטן דערגרייכן, ווי מיט געשרייען, אָבער מיין פרוי וויל דאָס נישט אָנערקענען, און אויף דעם באָדן קומען פאָר קאָנפליקטן צווישן אונדז“.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך איצט אין אַ גענויעם אַנאַליז פון דעם געגעבענעם פאַל, קאָן מען אָבער איינס, אָן שום צווייפל, פעסטשטעלן: אין רעזולטאַט פון די קאָנפליקטן צווישן די עלטערן ליידט דאָס קינד.

פעליקס דזשערזשינסקי, דער גרויסער פּוילישער רעוואָלוציאָנער, שרייבט פאָלגנדיקס וועגן די דאָזיקע ליידן פונעם קינד: „דאָס קינד פילט אָפּ דעם צער פון די, וועלכע עס האָט ליב. ס׳ווירקט אויף אים אפילו די מינדסטע קלייניקייט. דעריבער דאַרף מען זיך אויסהיטן פון אַרויסווייזן אין דער אָנוועזנהייט פון קינדער אַ נישט מאָראַלישע אויפפירונג, דענערוויזטקייט. מע דאַרף אויסמיידן קריגערייען, זידלערייען, רכילות, און דאָס, וואָס איז צום ערגסטן, — האַנדלונגען, וואָס זענען אין קעגנזאַץ צו די אייגענע ווערטער. דאָס קינד באַמערקט דאָס אַלץ, און אויב עס וועט אַפילו נישט אַלע פאַרגעדענקען, וועלן פונדעסטוועגן בלייבן געוויסע שפּורן. און פון די שפּורן און קינדערישע איבערלעבונגען געשטאַלטיקט זיך דאָך דאָס געוויסן, דער מאָראַלישער כוח“.

ס׳איז וויכטיק, וואָס עלטערן וועלן זיך נישט קריגן אין דער אָנוועזנהייט פון די קינדער. זיי האָבן לגבי זיי האַנדלען איינהייטלעכער. איינהייטלעכקייט אין דער דערציונג איז איינער פון אירע גרונט־פּרינציפּן. עס טאָר נישט זיין אַזאַ סיטואַציע, אַז דאָס קינד זאָל ביים פאָטער באַקומען דאָס, וואָס די מוטער האָט אָפּגעזאָגט. און אַזעלכע פאַקטן זענען אָן אָפּטע דערשיינונג. מיר הערן אָפּט, ווי אַ קליין קינד זאָגט: „ווילסט מיר נישט קויפן קיין צוקערלעך, וועל איך בעטן דעם טאַטן, וועט ער מיר קויפן“. אַן עלטער קינד, ווען עס באַקומט פון פאָטער געלט צו גיין אין קינאָ אָדער אויף נאַ־

שערייען, באַהאַלט עס אוים פֿאַר דער מוטער, אויב זי האָט אים פֿריער אין דעם אָפּגעזאָגט. אַ קינד, וואָס וואַקסט אויף אין אַן אַטמאָספֿער, וווּ די עלטערן וועגדן אָן פֿאַרשידענע דערציִונגס־מעטאָדן, אָפֿטמאָל גאַנץ קעגנזעצלעכע, ווייסט נישט סוף־כּל־סוף, וואָס עס איז גוט און דערלויבט, און וואָס ס'איז שלעכט און פֿאַרבאָטן. עס ווייסט נישט ביי וואָס זיך צו האַלטן. דאָס קאָן האָבן אַ פֿאַטאַלע ווירקונג אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דאָס קינד וועט אויסוואַקסן. שוין אַלס יוגנטלעכער און דערוואַקסענער מענטש וועט אים זיין שווער קאָנסעקווענט צו קעמפֿן פֿאַר אַ ריכטיקער זאַך. ס'וועט אים זיין שווער צואייגענען זיך די געוווינהייטן, די זיטלעכקייט פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. און ער וועט דעריבער פֿאַרשאַפֿן אַ סך קלאָפּאָטן דעם אַרבעטס־קאָלעקטיוו, צווישן וועלכן ער וועט אַרבעטן, און דער געזעלשאַפֿטלעכער סביבה, אין וועלכער ס'וועט אים אויסקומען צו לעבן. ס'איז אויך זייער וויכטיק, אַז די עלטערן זאָלן זיין קאָנסעקווענט אין זייערע האַנדלונגען. מאַנגל אין קאָנסעקווענטקייט ווייזן אַרויס אַפֿילו זייער באַוווּסטזיניקע עלטערן.

אַ טיפּישער ביישפּיל.

די מוטער איילט זיך אין דער פֿרי צו דער אַרבעט, זי מוז נאָך דאָס קינד פֿירן אין פֿאָרשול אַריין. אין איילעניש פֿאַרגעסט זי, אַז דאָס קינד קאָן זיך שוין זעלבשטענדיק אַן עצה געבן, טוט זי עס אָן, קאָרמעט עס, כאָטש דאָס קינד קאָן שוין אַליין אויספֿירן די דאָזיקע אַרבעטן. אַ צווייטער ביישפּיל, וויאַזוי אַן עלטער קינד, וואָס ווערט דערצויגן אין אַ סביבה, וווּ ס'איז אַ מאַנגל אין קאָנסעקווענטער האַנדלונג, ווייסט, וויאַזוי אויסצונוצן די סיטואַציע. אַ 12־יעריק ייִנגל האָט מיר נישט לאַנג צוריק דערציילט: „דער פֿאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז כ'וועל נישט גיין אין קינאָ, ביז כ'וועל נישט פֿאַרריכטן דעם צוויי פֿון מאַטעמאַטיק. אָבער ווען ער האָט זיך געאיילט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג, האָב איך אים געבעטן אויף אַ בילעט אין קינאָ און ער האָט מיר געגעבן געלט. איך בעט שטענדיק דעם פֿאָטער, ווען ער איילט זיך. ער פֿאַרגעסט דאַן, אַז איך בין באַשטראָפֿט“. אַזוי זעט אויס די לאַגע, ווען ביי אונדז פֿעלט קאָנסעקווענטקייט.

אַ וויכטיקער באַדינג פֿאַר דער פֿאָלגרייכער דערציִונג איז דער טאָג־פּלאַן. די גאַנצע משפּחה דאַרף האָבן אַ טאָג־פּלאַן און ס'מוז זיין אַן אַרבעטס־פֿאַרטיילונג. אויך די קינדער דאַרפֿן אין די ראַמען פֿון זייערע מעגלעכקייטן אויספֿילן באַשטימטע שטוב־אַרבעטן און אונטעראָרדענען זיך דעם איינגעשטעלטן טאָג־פּלאַן. מע דאַרף זיך שטרענג האַלטן ביי דער סטאַביל איינגעשטעלטער צייט אויף די דריי מאָלציַיטן, אויף שלאָפֿן, שפּאַצירן, שפּילן זיך אין דער היים און אויף דער פֿרייער לופֿט.

דעם טאָג־פּלאַן מעג מען ענדערן בלויז אין פֿאַל פֿון אַן אויסערגעוויינלעכער סיבה. אַן איינגעשטעלטער טאָג־פּלאַן איז מסוגל אַריינצוברענגען אָרדענונג

אין שטוב און איינפלאַנצן ביי די קינדער אַ שטאַרק געפיל פאַר צייט, אָרגאַניזאַציע און אָרדענונג. דאָס קינד ווייסט, וואָס ס'דערוואַרט עס אין די באַשטימטע שעהן, דאָס גיט דאָס געפיל פון זיכערקייט און רואיקייט, דאָס קינד, וואָס ווערט צוגעוווינט צו אָרדענונג, אָרגאַניזאַציע פון טאָג, הויבט אליין אָן צו דערמאָנען, און מאָנען דאָס, ווען די עלטערן פרוּוון צוליב די אָדער אַנדערע סיבות אָפּווייכן פון געוויסע טערמינען. דאָס וועט זיכער פאַרלייכטערן אין דער צוקונפט דעם קינד אין דער אַרבעט און בכלל אין לעבן.

אין דעם „בוך פאַר עלטערן" שרייבט וועגן דער פראַגע א. מאַקאַרענקאָ: „אַ גענוייער טאָג־פּלאַן פון דעם קינד איז אַן אומאָפּרופלעכער באַדינג פון דערציונג. ווייבאַלד איר האָט נישט אַזאַ פּלאַן און האָט נישט בדעה אים איינצופירן, איז דאָס לייענען פון דעם בוך און אַנדערע ביכלעך וועגן דערציונג פאַר אייך אַן איבעריקע זאַך".

באַזונדערס וויכטיק איז דאָס איינפירן דעם טאָג־פּלאַן דורך די עלטערן, וועלכע האָבן געהאַנדלט ביז איצט נישט איינהייטלעך. דאָס קינד וועט זיך שנעל צוגעוווינען, אַז דער טאַטע און די מאַמע פאָדערן דאָס זעלבע, און עס וועט פאַרוואַרפן די פּרוּוון פון וועלן באַקומען פון דער מוטער דאָס, וואָס דער פאָטער האָט אים אָפּגעזאָגט, אָדער פאַרקערט, פון פאָטער, וואָס די מוטער האָט אָפּגעזאָגט.

דאָס פעלן פון אַ טאָג־פּלאַן פירט אַרויס דאָס קינד פון גלייכגעוויכט, ווייל עס ווייסט נישט קיינמאָל, וואָס פאַר אַ באַפעלן און פליכטן עס דערוואַרטן אים יעדע מינוט מצד די עלטערן.

ווען מיר שטעלן איין אַ טאָג־רעגולאַמין אין אַ פאַמיליע, וווּ עס זענען פאַראַן עטלעכע קינדער, דאַרף מען געדענקען וועגן אַלע קינדער, געמענדיק אין אַכט זייער עלטער און באַדערפעניש. ווען מיר טיילן צו די קינדער אַרבעטן און לייגן אויף זיי אַרויף פליכטן, מוז מען געדענקען וועגן די עלטערע און יינגערע קינדער, בכדי נישט צו דערלאָזן צו אַרומרייסעניש און קריגערייען צווישן זיי. דערביי האָבן מיר אין זינען, אַז וואָס עלטער דאָס קינד איז, אַלץ מער פליכטן לייגן מיר אויף אים אַרויף, און אַלץ מער רעכט האָט עס.

„איך בין אַלט 14 יאָר, און איך ענדיק די גרונט־שול. איך האָב אַ ברודערל אין עלטער פון 4 יאָר. אין אָנהייב בין איך געווען נישט צופרידן, וואָס איך בין שוין נישט קיין בת־יחידקע, אָבער ווען מיין ברודערל האָט אָנגעהויבן צו גיין און צו רעדן, האָב איך אים שטאַרק ליב באַקומען. די מאַמע גייט אָפט אויף אַ לענגערע צייט אַרויס פון שטוב, און זי לאָזט אים איבער אונטער מיין אויפזיכט, ווייל אין אמתן קאָן איך זיך מיט אים פאַרנעמען, און דאָך האָב איך צוליב אים אַ פאַרסמטע לעבן. דאָס ברודערל צערייסט מיר און פאַרשמירט מיר די ביכער און העפטן. איך האָב צוליב אים ערגערע מיינונגען. די מאַמע דערלויבט אים אַלץ. זי זאָגט, אַז איך, אַלס עלטערע שוועסטער, מוז אים אָפּטרעטן, ווען ער

שפּאַרט זיך איין, און ער וויל נעמען מייַנע ביכער, און איך זאָג אים אָפּ, הייסט דאָס די מאַמע אים געבן, ווייל דאָס בילדעט אויס זיין כאַראַקטער. ווען עס טוט מיר ווי דער קאָפּ, ווייל די מאַמע נישט אַנטקעגנקומען מיין ביטע, אַז מאַרעק זאָל אויפהערן שרייען. ווען די מאַמע וואָלט אים נישט פּאַרטיידיקט, וואָלט ער זיכער געפאָלגט, ווייל ער האָט מיך ליב. אַזעלכע שוועריקייטן האָב איך אין דער היים".

איך פאַרשטיי דעם ווייטיק, ווען אַ ריינער פאַרשריבענער העפט ווערט פאַרגאָסן מיט טינט אָדער מיט וואַסער דורך דעם פּיריעריקן מאַרעק, ביי וועלכן עס „בילדעט זיך אויס זיין כאַראַקטער". עס איז פאַרשטענדלעך, אַז מען געשטאַלטיקט נישט מאַרעקס כאַראַקטער מיט דעם, וואָס מען דערלויבט אים אַלץ, וואָס אים גלוסט זיך צו טאָן. פּונקט פאַרקערט, מען פאַרקריפּלט זיין כאַראַקטער. מען געשטאַלטיקט דעם כאַראַקטער פון אַ קינד גראָד דאַן, ווען דאָס קינד ווייסט, אַז ס'זענען פאַראַן געוויסע זאַכן, וואָס זענען פאַרבאָטן, אַז ס'זענען פאַראַן געוויסע גלוסטונגען, וועלכע מע דאַרף און מע מוז העמען.

אַזעלכע מאָטיוון פון עלטערן, ווי „טרעט אָפּ, ווייל דו ביסט דאָך עלטער", אָדער „טרעט אָפּ, ווייל דו ביסט יינגער", באַוועלהן סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע קינד. מיט דעם שטערן מיר איין קינד אין דעם שפּילן זיך, אין דער אַרבעט, און צוליב דעם וואַקסט אָן ביי אים אַ קעגנערשאַפט און אומצוטרוי צו די עלטערן און אַ געפיל פון אַ באַוועלהטן, און ביי אַ צווייט קינד וואַקסט אָן אַ שוואַכקייט, אַן אָפּהענגיקייט. עס דערוואַרט שטענדיק הילף מצד די דערוואַקסענע.

מען דאַרף זיך אויך אויסהיטן פון אַזעלכע אויסדרוקן. ווי „גיב אים אָפּ דאָס העמערל, ווייל ער איז אַ יינגל" אָדער „די ליאַלקע געהער צו אסתרקען, ווייל זי איז אַ מיידל". אונדזער לעבן האָט אונדז געגעבן באַשטעטיקט, אַז מיידלעך קאָנען אויך אַרבעטן מיט אַ האַמער און קעלניע, מיטן רידל און בערשטל. אַלץ מער זעען מיר פרויען שאָפערן, טראַמווייפירער און קאָנדוקטאָרן.

יעדעס קינד, אַן עלטערס צי אַ יינגערס, אַ יינגל צי אַ מיידל, דאַרף האָבן אין דער היים זיין באַשטימט אָרט אויף צו אַרבעטן, צו שפּילן זיך: אַן אָרט, וווּ עס האַלט זיינע העפטן, וווּ קיינער וועט אים די זאַכן נישט אַ תל מאַכן.

ס'זענען פאַראַן מצד עלטערן אַ סך אָנקלאַגעס אויף קינדער, אַז זיי „קריגן זיך פאַר אַבי וואָס". די אָנקלאַגעס זענען נישט קיין באַגרינדעטע, ווייל די קריגערייען זענען צוו. אנד. אַ רעזולטאַט פון מאַנגל אין אָרגאַניזאַציע פון דעם לעבן פון די קינדער, פון מאַנגל אין פאַרשטענדעניש פאַר זייערע באַדערפעניש. אַזעלכע קריגערייען קומען פאָר ביי קינדער אין פאָרשול-עלטער. דאָס, וואָס די עלטערן האַלטן פאַר „שמאַטקעס", „אַבי וואָס", איז עס פאַר דעם קינד אַן אוצר, אַ רייכטום. יעדעס שייבעלע, גלעזעלע, שטיינדעלע, שאַכטעלע האָט פאַר די קינ-

דער אַ גרויסן װערט. אַ דרײַ־פֿיר־יאָריק קינד קאָן זיך נאָך נישט שפּילן צוזאַמען מיט זײַנע עלטערע פֿון אים ברודער צי שװעסטער. אויב עס אַנטשטייען קריגערייען צװישן זיי, דאַרף מען זיך אַרײַנמישן, אײַנשטעלן אַ געװיסן פּלאַן און אָרגאַניזירן אַ שפּיל. מע דאַרף רעגולירן זייער אַרבעט, שפּילערייען, זייער לעבן, אָרגאַניזירן זייער צײַט. דאָס װעט פֿאַרשפּאָרן דער מאַמען נישט איין קריג צװישן די קינדער. אַ גוט צוזאַמענגעשטעלטער טאָג־פּלאַן, װאָס זעט פֿאָרויס יעדן פּרט אין דעם לעבן פֿון דער פֿאַמיליע, פֿאַרלײַכטערט אין אַ גרויסער מאָס די אַרבעט, דאָס שפּילן זיך און בכלל דעם גאַנצן פֿאַרלויף פֿון דעם טאָג. אין אַ פֿאַמיליע, װוּ דער טאָג־פּלאַן װערט סיסטעמאַטיש און קאָנסעקװענט אָפּגעהיטן, האָבן נישט קיין אָרט קיין צופֿעליקייטן.

„אין דער דערציִונגס־אַרבעט, — זאָגט מאַקאַרענקאָ, — זענען נישט פֿאַראַן קיין נישט װיכטיקע ענינים. אַ גוטע אָרגאַניזאַציע באַשטייט אין דעם, װאָס דער קלענסטער פֿאַקט פֿאַלט נישט אַרויס פֿון אויג. קלײנע פּרטים װירקן כסדר, יעדן טאָג, יעדע מינוט, פֿון זיי באַשטייט אונדזער לעבן, אָנפֿירן מיטן לעבן, אָרגאַניזירן עס, — אָט דאָס איז אײַער פֿאַראַנטװאָרטלעכע אויפֿגאַבע".

די פֿראַגע פֿון שטראָפֿן קינדער איז אַ גרונט־פֿראַגע אין דער דערציִונג. די צאָל עלטערן, װאָס שלאָגן קינדער, איז לײדער נישט קיין קלײנע. מיר פֿאַרשטייען אונטערן װאָרט „שלאָגן" יעדע פֿאָרם פֿון באַשטראָפֿן פֿיזיש.

עלטערן פֿרעגן, װיאַזוי און מיט װאָס באַשטראָפֿן, אַז די שטראָף זאָל זײַן אַ װירקזאַמע.

קודם כּל, *מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן, אַז שלאָגן, יעדע פֿאָרם פֿון באַשטראָפֿן פֿיזיש איז שעדלעך.* און שעדלעך נישט נאָר דערפֿאַר, װײַל מיט שלאָגן ברעכט מען אונטער דאָס געזונט פֿונעם קינד און מע האַמעװעט זײַן נאָרמאַלע פֿיזישע אַנטװיקלונג. שלאָגן איז שעדלעך, קודם־כּל, דערפֿאַר, װײַל דאָס קאָן פֿאַרקריפּלען און פֿאַרקריפּלט דאָס קינד אין גײַסטיקן און מאָראַלישן זין. װען אַ דערװאַקסענער מענטש באַנוצט זיך מיט פֿיזישן כּוח, גיט דעם קינד אָפּצופֿילן, אַז ער איז לגבי אים ברוטאַל, אַז ער הערשט איבער אים מיט געװאַלט־מיטלען, רופֿט ער אַרויס בײַם קינד אַ װידערשטאַנד, שנאה, שלעכטסקייט און בכלל שלעכטע געפֿילן. נאָך אַ געװיסער צײַט הערט אויף דאָס קינד איבערצונעמען זיך מיטן שלאָגן. ער געװױנט זיך צו צו קלעפּ.

און װען עס װאַקסט אונטער, הייבט עס אַליין אויף די הענט אויף די עלטערן. דאָס רעגט, פֿאַרשטענדלעך, אויף די מוטער און דעם פֿאָטער, אָבער זיי פֿאַרגעסן, אַז דאָס זענען די רעזולטאַטן פֿון זייער דערציִונג. קינדער טאָר מען נישט שלאָגן און בכלל נישט אָנװענדן צו זיי קיין שום קערפּערלעכע שטראָפֿן.

אַ צװייטער „מעטאָד", װאָס װערט לײדער נאָך אָנגעװאָנדן דורך עלטערן,

איז שרעקן דאָס קינד. אין פיל היגזיכטן איז שרעקן נאָך שעדלעכער אַפילו פון שלאָגן.

אין פיל בריוו לויבן עלטערן דעם „מעטאָד“ ווי א מער ווירקנדיקן פון שלאָגן. זיי האַלטן, אַז דאָס קינד ווערט רואיקער, געהאָרכזאַמער. די עלטערן באַאומרואיקן דאַן בלויז אַזעלכע דערשיינונגען, ווי דאָס פאַרלירן דעם אַפּעטיט, אומרואיקער שלאָף און וויינען ביינאַכט, די מורא צו בלייבן אַליין אין שטוב און אַנדערע דערשיינונגען פון נערוועזקייט. די עלטערן זעען נישט די פאַרבינדונג פון די דאָזיקע באַגלייט-דערשיינונגען מיט זייער שרעקן די קינדער. און דאָס זענען דאָך אָבער די אומיטלבאַרע רעזולטאַטן פון דעם „בעסערן מעטאָד“.

אַ קינד, וואָס מען שרעקט, ווערט נערוועז, איבערגעשראָקן, פחדנותדיק. די דאָזיקע שטריכן קאָנען אים פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן. ער קאָן פאַרבלייבן א שרעקעוודיקער, מיט א שוואַכן גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות און פעיקייטן. ס'קאָן ביי אים אַנטשטיין א קאָמפּלעקס פון מינדערווערטיקייט-געפילן.

שרעקן האָט אויך אַ שלעכטן איינפלוס אויף דער פיזישער אַנטוויקלונג פונעם קינד. אונטער דער ווירקונג פון שרעק ווערט דאָס אָטעמען צוגעאיילט אָדער פאַרלאַנגזאַמט. זייער פילבאַרע קינדער באַקומען בויכווייטיק. מע טאָר די קינדער נישט שרעקן, אַז דער ברוּוטאַלער וועט אים צונעמען אין זיין טאָרבע אריין, אַז דער ציגיינער וועט אים צונעמען. מע טאָר זיי נישט שרעקן מיט קיין מיליציאַנטן, דאָקטוירים אאַז. מיר זוילן דאָך דערציען קינדער פריילעכע, מיט צוטרוי צו מענטשן, דרייסטע, וואָס האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין שוועריקייטן און שטערונגען, מיט וועלכע זיי טרעפן זיך אָן אויפן וועג פון זייער רייך, פילפאַרביק לעבן. אזעלכע הארפן דאָך זיין אונדזערע קינדער, די צוקונפטיקע בויער פון אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

עס ווערט אין דער פּראַקטיק אויך אָנגעוואָנדן דער „מעטאָד“ פון אויפצווונגען געהאָרכזאַמקייט. דער מעטאָד באַשטייט אין דעם, וואָס מע קויפט איבער דאָס קינד, וואָס מע זאָגט עס עפּעס צו, ווי אַ באַלוינונג פאַרן זיין געהאָרכזאַם.

אָפט פאַרגעסן אָבער די עלטערן וועגן דעם צוזאָג און האַלטן נישט קיין וואָרט. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס קינד הערט אויף צו גלייבן די עלטערן.

די אַלגעמיינע פרינציפּן וועגן שטראָפן קינדער זענען פאָלגנדיקע:

1) מע טאָר נישט שלאָגן קיין קינד, מע טאָר עס נישט שרעקן, נישט שטעלן אין ווינקל, נישט פארמאַכן עס אין א קעלער, פארשעמען אָדער אָפּלאַכן. אזעלכע און ענלעכע שטראָפן האַמעווען די פרייע אַנטוויקלונג פונעם קינד, מאַכן עס אומעטיק, נידערגעשלאָגן. דעריבער דאַרף מען זיי אַבסאָלוט אויסמיידן. שטראָפן, וואָס רופן ארויס ביים קינד נערוועזקייט, שרעק, אומצוטרוי צו דערוואַקסענע און קינדער, טאָרן נישט ווערן אָנגעוואָנדן. זייער שלעכטע ווירקונג לאָזט זיך נישט

באַלד באַמערקן, אָבער מיט אייזערנער קאָנסעקווענטקייט גיט זי זיך צו פֿילן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען עס איז שוין שווער און אָפֿטמאָל אוממעגלעך איר אָפּצוגעוווינען.

2) דאָס קינד דאַרף פֿאַרשטיין דעם זין פֿון דער שטראָף. די שטראָף וועט דאַן זיין ווירקזאַם, ווען דאָס קינד וועט באַנעמען די ריכטיקע האַנדלונג פֿון די עלטערן. פֿון דעם קאָנען מיר מאַכן דעם אויספֿיר, אַז צוטבעסטן זענען די שטראָפֿן, וועלכע זענען דירעקט געבונדן מיט די אומשטענדן, ביי וועלכע דאָס קינד פֿאַרשולדיקט זיך. צ. ב. א קינד, וואָס קאָן נישט שאַנעווען זיין ניי אָנצוג, באַקומט דעם אַלטן, דעם איבערגעניצעוועטן. ער שלאָגט זיך מיט זיינע חברים, זאָל ער א ביסל זיצן אליין אויף דער באַנק און צוקוקן זיך, ווי די חברים שפּילן זיך. ער פֿאַרהאַלט זיך שלעכט ביים טיש — זאָל ער זיצן באַזונדער, כאָטשבי ביים סאַמע עק פֿון טיש. ווען עלטערן זענען אַן אויטאָריטעט ביי די קינדער, איז גענוג אַן ערנסטער בליק, אויפֿצוהייבן העכער די שטימע, אַז דאָס קינד זאָל פֿאַרשטיין זיין שולד און זאָל זיך פֿאַרבעסערן.

עס דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז א שמייכל צום קינד, עטלעכע ליבֿווערטער אויף זיין אַדרעס, וואָס ווערן אָנגעוואָנדן אין דער מאָס און צו דער צייט, האָבן אַ גרויסע דערציערישע באַדייטונג. דאָס וויכטיקסטע פֿון דעם אַלעמען איז:

3) **די עלטערן זאָלן נישט זינגלאַז, נישט באַטראַכטערהייט באַשטראָפֿן.** נישט באַשטראָפֿן אונטערן איינפֿלוס פֿון כעס, אויפֿרעגונג, דענערווירונג. דאָס זענען בכלל שלעכטע עצה־געבער, בפֿרט, ווען עס גייט אין דערציען קינדער. בעסער אין אַזעלכע פֿאַלן איבערצוואַרטן, דורכטראַכטן און באַשטראָפֿן דאָס קינד אַזוי, אַז עס זאָל נישט שעדלעך זיין פֿאַר אים און עס זאָל פֿאַרשטיין, אויפֿנעמען די שטראָף ווי א נאַטירלעכן רעזולטאַט פֿון זיין האַנדלונג.

איך בין געווען אַן עדות פֿון אַזאַ שמועס צווישן דערציערינס פֿון קינדער אין פֿאַרשול־עלטער.

— איר פֿאָרט אין שטאָט אריין אויף אַן אויספֿלוג? איר וועט אָלעקן זיכער איבערלאָזן אין דער היים. ער האָט דאָך זיך הייגט אַזוי שלעכט אויפֿגעפֿירט, וועט דאָס זיין די געהעריקע שטראָף פֿאַר אים.

— פּונקט פֿאַרקערט, דאָס וועט נישט זיין די געהעריקע שטראָף. אָלעק קען נישט די שטאָט. דער אויספֿלוג איז פֿאַר אים נישט נאָר א גרויס פֿאַרגעניגן, נאָר אויך אַ לערע. מיר שטראָפֿן נישט קיין קינדער, מאַכנדיק אוממעגלעך צו געניסן פֿון דער לערע.

— אויב אַזוי, גיט אים נישט קיין זיסוואַרג, וואָס איר נעמט מיט אויפֿן אויספֿלוג.

— און דאָס וועל איך אויך נישט טאָן, זיסוואַרג איז נייטיק דעם קינד. דאָס וואָלט געווען אַ שטראָף דורך צונעמען עסן, און מיר האַנדלען נישט אַזוי.

— אויב אַזוי, איז מיט וואָס וועט איר אים באַשטראָפֿן?

— צוליב וואָס מוז מען אים שטראָפֿן?

— דערפֿאַר, ווייל ער האָט אַ קלאַפּ געגעבן יאַנעקן, און דערפֿאַר, וואָס ער האָט אויסגעגאָסן די מילך אויף דער פּאָדלאָגע.

דאָ, אין דעם פאַל, איז באמת נישט נייטיק קיין ספּעציעלע שטראָף. אָלעק פֿילט באַלד אָפּ די רעזולטאַטן, ווען ער פֿאַרשולדיקט זיך. מיר וועלן דאָך נישט זאַמלען זיינע פֿאַרשולדיקונגען, בכדי אין אַ געוויסן מאָמענט אים פֿאַר אַלץ מיטאַמאָל באַשטראָפֿן.

פֿאַר דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט געגעבן יאַנעקן, האָט זיין גרופּע מיט אים נישט גערעדט אויפֿן שפּאַציר; און פֿאַרן אויסגיסן די מילך האָט ער זיך אַליין באַשטראָפֿט. ער האָט קיין אַנדערע מילך נישט באַקומען.

ס'איז באמת נישט פֿאַראַן קיין באַדערפֿעניש צו באַשטראָפֿן אָלעקן דורך פֿאַרווערן אים מיטצופֿאָרן אויפֿן אויספֿלוג.

לאָמיר זיך באַמיען אַזוי צו דערציען אונדזערע קינדער, אַז מיר זאָלן קאָנען, אַזוי ווי די אויבנדערמאָנטע דערציִערין, פֿעסטשטעלן: „עס איז נישט פֿאַראַן קיין באַדערפֿעניש צו שטראָפֿן“.

צו דעם אידעאַלן צושטאַנד, וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן געשריבן, מוזן מיר שטרעבן טאָג־איין טאָג־אויס. ער איז רעאַל און דערגרייכבאַר, אויב מיר וועלן אַליין דינען ווי אַ ביישפּיל פֿאַר די קינדער, אויב מיר וועלן האַנדלען לגבי זיי איינהייטלעך און קאָנסעקווענט, אויב מיר וועלן שאַפֿן אַ געזונטע אַטמאָספֿער אין דער היים, אויב מיר וועלן איינשטעלן און רעאַליזירן אַ גוט דורכגעטראַכטן טאָג־פּלאַן פֿאַר דער גאַנצער משפּחה, במילא אויך פֿאַר די קינדער, אויב מיר וועלן נישט זינלאָז באַשטראָפֿן די קינדער, און אויב מיר וועלן אין דער דערציִונג אַרויסווייזן פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די באַדערפֿענישן און איבערלעבונגען פֿון די קינדער, פֿאַר זייער וועלט פֿון גרויסער פֿאַנטאַזיע און גרויסע אויפֿטוען.

דאָס קינד אין ערשטן לעבנסיאָר

די ערשטע דערציערישע שוועריקייט

ביז צום געבורט האָט דאָס קינד געלעבט מיטן לעבן פֿון דער מוטער, עס האָט באַקומען שפּייז פֿונעם בלוט פֿון דער מוטער, עס האָט געאָטעמט מיט אירע אָטעם=אָרגאַנען. איצט מוז עס זעלבשטענדיק עטעמען, זעלבשטענדיק פֿאַרדייען. עס מוז זיך אויך צוגעוווינען צו ליכט, צו פֿאַרשידענע שאָרכן, גערוישן און מענטשלעכע שטימען.

דעם זויגלינג איז קודם=כל נייטיק רו. מיר דאַרפֿן דעריבער נישט ווייזן עס קיין געסט, כאָטש עס איז אָפֿטמאָל שווער זיך אָפּצוזאָגן פֿון דעם פֿאַרגעניגן. דאָס זענען די ערשטע עלעמענטאַרע דערציערישע פֿאָדערונגען, דאָס זענען די ערשטע טריט צו דערציען אונדז אַליין. מיר הייבן אָן פֿון קלייניקייטן ביים אָרגאַניזירן דאָס לעבן פֿון דעם זויגלינג; זיי האָבן אָבער אַ זייער גרויסע באַדייטונג. ביי דעם בעטל פֿונעם זויגלינג שטעלן מיר אַוועק אַ טישעלע (אָדער אַ גרעסערע טאַבורעטקע), אויף וועלכן מ'וועט עס איבערוויקלען. דאָס טישל דאַרף האָבן אַזאַ הייך, אַז די מוטער זאָל זיך נישט צופֿיל אַריבערבייגן איבערן קינד. דער גוטער געזונט=צושטאַנד און דאָס זעלבסט=געפֿיל פֿון דער מוטער — דאָס איז איינער פֿון די וויכטיקסטע באַדינגונגען פֿאַר א גוטער דערציונג. בכדי נישט צו שאַפֿן קיין אַטמאָספֿער פֿון אייַלעניש און דענערווירונג אַרום דעם זויגלינג, בכדי אויסצומיידן די אָפֿטע אַרומלויפֿעניש, דאַרף מען די גאַנצע ווירטשאַפֿט פֿון דעם זויגלינג (וואַטע אין אַ פֿאַרמאַכטן סלוי, דאָס פּושקעלע מיט פּודער, וואַזעלין, בוימל, אַ טעצעלע אויף ברודיקע וואַטע אאַ.) האַלטן נאָענט פֿון דעם טישעלע צום איבערוויקלען.

ס'איז בעסער, אַז מען האַלט די אַלע זאַכן אויף א באַזונדער טישעלע אָדער פּאָליצע, אויב די וווינונגס=באַדינגונגען דערלויבן אויף דעם. דאָס וועט פֿאַרשפּאָרן א סך צייט און נערוון. די ערשטע דערציערישע שוועריקייט באַלד פֿון די ערשטע טעג איז דאָס נאָר=

מירן, דאָס איינהייטן סטאַבילע שעהן אויף צו קאָרמען וואָס זענען איינגעשטעלט געוואָרן דורכן דאָקטער. אויף דעם דאָזיקן באָדן קומען אָפט פאָר סיכסוכים צווישן די עלטערן און זייערע עלטערן (זיידעס, באָבעס) אָדער צווישן פאָרפאָלק גופא. אָט, וואָס מען שרייבט אין איינעם פון פיל בריוו:

„איך באַמי זיך צו העלפן דער פרוי דערציען דאָס קינד, ווייל איך קען פון טעאָריע די באַדערפענישן פונעם קינד. איך פאַרשטיי, צ. ב., אַז אַ קינד דאַרף מען יעדע דריי שעה זויגן, און נישט אַזוי ווי ביי אונדז, יעדע האַלבע שעה אאוו. אויסער דעם דאַרף דאָס קינד ביינאַכט האָבן אַן איבעררייס צומווייניקסטן 6 שעה, אָבער די ווייב מיינע פאַרשטייט דאָס נישט“.

אויב דער דאָקטער שטעלט פעסט, אַז דאָס קינד האָט גענוג שפּייז, דאַרף מען אים נישט געבן צו זייגן אויסער די שעהן, וואָס דער דאָקטער האָט פאַרשריבן, אויב אפילו עס וועט אין די ערשטע וואָכן הויך שרייען, ביינאַכט זיך אויפוועקן. ס'איז אַ פראַגע פון רעגולירן דעם מאָגן, און דערצו איז עס אַ זייער וויכטיקער דערציונגס-מאָמענט, ווייל שוין מיט דעם לערנט מען דאָס קינד סיסטעמאַטישקייט, אָרדענונג.

די שעהן פון זייגן — דאָס איז דער ערשטער „טאָג-פלאַן“ פון דעם זויגלינג. און צו איז נישט כדאי צוגעוווינען צו פּלאַנמעסיקייט שוין פון די ערשטע טעג פון לעבן? דאָס צוגעוווינען פון די ערשטע לעבנס-טעג צו פּלאַנמעסיקן עסן וועט ווירקן אויף דעם קינד אַזוי, אַז עס וועט זיך אָן שוועריקייטן שפּעטער צופּאַסן צו דער צייט פון עסן און טאָג-פלאַן אין דער זויגלינגס-היים, אין דער היים און אין דער פאָרשול. עס וועט פאַרשווינדן די פראַגע פון אַפּעטיט, וואָס מאַטערט אַזוי שטאַרק אויס די מוטער, ווייל דאָס קינד, וואָס איז צוגעוווינט צו אַ סטאַבילער צייט פון עסן, פילט אַ הונגער, ווען עס קומט די געהעריקע צייט.

א. מאַקאַרענקאָ, אין זיינע ווערק וועגן דערציען עלטערע קינדער, שטרייכט שטענדיק אונטער די באַדייטונג פון אַ „סיסטעם“ אין דער פאַמיליע. ס'גייט דאָ וועגן אַ געוויסער אָרדענונג, וועגן דעם פלאַן פון טאָג, וואָס דאַרף אַלע פאַמיליע-מענטשן, אָפּהענגיק פון זייער עלטער, פאַרפליכטן. דער פאַרפליכטנדיקער „סיסטעם“ פאַר אַ זויגלינג דאַרף פאָרויסזען פאָלגנדיקע פשוטע עלעמענטן:

א) לאָזן דאָס קינד רוען ביז דעם קאָרמען,

ב) קאָרמען יעדע דריטע שעה,

ג) באָדן שטענדיק אין אַ באַשטימטער שעה.

א סטאַבילער טאָג-פלאַן גיט דעם קינד דאָס געפיל פון רו און זיכערקייט. דאָס קינד הייבט אָן אָפּצופילן, וואָס עס קאָן דערוואַרטן אין יעדער צייט פון טאָג.

ווען דער טאָג-פלאַן ווערט נישט אָפּגעהיטן, פאַרלירט דאָס קינד דאָס געפיל

פון זיכערקייט און רו. עס ווערט אומרואיק און נערוועז. מע דאַרף אויסמײַדן די באַדינגונגען, וואָס קאָנען אַרויסרופן ביים קינד נערוועזקייט. די רואיקייט, באַהערשטקייט פון די עלטערן און פון דער סביבה האָט זייער אַ גרויסע באַדייטונג. דאָס קינד פילט אָפּ די אומרואיקייט פון דער סביבה. רואיקייט, אַ גוטער געמיטצושטאַנד דאַרפן אַרומרינגלען דאָס זויגלינג. עס טאָר נישט זיין צו טומלדיק, ווייל טומל מאַטערט א זויגלינג.

מיר דאַרפן אָבער אַרום דעם קינד נישט שאַפן קיין אַבסאָלוטע שטילקייט, ווייל דאָס וואָלט געשאַפן אַ קינסטלעכע סביבה — און מען טאָר נישט צוגעוווינען דאָס קינד צו אויסנעמלעכע באַדינגונגען, וואָס לאַנג קאָן מען זיי נישט אָנהאַלטן.

א קינד, וואָס ווערט צוגעוווינט צו א פולשטענדיקער שטילקייט, ליידט פון דעם קלענסטן גערויש. מע דאַרף נישט אָפּט איינלאַדן קיין געסט אין דעם צימער, אין וועלכן עס געפינט זיך דאָס זויגלינג, נישט אָנשטעלן הויך דעם ראַדיאָ. מיט דער צייט, האַלטנדיק זיך ביי די אויבנדערמאָנטע אָנווייזונגען, וועלן מיר מיט פרייד פעסטשטעלן, אַז דאָס קינד ווייזט נישט אַרויס קיין סימנים פון נערוועזקייט.

א צווייטע דערציערישע שוועריקייט — דאָס געשריי פונעם קינד

די צווייטע שוועריקייט אין דעם פעריאָד איז דאָס געשריי פונעם קינד. דאָס וויינען קומט מיט אַ צייט שפּעטער. אויב מיר וועלן זיך אַן עצה געבן מיט דעם געשריי פון דעם זויגלינג, וועלן מיר דאַן לייכט זיך אַן עצה געבן מיטן וויינען פון אַן אייניאָריק קינד. אַלנפאַלס וועט דאָס וויינען זיין אַ זעלטנקייט, נאָר אין די פאַלן, ווען מיר זעגען טאַקע נייטיק דעם קינד און אָן אונדזער הילף קאָן זיך עס זעלבשטענדיק קיין עצה נישט געבן.

דאָס געשריי פון א זויגלינג — דאָס איז דאָס רופן נאָך הילף, דאָס איז דער ערשטער אופן פון פאַרשטענדיקן זיך מיט דער סביבה. דאָס קינד שרייט, ווייל ס'איז אים נאַס, עס רופט אונדז, מען זאָל עס איבערוויקלען, צו באַזייטיקן דאָס נישט אָנגענעמע געפיל. אין א געוויסער צייט ארום האָט שוין דאָס זויגלינג א קליינע דערפאַרונג, עס ווייסט, אַז נאָך א געשריי באַווייזט זיך עמעצער און פאַרעט זיך ביי אים. נאָכער פילט עס אַ דערלייכטערונג, ווייל ס'איז אים געוואָרן טרוקן און וואַרעם. א קינד שרייט, ווען ס'איז הונגעריק, ווייל דאָס געפיל פון הונגער איז נישט אָנגענעם. נאָך א געוויסער צייט, ווייסט עס, אַז עס וועט אַ געשריי טאָן, וועט זיך עמעצער איבער אים איבערבייגן, אויפהייבן אים, און דאַן וועט קומען דאָס געפיל פון רואיקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם געפיל פון זאַטקייט. פאַרשטענדלעך, אַז א זויגלינג פאַרטראַכט זיך נישט איבער זיינע גע=

פֿילן, עס פֿילט נאָר, אַז ס'איז אים אַנגענעם, גוט געוואָרן, אָדער, אַז ס'איז אים שלעכט, נישט אַנגענעם. אַ קינד שרייט, ווען עס טוט אים עפּעס וויי, ווען עס האָט אַ הויט־אויסשיט ווען דאָס בייכעלע טוט אים וויי, ווייל ס'האָט זיך איבערגעגעסן, ווען עס איז שלעכט פֿאַרוויקלט, און די פֿאַלדן פֿון די ווינדעלעך קוועלן דאָס דעליקאַטע קערפּערל. אונדזער פֿליכט איז צו געפֿינען די סיבה און באַזייטיקן זי, אַז דאָס קינד זאָל קאָנען רויִק אַנטשלאָפֿן ווערן.

וואָס דאַרף מען אָבער טאָן, אויב דאָס קינד וויינט ווייטער און אָפֿט, און דאָס, ווי מיר זענען זיכער, אָן אַ שום סיבה? אויב דער דאָקטער שטעלט פֿעסט, אַז דאָס קינד איז געזונט — און דערביי שליסן מיר אויך אויס הונגער און אַנדערע אומאַנגענעמלעכקייטן — און דאָך וויינט עס, שרייט עס אָפֿט, דאַרף מען זיך מיט דעם נישט איבערנעמען. מע דאַרף זיך שטאַרק באַוואָפֿענען מיט געדולד און אַנטשלאָסנקייט, און זיך נישט לאָזן טעראָריזירן דורך דעם זויגלינג. מיר האָבן וועגן דעם גוט געדענקען, ווייל פּראַקטיש איז דאָס דער אָנהייב פֿון דעם קאַמף, וועלכער ס'וועט רעגירן אין שטוב, די עלטערן, צי דאָס קינד. פֿון די ערשטע טעג איז אָפּהענגיק, ווער עס וועט דיקטירן זיין ווילן, צי די עלטערן דעם קינד, צי פֿאַרקערט. אייניקע עלטערן טרעטן אָפּ, גייען אויף הנחות; זיי פֿאַרענטפֿערן דאָס דערמיט, וואָס אַ קליין קינד פֿאַרשטייט נאָך גאָרנישט, און ווען עס וועט אויסוואַקסן, וועט מען האָבן קאָנען רעדן צו זיין פֿאַרשטאַנד. דאָס איז נישט קיין ריכטיקער צוגאַנג. דאָס קליינוואַרג הייבט שנעל אָן צו פֿאַרשטיין, אַז ס'קאָן דערגרייכן פֿיל דורך געשריי, און ס'הייבט אָן דערמיט מיסברויכן, רופֿנדיק יעדע מינוט די מוטער צי אַן אַנדערע פּערזאָן פֿון שטוב. נאָך אַ קורצער אָבסערוואַציע פֿון דעם זויגלינג, קאָן מען מיט העכער זיכערקייט פֿעסטשטעלן, ווען דאָס קינד רופֿט, אַז עס קוועלט אים עפּעס, און ווען עס וויל האָבן בלויז געזעלשאַפֿט, עמעצן לעבן זיך. אייניקע פֿון די יונגע מאַמעס שרייבט מיר אַזוי וועגן דעם געוויין פֿון איר זויגלינג: „מיין יאַנקעלע וויינט נישט אָן קיין סיבה. ווען ער קאָפּעט מיט די פֿיסלעך און שרייט הויך, הערט אויף, בכדי נאָך העכער צו שרייען, ווייס איך, אַז עס טוט אים וויי דער בויך. דער דאָקטער האָט מיר אָנגעזאָגט, וואָס מע טוט אין אַזעלכע פֿאַלן. ווען ער איז הונגעריק, שרייט ער און דרייט מיטן קעפּל אין אַלע זייטן, זוכנדיק אַזוי אַרום די ברוסט. ווען ער שטויסט זיך אָפּ מיט די פֿיסלעך פֿון דעם קישן און שרייט אייגטאָניק, ווייס איך, אַז ער איז נאַס. אין אַזעלכע פֿאַלן גיב איך אים גלייך הילף. אָבער דער „חכם מיינער“ רופֿט מיך צייטנווייז אָן אַ וועלכער ס'איז סיבה, ער וויל דאַן, איך זאָל זיך אַרום אים אַ ביסל פּאָרען, אַרומדרייען, אָן וועלכער ס'איז באַדערפֿעניש. איך קען זיך אָבער אויף אַזעלכע שטיקלעך, ווייל ער וויינט דאַן מיט איבעררייסן, צוהערנדיק זיך, צי איך גיי שוין צו אים. ווען נאָך אַ געוויסער צייט איבערצייגט ער זיך, אַז דאָס געוויין העלפֿט נישט, הערט ער אויף און שלאָפֿט איין“.

עס קאָן עמעצער פרעגן, נאָך וואָס אַזויפיל קאַמף מיט אַזאַ קליינוואַרג? צי איז דען טאַקע אַזוי שלעכט, אַז מיר פּיעשטשען אַ ביסל דאָס קינד? ס'איז דאָך אַזאַ גרויסער פאַרגעניגן סיי פאַר אונדז, סיי פאַרן קינד. מיט וואָס איז דאָס זיצן לעבן קינד אַזוי שלעכט? מיר דאַרפן וויסן און פאַרגעדענקען, אַז אַזוי געוווינען מיר צו דאָס קינד צו אונדזער בייזיין לעבן אים, און אַז ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער טאַקע וועלן, אַז מיר זאָלן שטענדיק זיין ביי אים, און דאָס איז שלעכט, זייער שלעכט. עס גייט נישט אין דעם, וואָס מיר וועלן נישט האָבן קיין צייט פאַר אים, און דאָס קינד וועט זיך פילן דאַן אומגליקלעך, עס גייט דאָ וועגן א וויכטיקן דערציונגס=מאָמענט, וועגן דערציען ביים קינד דאָס געפיל פון זעלבשטענדיקייט.

זעלבשטענדיקייט איז זייער אַ וויכטיקער כאַראַקטער=שטריך פאַר יעדן מענטש, און מיר דאַרפן עס צואייגענען דעם קינד בוכשטעבלעך פון דעם וויגל אָן. אַ זעלבשטענדיק זויגלינג וועט זיין זעלבשטענדיק אין דער פאָרשול, וועט זיין אַ זעלבשטענדיקער שילער און וועט אויסוואַקסן אויף אַ זעלבשטענדיקן בירגער. אָט פאַרוואָס מיר לייגן אַזויפיל אַכט אויף איבערלאָזן דאָס זויגלינג זיך אליין, ווען עס איז נישט הונגעריק, ווען עס קוועלט עס גאָרנישט און ס'טוט עס גאָרנישט ווי, ווען מיר זענען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז מיר זענען אים נישט נייטיק. א זויגלינג שלאָפט א סך אין די ערשטע חדשים, אָן עלטערס הייבט זיך אָן ארומצוקוקן ארום זיך, עס באַטראַכט זיינע הענטלעך, פיסלעך, די ארומרינגלענדיקע זאכן. אין דער „פאָרשנדיקער" ארבעט זענען מיר אים אַבסאָלוט נישט נייטיק, פאַרקערט, מיר קאָנען אים נאָר שטערן. לאָמיר געבן אויף דעם וואָס מער צייט, וואָס מער פרייהייט. ווען מיר רעדן וועגן צואייגענען א זויגלינג דאָס געפיל פון זעלבשטענדיקייט, שליסן מיר נישט אויס די נויטווענדיקייט פון קאָנטראָלירן, וויאַזוי דאָס קינד פאַרהאַלט זיך, פירט זיך אויף. שוין אין דעם סאמע ערשטן פעריאָד הייבן אָן אַ סך זויגלינגען צו זייגן דעם פינגער, וואָס דאָס איז זייער אַ פריקרע נייגונג. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז קיין איין מוטער פרעגט זיך נישט אָן און אין די בריוו, וויאַזוי צו באַקעמפן די שלעכטע נייגונג פון זייגן דעם פינגער. עס קומען אָן א סך פראַגן וועגן דער דאָזיקער נייגונג, אָבער דאָס איז בנוגע בלויז עלטערע קינדער. אין טייל בריוו זענען די עלטערן ממש פאַרצווייפלט.

די נייגונג פון זייגן א פינגער איז א רעזולטאַט פון דער פאַרנאַכלעסיקונג מצד די עלטערן. מען דאַרף נישט דערלאָזן באַלד פון דעם ערשטן מאָמענט אָן צו זייגן דעם פינגער, ווייל עס ווערט מיט דער צייט אַ שלעכטע נייגונג, אַ טבע, און נאָכער מוזן מיר שוין זוכן מיטלען צו באַקעמפן די שלעכטע געוווינהייט. גוט דערציען אַ זויגלינג אין די ערשטע חדשים פון זיין לעבן — הייסט צוגעוויינען עסן צו דער צייט, קאָנסעקווענט איינפירן א טאָג=פּלאַן, צוגעוויינען, אַז עס זאָל זיך נישט נייטיקן אין קיין שום געזעלשאַפט, אַז עס זאָל אונדז נישט צו

אָפּט רופֿן צו זיך מיט אַ געשריי אָדער דורך אַ געוויין. אַ גוט דערצויגן קינד ווערט אנטשלאָפֿן אָן איינוויגן און אָן הוידען עס, אָן טראָגן עס אויף די הענט, און אָן דעם אומזיניקן זייגן אַ פינגער.

דאָס קינד באַקענט זיך מיט זיך זעלבסט

די צייט לויפט שנעל. מיר האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן ארומצוקוקן, און דאָס זויגלינג הייבט אָן צו פּלאַפּלען, הייבט אָן זיך צוצוקוקן צו זיך אַליין. עס באַטראַכט זיינע הענטלעך, עס באַמיט זיך צוצוציען זיינע פיסלעך צום פּנימל. אָנטוענדיק דאָס קינד אין נישט קיין קרעמפּירטע קליידער, פאַרלייכטערן מיר אים אין דער ארבעט. נישט קרעמפּירנדיקע קליידער דערמעגלעכן אים פריי צו באַוועגן זיך. מיר דאַרפן אים אויך נישט קוועלן די פיסלעך, די הענטלעך, עס זאָל זיך קאָנען פריי מיט זיי שפּילן. מען דאַרף דערביי אין אַכט נעמען, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ שפּיל, דאָס איז אַ פאָרשערישע ארבעט. דאָס קינד דערקענט זיך, זיין קערפּערל, און מיט פאַרוואונדערונג ווערט עס געוואויר, אַז די הענטלעך, פיסלעך, קאָנען אים זיין געהאָרכזאַם, וואָס דאָס גיט אים גרויס פרייד און צופרידנקייט. אין דעם פּעריאָד פון דעם קינדס לעבן דאַרף מען אָבער אכטונג געבן, אַז עס זאָל זיך נישט שפּילן מיט דעם געשלעכטס־אָרגאַן. די עלטערן הייבן זיך אָן צו קלאָגן וועגן דער פריקרער געוואוינהייט, ווען דאָס קינד איז שוין עלטער. דעמאָלט איז שווער צו קעמפן מיט דעם, ווייל ס'איז געוואָרן אַ געוואוינהייט. פיל איינפאַכער און גרינגער איז נישט צו דערלאָזן, אַז עס זאָל זיך שאַפן די געוואוינהייט. עלטערן זענען אָפט צופרידן, ווען דאָס קינד שפּילט זיך שוין אליין, עס וויינט נישט און לייגן דאַן נישט קיין אכט אויף אַזעלכע „דראָבנע" זאַכן, ווי דאָס אָפטע צורירן זיך צום געשלעכטס־אָרגאַן און דאָס זייגן דעם פינגער, זיי מיינען, אַז דאָס וועט פאַרשווינדן, ווען דאָס קינד וועט אויסוואַקסן. דערווייל אָבער וואָרצלען זיך טיף איין די געוואוינהייטן, און שפּעטער האָבן די עלטערן שוועריקייטן ביים באַקעמפן זיי. ביים באַמערקן אַזעלכע דערשיינונגען ביים קינד דאַרף מען נישט אָנווענדן קיין שום האַסטיקע מיטלען, ווייל דאָס פירט נישט צום ציל. ווי בכלל אין דער דערציונג, גילט דאָ אויך פּראָפילאַקטיק און געדולד. מיר דאַרפן אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם קינד באַלד פון דעם ערשטן מאָל, ווי מיר באַמערקן עס נאָר, און קאָנסעקווענט האַנדלען. די פּראַקטיק באַווייזט, אַז האַנדלענדיק לויט די אָנגעגעבענע אָנווייזונגען, דערגרייכט מען גוטע רעזולטאַטן.

מיר לערנען אונדזער קינד אָרדענונג

מיט דער צייט זעצט זיך אויף דאָס קינד, נאָכער שטעלט עס זיך אויף. דאָס איז אַ מאָמענט, ווען מיר טרעטן צו צו לערנען אים אָרדענונג.

אָט איז איינער פון פיל בריוו אויף דער טעמע:

„איך בין א יונגע מוטער. איך האָב דעם ערשטן זון, וואָס ענדיקט איצט א יאָר. איך האָב מיט אים שוועריקייטן, ער באַנעצט זיך בייטאָג; אויב איך זעץ אים אַליין נישט אַוועק, וועט ער נישט רופן. איך לערן אים, אָבער ס'האָט העלפט נישט. ווען איך שריי אויף אים, צעלאַכט ער זיך. איך ווייס נישט, צי ער פאַרשטייט שוין, צי נאָך נישט..." אייניקע מוטערס מיינען, אַז אַ קינד, וואָס רעדט שוין ארויס די ווערטער: „טאַטע, מאַמע, גיב. באָבע", דאַרף שוין אויך רופן, ווען עס האָט א געוויסע פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש. דאָס איז נישט ריכטיק.

מיר דארפן אויסארבעטן ביים קינד באדינגטע רעפלעקסן, וואָס זייער עקזיסטענץ האָט אנטדעקט דער באַקאַנטער סאָוויעטישער געלערנטער פּאַוולאָוו. אין דעם מאָמענט, ווען דאָס קינד קאָן זיך שוין אליין זעצן, הייבן מיר אָן אויסצוארבעטן אין אים די דאָזיקע באדינגטע רעפלעקסן. מיר זעצן עס דערליידיקן זיך סיסטעמאטיש אין דער זעלבער צייט, צומבעסטן דעמלט, ווען דאָס קינד געוויינלעך טוט עס. אויסער דעם, אויך פאַרן שלאָפן, פאַרן גיין אויפן שפּאציר. מיר באנוצן זיך דערביי מיט אַ קלאַנג, וואָס איז לייכט פאַרן קינד צו פארגעדענקען און ארויסצוברענגען. עס גייט דאָ אין דעם, אַז דאָס קינד זאָל אסאָציאירן דעם קלאַנג מיט דער פיזיאָלאָגישער באַדערפעניש. וואָס סיסטעמאטישער מיר וועלן עס טאָן, אַלץ שנעלער וועט דאָס קינד דעם קלאַנג זיך צואייגענען און רופן, ווען עס וועט האָבן די באַדערפעניש.

אַרויפזעצן אַ קינד דאַרף מען אין דער ערשטער צייט, אונטערהאלטנדיק עס אין דער לופטן. אַ מייל קינדער געוויינט זיך שנעל צו, ווען מיר האַלטן זיי אונטער. נאָך אַ געוויסער צייט הייבן מיר אָן אונדזער קינד אַרויפצוזעצן אויף א נאַכט־טעפּל. צומבעסטן זענען נאַכט־טעפּלעך פון גלאָז. זיי זענען ביליק און לייכט צו האַלטן ריין, זיי האָבן ברייטע ברעגן, און דעם קינד איז באַקוועם צו זיצן, ווייל עס שניידט זיך נישט אַריין אין דעם קערפּערל. מע דאַרף נישט דערלויבן דעם קינד לאַנג צו זיצן אויף דעם נאַכט־טעפּל, ווייל דאָס איז נישט קיין גוטע געוווינהייט. זייער וויכטיק איז צו געדענקען, אַז דאָס נאַכט־טעפּל זאָל נישט זיין קאַלט. אויב אַ געזונט און עטוואָס עלטער קינד רופט נישט אין די פאַלן, איז עס דערפאַר, ווייל מיר האָבן עס צו דעם נישט צוגעוווינט, נישט געלערנט קיין אָרדענונג.

נישט דערלויבן אויף אומזיניקע שפּילערייען מיטן קינד

עס וועט נישט זיין קיין איבערטרייבונג, ווען מיר וועלן זאָגן, אז עס זענען פאַראַן זויגלינגען, וואָס זיי אינטערעסירט די סביבה, די געזעלשאַפט. זויגלינגען, וואָס קוקן זיך איין אין מענטש, וועלכן זיי זעען דאָס ערשטע מאָל, זייער גערן, מיט אינטערעס, זיי שמייכלען צו גייע באַקאַנטע, און זיי גייען גערן צו זיי אויף די

העגט. עס זענען פֿאַראַן קינדער, וואָס האָבן מורא פֿאַר נייע מענטשן, ווען זיי זעען נייע מענטשן, ברעכן זיי אויס מיט א געוויין, זיי באַהאַלטן זיך. די צווייטע קאַטעגאָריע קינדער — דאָס זענען קינדער, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געזען קיין פֿרעמדע פּנימער, אָדער זיי האָבן אַ טרויעריקע דערפֿאַרונג, אַז מען דאַרף פֿאַר פֿרעמדע פּנימער מורא האָבן. אָפֿטמאָל שאַפֿט זיך אַזאַ אומווילן אָדער מורא אין רעזולטאַט פֿון נישט געהעריקע שפּילערייען פֿון די דערוואַקסענע מיט די קינדער. די דאָזיקע שפּילערייען, ווי דאָס אונטערוואַרפֿן הויך אין דער לופֿטן, דאָס צודריקן זיך מיט א נישט געגאָלטער באָרד צו דעם דעליקאַטן פּנימל אאַוו. שטעלן צופֿרידן די דערוואַקסענע, אָבער פֿאַר דעם קליינוואַרג איז עס נישט אָנגענעם און פֿריקרע. די עלטערן דאַרפֿן האָבן גענוג מוט דאָס צו פֿאַרווערן.

א גוט דערצויגן אייניאָריק קינד איז פֿריילעך, מילד, צוגעלאָזן צו דערוואַקסענע, און מיט אַ שמייכל באַגעגנט עס נייע פּנימער. ווען עס טרעפֿט מיט אַזאַ קינד אַ פֿאַרפֿאַל — עס פֿאַלט אום אויף דער פּאָדלאָגע, עס לאָזט אַראָפּ אַ שפּילצייג, אָדער עס גיט זיך אַ קלאַפּ — שרייט עס נישט און וויינט נישט לאַנג, נאָר קערט זיך שנעל אום צוריק צו זיינע שפּילן. אַזאַ קינד, וואָס איז צוגעוווינט צו א טאָג=פּלאַן (אין דער צייט גייט עס שפּאַצירן, באַקומט עסן, ווערט געבאָדן), האָט אַ גוטן אַפּעטיט, ביינאַכט שלאָפֿט עס גוט, און ווען מען זעצט עס אַרויף, דערליידיקט עס זיך. אַן אייניאָריק קינד, וואָס קאָן זיך אַליין שפּילן און שטענדיק געפֿינען אַן עצה אין אַ שווערער סיטואַציע, צ. ב., אויפֿהייבן דאָס שפּילצייג, וואָס ליגט ערגעץ פֿאַרוואָרפֿן, צורוקן צו זיך דעם פֿאַרלאַנגטן קעגנשטאַנד אָן דער הילף פֿון דערוואַקסענע, — איז אַ גוט דערצויגן קינד.

וויאַזוי דערציִען אַ קינד אין צווייטן און דריטן לעבנסיאָר

די דערציִונג פון אַן איינאָריק קינד איז אַ ווייטערדיקער המשך פון דער דערציִונג, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן און געפירט ביזן יאָר. אין אַלגעמיין דאַרף מען זיך האַלטן ביי די אָנווייזונגען, וואָס זענען געגעבן געוואָרן פאַר קינדער ביז אַ יאָר. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס קינד דאַרף אויך איצט גיין שלאָפן, גיין אויף שפּאַציר, עסן אין אַ באַשטימטער שעה.

איצט קומען צו שווערקייטן, וועלכע מיר האָבן אין פריערדיקן פעריאָד נישט געקאָנט האָבן און נישט געהאַט.

מיר אַנטוויקלען ווייטער אין קינד די זעלבשטענדיקייט. מיר גיבן איצט דעם קינד אַ סך מעגלעכקייטן פון פריי באַוועגן זיך. מיר טאָרן עס אָבער נישט איבערלאָזן אינגאַנצן אַליין. מיר מוזן אָפּט אָבסערווירן, וויאַזוי עס פאַרהאַלט זיך, ווייל עס קאָן זיך טאָן אַן עוולה, און נישט בלויז זיך, נאָר אויך דער סביבה. מיר לייענען אָפט אין די צייטונגען וועגן שריפות, וואָס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן טאַקע דורך דעם קליינוואַרג. ס'טרעפן זיך מיט קינדער אַנדערע אומגליקן, ווען מען לאָזט זיי איבער אָן אַן אויפזיכט.

דעריבער זאָגן מיר קלאָר: געבן דעם קינד מאַקסימאַלע באַדינגונגען פאַר פריי באַוועגן זיך, שפּילן זיך, הייסט נישט איבערלאָזן עס אָן אַן אויפזיכט. פאַרקערט, וואָס גרעסער די פרייהייט פון באַוועגונגען און דאָס שפּילן זיך, אַלץ מער מוזן מיר אָבסערווירן און אַכטונג געבן, אַז עס זאָל זיך נישט טאָן קיין עוולה, און אויך נישט דער סביבה. אַ סך מוטערס, מיד ווערנדיק פון דעם שטענדיקן אָבסערווירן דאָס קינד, מאַכן זיך „אַ לייכט לעבן“, זיי באַגרענעצן זיין פרייהייט. מיר פאַרשטייען די שווערקייטן, ווען אַ מאַמע מוז אין דער זעלבער צייט אין זינען האָבן פאַרשידענע שטוב-זאַכן און דערביי געדענקען וועגן דעם קינד, וואָס שפּילט זיך פריי און באַוועגט זיך פריי. אָן שום ספק זענען דאָס שווערקייטן, מיר האַלטן אָבער פאַר נייטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דער נישט דערלאָזבאַרקייט פון דערציערישן שטאַנדפּונקט צו באַגרענעצן די פרייהייט פון קינד. אָבסערווירן הייסט נישט, אַז מען מוז די גאַנצע צייט שטיין און צוקוקן זיך, ווי=

אזוי דאָס קינד שפּילט זיך, פאַרהאַלט זיך. אָבסערווירן דאָס קינד בעתן שפּילן זיך הייסט די גאַנצע צייט היסטערעט אַכטונג געבן און פון צייט צו צייט קאָנטראָלירן, וויאַזוי עס שפּילט זיך, טוישן אים דאָס שפּילצייג, צוהעלפן אים, ווען אָן אונדזער הילף וועט עס זיך נישט געבן קיין עצה.

ווען א קינד הייבט אָן גיין

די ערשטע טריט פון קינד, באַזונדערס, ווען ס'איז דאָס ערשטע קינד, איז פאַר די עלטערן אַ גרויסע איבערלעבונג. נישט איינער פון זיי האָט נישט קיין געדולד זיך צו דערוואַרטן, ביז דאָס קינד וועט אַליין זעלבשטענדיק אָנהייבן גיין. ווילנדיק צואיילן דעם דאָזיקן פּראָצעס, נעמט מען דאָס קינד פאַרן הענטל און מען הייבט עס אָן צו פירן. דאָס איז נישט בלויז נישט געווונטשן, נאָר זייער שעדלעך. פריצייטיק צווינגען דאָס קינד גיין, ווען עס איז נאָך נישט אימשטאַנד און פילט זיך נאָך נישט גענוג שטאַרק, קאָן ווירקן נעגאַטיוו נישט בלויז אויף זיין פיסישן צושטאַנד, נאָר אויך דערפירן צו אן אויסקרימונג פון די פיסלעך אָדער צו אַן אַנדערן פיזישן פעלער.

כדי דאָס קינד זאָל זעלבשטענדיק איבן זיך אין גיין, איז גוט איינצואָרדענען פאַר אים אַ „געשטעל“. דאָס איז א פירוועגלדיקע אַפּצוימונג מיט שטאַכעטלעך, וועלכע מען קאָן לייכט מאַכן. דאָס קינד, האַלטנדיק זיך אין די שטאַכעטלעך, הייבט אָן אַרומגיין ביי די ווענטלעך פון געשטעל איינגאַנצן זעלבשטענדיק. ווערנדיק פאַרמאַטערט, זעצט זיך עס צו אָן רוט אָפּ. אונטער דעם געשטעל בעטן מיר אויס אַ ווייכן קאָץ און גיבן דעם קינד זיין באַליבט שפּילצייג. די מוטער קאָן דאַן רואיק טאָן איר אַרבעט.

די ווענטלעך פון געשטעל דאַרפן זיין גוט און גלאַטיק אויסגעהובליעוועט, און אזוי מאָנטירט, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען לייכט צונויפלייגן און נישט פאַרנעמען קיין איבעריק אָרט אין צימער. די ווענטלעך דאַרפן זיין פון 55 — 60 צמ. די הייך און פון 120 — 150 צמ. די לענג. פון 10 — 12 צמ. דאַרף זיין דער אָפּשטאַנד צווישן די שטאַכעטלעך.

און ענדלעך: דאָס קינד וויל אַליין אָנהייבן גיין. עס נעמט פאַר דער האַנט אַ דערוואַקסענעם, און אָנהאַלטנדיק זיך גייט עס. טייל קינדער, שטעלנדיק זייערע ערשטע טריט, האַלטן זיך אָן אין מעבל פון צימער, איבערגייענדיק פון איין מעבלשטיק צום צווייטן. אויב דאָס צימער איז קליין און די מעבל שטייען נאָענט איינס פון אַנדערן, קאָנען זיי אפילו אַרומגיין דאָס גאַנצע צימער.

מע קאָן אויך קויפן פאַרן קינד אַ ספּעציעלן „קויש“, וואָס פאַרלייכטערט אים דאָס לערנען זיך גיין. ס'העלפט דעם קינד איינהאַלטן די גלייכגעוויכט און גיט

אים אויך די מעגלעכקייט פריי זיך צו באַוועגן. אַדאַנק דעם „קויש“ איז די מוטער נישט געצוואונגען צו זיין צוגעשמידט צום קינד.

צום סוף קומט די לאַנג דערוואַרטע מינוט. דאָס קינד הייבט אָן מאַכן די ערשטע פרווון זעלבשטענדיק צו גיין. די ערשטע זעלבשטענדיקע טריט! דאָס איז זייער אַ וויכטיקע זאַך סיי פאַרן קינד, סיי פאַר די עלטערן. בעת די דאָזיקע פרווון געשטאַלטיקט זיך דער כאַראַקטער פון קינד, ס'האַרטעוועט זיך זיין ווילן. אַ סך איינגעשאַפטן פון קינדס פסיכיק זענען אָפּהענגיק פון דער האַלטונג פון די עלטערן אין דאָזיקן לעבנס-פעריאָד פון קינד.

דאָס קינד מוז, שטעלנדיק זיינע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט, איינהאַלטן די גלייכגעוויכט, באַהערשן די באַוועגונגען. עס קאָן נאָך דאָס נישט באַווייזן מיטאַמאָל, דעריבער פאַלט עס אָפּט און הייבט זיך אויף. ווען דאָס קינד באַוועגט זיך שוין איבערן צימער, טרעפט עס אָן אויף אַנדערע אומדערוואַרטע שוועריקייטן. דער אָדער יענער קעגנשטאַנד שטעלט זיך אים אין וועג, אויך די שוועל שטעלט מיט זיך פאָר נישט קיין קליינע שטערונג. דאָס קינד פאַלט אָפּט. ס'איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, און די פליכט פון די עלטערן איז אַזוי איינצואָרדענען דעם אַרום פון קינד, אַז עס זאָל זיך נישט טאָן קיין שום בייז. מען דאַרף דעריבער אויסבעטן די פאָדלאָגע מיט אַ ווייכן קאָץ, באַזייטיקן פון צימער אַלע קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן שאַרפע קאַנטן. די קאַלאָריפערן דאַרף מען פאַרשטעלן מיט אַ הילצערנער באַריער אָדער פאַראַוואַן. דאָס איז נייטיק אַפילו ביז 7 יאָר. די זיכערקייט, אַז דעם קינד דראָט נישט קיין געפאַר, אַפילו ווען עס פאַלט אָפּט, וועט מיטווירקן, אַז די עלטערן זאָלן זיך פאַרהאַלטן ווי געהעריק, בעת דאָס קינד וועט זיך לערנען גיין.

ס'זענען פאַראַן קינדער, וועלכע פאַלן ווייניק בעתן לערנען זיך גיין. דער גרעסטער טייל פאַלט אָבער יאָ און דערצו אָפּט. ס'איז נישט קיין אָנגענעמע זאַך, אָבער אַן אומפאַרמיידלעכע. אין דעם פאַל איילן די עלטערן שנעל מיט הילף. זיי הייבן אויף דאָס קינד, יצערטלען עס, שרעקן און זידלען די פאָדלאָגע, טייל עלטערן שלאָגן אַפילו די פאָדלאָגע דערפאַר, ווייל זי האָט באַוואולהט דאָס קינד. דאָס איז אָבער נישט קיין ריכטיקער צוגאַנג.

די ערשטע טריט פון קינד זענען פאַר אים זייער ריזיקאַלישע. עס האָט מורא, ווייל דאָס פאָדערט פון אים אַנטשלאָסנקייט, אַן אָנשטרענגונג פון ווילן. ווען דאָס קינד פאַלט ביי די ערשטע פרווון צו גיין, פאַרשטייט עס נאָך נישט, וואָס מיט אים איז געשען, עס ווערט אַביסל איבערראַשט, און אויב עס דערפילט נאָך אַ ווייטיק, ווערט עס אויפגעטרייסלט און איבערגעשראָקן.

די עלטערן דאַרפן אין די געגעבענע פאַלן נישט אַרויסווייזן קיין שרעק, זיין באַהערשט, באַמיען זיך איבערצוצייגן דאָס קינד מיט מילדע ווערטער: „הייב זיך אויף, ס'איז גאָרנישט געשען. קום אַהער, דאָ, צו מיר“. זען, צי דעם קינד איז נישט געשען קיין שום בייז, דאַרף מען זייער דיסקרעט, אַז עס זאָל וועגן דעם נישט וויסן

אונדזער שטרעבונג דאַרף זיין: זעלבסטבאַדינונג פון די קינדער

כ׳ווייס, אַז דאָס איז נישט לייכט. דאָס נאַטירלעכע געפיל פון אַ מוטער איז וואָס גיכער העלפן דעם קינד, אויפהייבן עס, באַרואיקן אאַוו. אָבער די דאָזיקע רעאַקציע מצד די עלטערן רופט אַרויס און פאַרפעסטיקט ביים קינד דאָס געפיל פון דער עוולה, וואָס אים איז געשען. טייל קינדער האָבן אפילו מורא אָנצוהייבן אויפסניי פרוון גיין. ס׳פאַרשווינדט ביי זיי די דרייסטקייט, זיי שרעקן זיך כסדר פאַר נייע שטרויכלונגען.

צומערגסטן איז סיי פאַרן קינד און סיי פאַר דער מוטער דאָן, ווען דאָס קינד באַמערקט די איבערגעשראָקנקייט פון דער מוטער. עס רעזיגנירט דאַן פון די אייגענע זעלבשטענדיקע פרוון און בעט כסדר הילף ביי די דערוואַקסענע בעתן שטעלן די ערשטע טריט.

לאָמיר דעריבער געדענקען, אַז פון אונדזער האַלטונג בעת די ערשטע טריט פון קינד איז אַ סך אָפּהענגיק, צי וועט עס אויסוואַקסן אַ דרייסטס, צי וועט עס גלייבן אין די אייגענע כוחות און מעגלעכקייטן, צי וועט עס האָבן זיכערקייט ביים באַקעמפן פאַרשידענע שוועריקייטן, אָדער פאַרקערט, עס וועט זיין אַ שרעקעוודיק, קרענקלעך עמפינדלעך קינד, וואָס זעט אַרום זיך פיל שוועריקייטן און קוקט כסדר אויס אויף דער הילף פון דערוואַקסענע. דאָס פעלן פון זעלבשטענדיקייט ביים קינד, ווען עס ווערט עלטער, נעמט זיך אָפטמאָל פון דער נישט ריכטיקער דערציונג, וועלכע די עלטערן גיבן דעם קינד אין דעם פּעריאָד, ווען עס האָט אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט.

„איך אליין"

עלטערן הייבן זיך אָן צומשטאַרקסטן צו באַקלאָגן אויף דער עקשנות און קאַפּריזן פון קינד, ווען עס איז אַלט 2 — 3 יאָר. זיי זאָגן, אַז עס איז איינגעשפּאַרט, אומדערטרעגלעך. ווען איר בעט זיי אָבער צו דערקלערן, אין וואָס עס דריקט זיך אויס די עקשנות, אין וואָס עס באַשטייען די קאַפּריזן, ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט שטענדיק זענען די עלטערן גערעכט. אָפט מאַכן זיי זייערע פאָרווורפן פּשוט דערפאַר, ווייל זיי קענען נישט די פּסיכיק פון קינד.

אַ דריי-יאָריק קינד האָט זיך שוין אויסגעלערנט גוט גיין, און עס באַוועגט זיך פולשטענדיק פריי און זעלבשטענדיק אומעטום. עס קען שוין אויך רעדן און פאַרשטענדיקן זיך מיט די מענטשן פון דער סביבה. דאָס קינד באַקומט דאָס געפיל פון זעלבסטזיכערקייט, וויל אַליין אויספירן אַ גאַנצע ריי פונקציעס, וועלכע ס׳האָבן פאַר אים ביז איצט אויסגעפירט דערוואַקסענע. עס וויל זיך אַליין אָנטאָן, עסן (ווייל עס געשעט, אַז די מאַמע קאָרמעט עס נאָך אָן), צורוימען. עס טוט דאָס אָבער אומבאַהאָלפן, נישט ווי געהעריק. ס׳טרעפט אויך, אַז עס טוט דאָס זייער לאַנג. דאָס, וואָס אַן עלטערער פירט אויס אין 5 מינוט, דויערט ביים קינד 20 מי-

נוט און נאָך מער. מיר זענען דאָ אומגעדולדיק. ס'דענערווירט אונדז, ווען דאָס קינד פֿאַרשנורעוועט די שיכלעך, טוט אָן דאָס קליידל מיט דער פּלייצע פֿון פֿאָרנט, גיסט זיך אָפּ מיט דער זופּ אַדגל. מיר וואָלטן בעסער אַליין דאָס געוואָלט טאָן, ס'וואָלט אויסגעפֿירט געוואָרן גיכער און בעסער. אָבער מיר טרעפֿן זיך אָן אויפֿן קינדס עקשנות, אויף זיין געוויין און פּראָטעסטן. די מערהייט טענות פֿון די עלטערן קומט אויף טאַקע אויפֿן דאָזיקן באָדן („איך איַיל זיך צו דער אַרבעט, און דאָס קינד האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז עס וויל אַליין עסן"). נישט לאַנג צוריק בין איך געווען אַן עדות פֿון אַזאַ סצענע: פֿון אַ פֿול־געפּאַקטן אויטאָבוס שטייגן אויס איינע נאָך די אַנדערע פּאַסאַזשירן. די באַוועגונג ווערט געהאַמעוועט דורך אַ דריי־יאָריק יאַטל. די מוטער איז שוין אויסגעשטיגן און וואַרט אויפֿן טראָטואַר, איך וויל אים העלפֿן, כּדי ער זאָל שנעלער אַראָפּגיין. אַלס ענטפֿער באַקום איך אַ שטויס אויף צוריק מיט זיין הענטל און אַ בייזן בליק: „איך אַליין". ענדלעך האָט ער זיך צובאַקומען צו די טרעפּלעך. די מאַמע ציט אויס די הענט, וויל אים אַראָפּנעמען. דאָס יאַטל ציט זיך צוריק, פֿאַרהאַלט די גאַנצע ריי און ווידער „איך אַליין". די מאַמע קוקט בעטנדיק אויפֿן שאָפֿער, אָבער יענער טוט מיט אַ שמייכל אַ מאַך מיט דער האַנט. ער האָט אַוודאי אין שטוב אויך אַזאַ „איך אַליין" און פֿאַרשטייט זיך אויף דעם.

כּדי נישט אַרויסצורופֿן ביים קינד קיין בונט און דענערווירונג, כּדי עס זאָל גלייכצייטיק נישט אָפּהאַלטן אונדז אין אונדזערע טאָגטעגלעכע פֿונקציעס, דאַרף מען געוויינלעך, בשעת מען אָרדנט אים איין אין אונדזער פֿרייער צייט וועלכע ס'איז שפּיל, לערנען עס זיך אָנצוטאָן. שנעל אַראָפּצוגיין פֿון די טרעפּ, זעלבשטענדיק עסן אַדגל. לאָמיר נישט איבערלאָזן דעם קינד דאָס באַהערשן נייע און שווערע פֿאַר אים קענטענישן (אַליין אָנטאָן זיך, אַראָפּגיין פֿון די טרעפּ אַדגל.) אויף די טעג, ווען מיר האָבן אַ סך אַרבעט און אַ סך פֿליכטן. דאָס קינד שפּאַרט זיך איין דאָן, ווען עס פֿאַרשטייט נישט אונדזער געאייל, וויל זיין זעלבשטענדיק, אויף וואָס עס האָט רעכט; פֿון דאַנען נעמט זיך זיין עקשנות, זיין בונט.

ס'שטעלט זיך דאָך די פֿראַגע. צי קאָן מען שטענדיק דערלויבן דעם קינד דאָס, וואָס עס וויל, ווען מיר האָבן אַפֿילו דערויף צייט. ניין, נישט שטענדיק. נישט דעם קינדס ווילן וועט אונדז דיקטירן, וואָס מיר דאַרפֿן דעם קינד פֿאַרווערן און וואָס אים דערלויבן. אַנטוויקלען ביים קינד דעם ווילן און זעלבשטענדיקייט באַדייט אַבסאָלוט נישט דערלויבן דעם קינד ווילקיר, ווילדע שטיק. כ'וועל ברענגען עטלעכע ביישפּילן פֿון שלעכט פֿאַרשטיין ווי צו אַנטוויקלען ביים קינד זעלבשטענדיקייט און ווי צו הארטעווען זיין ווילן.

אויף דער שאַפֿע שטייט אַ גלעזערנע וואַזע. דאָס קינד וויל די וואַזע. מיר האָבן מורא, אַז עס וועט זי צעברעכן, און מיר ווילן זי אים נישט געבן, אָבער דאָס קינד פּאָדערט, וויינט; ענדלעך שטעלט עס צו אַ שטול צו דער שאַפֿע און פּרווט



מיט ווײַל נייגער באַטראַכט ער אַ לעפל מיט פּאָווידלע!

אַליין זי אַראָפּנעמען. געריירט פון קינדס זעלבשטענדיקן איינפאַל, גיבן מיר אים די וואַזע. אַזעלכע פאַלן טרעפן אָפט אין לעבן פון יעדער פאַמיליע. דאָס איז אָבער אַ גרויסער פעלער. דעם קינדס ווילן פאַרהאַרטעווען מיר נישט בלויז דאַן, ווען מיר שאַפן באַדינגונגען, עס זאָל קאָנען דערגרייכן זיינע צילן, נאָר אויך דאַן, ווען מיר לערנען עס צו פאַרהאַרטעווען זיך און קענען רעזיגנירן פון די אייגענע גלוסטענישן, קאָנען זיין צוריקגעהאַלטן און באַשיידן.

אַ צווייטער ביישפּיל. העניעק איז אַלט 4 יאָר, ער גייט אין פאָרשול. די מאַמע, ווען זי ברענגט אים צופירן, שטעלט פעסט מיט שטאָלץ: „ער איז אַזוי זעלבשטענדיק. ער נעמט זיך אַליין אַלץ, באַדינט זיך אַליין. איר וועט נישט האָבן מיט אים קיין שום קלאָפּאָטן“. אָבער דער פּערסאָנאַל האָט פון אים אַ סך צרות. ער איז וואָס אַן אמת זעלבשטענדיק, אָבער ער דערגרייכט זיין ציל אויפן חשבון פון די אַנדערע קינדער. ער שלאָגט, קאָפּעט, רייסט ביי זיי ארויס דאָס שפּילצייג, ווען אים פאַרגלוסט זיך עפּעס, שטרעבט ער צום ציל, באַוועלהנדיק זיינע חברטעס, חברים. אַזוי איז עס געווייגלעך, ווען מען אַנטוויקלט ביי די קינדער אַ נישט געצווימטע זעלבשטענדיקייט. אלס אונטערשטיצונג פאַר מיינע ווערטער וועל איך ברענגען די אַרויסזאָגונגען פון גרויסן סאָוויעטישן פּעדאַגאָג א. מאַקאַרענקאָ.

„פון ערשטן יאָר אָן דאַרף דאָס קינד אַזוי דערצויגן ווערן, אַז עס זאָל זיין אַקטיוו, עס זאָל שטרעבן צו עפּעס, עס זאָל עפּעס פאָדערן; גלייכצייטיק דאַרף מען מיט אים אַזוי קערעווען, אַז ביים קינד זאָלן זיך שטופנווייז שאַפן טאָרמאָזן פאַר די האַנדלונגען, וועלכע מיר האַלטן פאַר שעדלעך. געפינען דעם גלייכגעוויכט-פונקט צווישן דער אַקטיווקייט און די טאָרמאָזן און געהעריק אויפהיטן די דאָזיקע גלייכגעוויכט ביים באַגיין זיך מיט קינדער — הייסט גוט דערציען דאָס קינד“.

די דאָזיקע פעיקייט אויפצוהיטן די גלייכגעוויכט וועלן מיר, עלטערן, זיך אויסלערנען אין פּראָצעס פון דערציען אונדזערע קינדער, אויב מיר וועלן זיך פאַרטראַכטן איבער אונדזערע שריט לגבי דעם קינד, נעמענדיק אין אכט זיינע פיזישע און פּסיכישע מעגלעכקייטן.

אַ קליין קינד האָט ליב צו שטיפן

צוויי-יאָריקע קינדער גייען שוין זעלבשטענדיק, אייניקע אין דעם עלטער רעדן שוין גוט, זיי קאָנען שוין צוגיין צום טיש, צורוקן צו זיך אַ שטול און נעמען, וואָס זיי ווילן. זיי קאָנען אַרויסרוקן אַ שופלאָד און אַרויסנעמען אַלץ, וואָס ליגט דאָרט. פאַר דעם קליינעם מענטשעלע עפענען זיך קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן, עס איילט זיך דעריבער טאַקע זיי אויסצונוצן. אַ צוויי-יאָריק קינד קען נאָך ווייניק, אָבער עס איז שטאָלץ און צופרידן פון די טעטיקייטן, וואָס עס האָט שוין באַהערשט. הזרט עס

זיי אָן א צאָל מאָל איבער, ארויספירנדיק פון גערולד די דערוואַקסענע, מאַמעס קלאָגן זיך אָפּט אין בריוו, אז זייערע קינדער שלאָגן די ארומיקע, זיי דריקן אוים די מורא, צי דאָס זענען נישט עפּעס פארברעכערישע נייגונגען. דאָס קינד דאַקעגן איז גליקלעך, וואָס די הענט זענען אים געהאָרכזאַם, און הזרט איבער פיל מאָל די באַוועגונגען, וועלכע עס האָט שוין באַהערשט. מיט פרייד הערט עס אוים די געשרייען פון די דערוואָקסענע, נישט פארשטייענדיק, אז זייגע קלעפּעלעך טוען זיי וויי. אָט שרייבט א מוטער וועגן דעם אין א בריוו:

„איך בין אַ יונגע מוטער. מיין זון ענדיקט איצט דאָס צווייטע יאָר. דאָס קינד איז אַ געזונטס און גוט אַנטוויקלט, אָבער עס שטיפט ווו און ווען עס לאָזט זיך. קערט אום די שטולן אין קיך; וואָס עס פאַלט אים אריין אין די הענט אריין, טראָגט ער אַוועק אין דעם עמער מיט ברודיק וואַסער. זיין אייגציקע שפּילצייג איז דאָס הילצערנע העמערל, מיט וועלכן ער שלאָגט יעדן אָן רחמנות. ער האָט א קלאַפּ געגעבן דער באָבען אין פּוס אַריין, און זי האָט אים דאָס העמערל פארברענט“.

פארשטענדלעך, אַז דאָס העמערל האָט מען נישט באַדאַרפט פארברענען, ווייל יאנקעלע וועט זיך זיכער אָפּגעפינען אַן אנדערע כלי צום שלאָגן. און אויב ער וועט נישט געפינען קיין שטעקעלע אָדער ברעטעלע, וועט ער שלאָגן מיטן הענטל, פויסטל, אָט אַזוי, ווי עס טוען אנדערע קינדער אין זיין עלטער. מען דארף אים בלויז פאַרווערן שלאָגן מענטשן און דערלויבן קלאַפּן אין זאַכן, וואָס מען מעג זיי צעברעכן. בלויז דאָס איז אין דער פראגע וויכטיק. יאנקעלע קערט אום די שטולן אין קיך. מען דארף אים צורעדן, צוגעבן חשק, ער זאָל די שטולן צוריק אַוועקשטעלן אויפן אָרט, ער וועט עס גערן און זיכער טאָן, גאַנץ מעגלעך, אַז ער וועט דאַן ווייניקער אומקערן די שטולן, ווייל אוועקשטעלן זיי צוריק אויפן אָרט איז אַ סך שווערער און פאָדערט מער צייט. מיטן אַריינוואַרפן זאַכן אין ברודיקן עמער איז אַ ביסל אַ שווערער ענין. אַ קינד האָט ליב אריינוואַרפן זאַכן אין וואסער אַריין. עס האָט ליב זיך צוצוקוקן, ווי די זאַך זינקט אראָפּ אָדער שווימט אויף דער אויבערפלאַך פונעם וואַסער. אונדזער אויפגאבע איז צו לערנען דעם קינד, אָנווייזן עס, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר נישט אריינוואַרפן אין א ברודיקן עמער. מיר וועלן עס גאַנץ לייכט אויסלערנען, אויב מיר וועלן די זאכן, וואָס זענען פּאקטיש באַשטימט אויף אריינצוואַרפן אין ברודיקן עמער, אים געבן, ער זאָל עס אליין טאָן. ער וועט זיין העכסט צופרידן און וועט די טעטיקייט אויספירן פּינקטלעך און וועט אַליין קומען בעטן נאָך אַזעלכע זאַכן.

און איצט, וואָס טוט מען, ווען א קינד אין דעם עלטער קאָן שוין אליין צוגיין צו פארשידענע זאכן אין שטוב, און עס אינטערעסירט דאָך אים פּאקטיש אלץ, וואָס עס זעט און קאָן נאָר דערלאנגען?

דער קליינער פאָרשער ביי זיין פאָרשערישער ארבעט, ווייסן מיר, מאכט א תל, פאַרניכטעט נישט איין קעגנשטאַנד. ס'איז אַ פאַקט, אַז אָפּטמאָל קאָסט אונדז צו

טייער די פֿאָרשערישע ארבעט פֿון דעם קליינוואַרג. א סך עלטערן פֿאַרוווערן די קינדער אָנצורירן געווויסע זאכן. צי האנדלען די עלטערן ריכטיק? אזא מין האנדלונג קאָן האַמעווען ביי די קינדער, וואָס האָבן א שוואך אנטוויקלט געפֿיל פֿון זעלבשטענדיקייט, זייער אנטוויקלונג. און א קינד מיט א שטאַרק אנטוויקלט געפֿיל פֿון זעלבשטענדיקייט וועט שטענדיק געפֿינען אן אויסוועג און וועט זיין פֿאָרשערישע אַרבעט ווייטער פֿאָרזעצן. דאָס איז דאָך אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג ביי געזונטע און גוט אַנטוויקלטע קינדער. מיר דאַרפֿן דעריבער נישט שטערן, נאָר אָננעמען פֿאָרזיכטיקייטס־מיטלען, וואָס זאָלן אוממעגלעך מאַכן דעם קינד צו פֿאַרניכטן זאַכן.

ווען מיר פֿאַרווערן צ. ב. א קינד צו שרייבן מיט א בלייער אָדער א שטיקל קרייד אויף דער וואַנט, טוען מיר גוט, אָבער מיר מוזן גלייכצייטיק אים געבן א גרויסן בויגן פּאַפּיר, אז עס זאָל אויף אים שרייבן, וויפֿל זיין האַרץ גלוסט נאָר. דערביי דאַרפֿן מיר געדענקען, אַז אַ קינד אין דעם עלטער באַגנוגנט זיך נישט מיט אַ העפֿט אָדער מיט קאַרטלעך פּאַפּיר פֿון אַ העפֿט. עס האָט א באַדערפֿעניש פֿון צעשפּרייטן זיך, פֿון ברייט צעפֿירן מיט די הענטלעך. דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס עס וויל שרייבן אויף די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע. ווילן מיר אויסמיידן דאָס שרייבן אויף די ווענט, מוזן מיר אים געבן גרויסע בויגנס פּאַפּיר. אַן עלטער קינד קאָן מען געבן א שטעקעלע און הייסן אים שרייבן אויפֿן זאַמד, אין גאָרטן, אויפֿן הויף.

אַ קינד האָט ליב צו שפּילן זיך, צו שפּריצן זיך מיט וואַסער. מיט גרויס פֿרייד גיסט עס אויס וואסער, וואַשט זיך אָפּ דאָס פּנים, טונקט איין די הענט אאוו. ס'איז אַ גאַנץ אומאָנגענעמער ענין! דאָס קינד פֿאַרנעצט זיך דערביי, עס קאָן זיך פֿאַרקילן, פֿאַרברודיקן די קליידער. עס זענען פֿאַראַן גענוג איבערצייגנדיקע סיבות, צוליב וועלכע מיר קאָנען נישט דערלויבן דעם קינד צו שפּילן זיך מיט וואסער. אָבער פֿון דער צווייטער זייט, וויל דאָך דאָס קינד באַקענען זיך מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון וואַסער, און פֿון דאַנען די געוואלדיקע איינגעשפּאַרטקייט פֿון אים דווקא האָבן צו טאָן, מיט וואַסער. עס וועלן דאָ נישט העלפֿן קיין בעטן דאָס קינד און נישט דאָס צערנען זיך אויף אים. מען דאַרף דעם קינד דערמעגלעכן צו שפּילן זיך מיט וואַסער. מען דאַרף דאָס אָבער אזוי אָרגאַניזירן, אַז מען זאָל אויסמיידן די נישט געווונטשענע רעזולטאַטן. מען דאַרף דאָס קינד געהעריק אָנטאָן, אַוועקשטעלן די שיסל אזוי, אַז דאָס קינד זאָל זיך וואָס ווייניקער פֿאַרנעצן אאוו.

מיר האָבן אויבן געשריבן, אַז מיר דאַרפֿן נישט דערלויבן די קינדער צו טאָן אַלץ, וואָס זיי ווילן, כאָטש מ'קען מיינען, אַז דאָס איז א נאַטירלעכע באַדערפֿעניש פֿון קינדער אין דעם עלטער. ווען מיר וואָלטן זיי אלץ דערלויבט, און עס זענען פֿאַראַן אַ סך מאַמעס, וואָס האַנדלען אזוי, וואָלטן מיר געטאָן א שלעכטע זאך, וואָלטן מיר מיט דעם קיין גוטס דעם קינד נישט געטאָן. א טייל מאַמעס זענען

מאַכן בײַ דער מײנונג, אַז דערװײַל, ביז זײ װעלן אויסװאַקסן, דאַרף מען די קינ־דער אַלץ דערלויבן. דערנאָך, אַז זײ װעלן שוין פאַרשטײן, װעט שוין אַנדערש זײַן. דערנאָך קאָן שוין אָבער אַמאָל זײַן צו שפּעט. דערװײַל װאַקסט דאָס קינד אַ קאַפּריזעס, צוגעװײנט, אַז די עלטערן זאָלן דערפילן אַלע זײַנע פאַרלאַנגען, אַלע קאַפּריזן. אָפט טרעפן מיר אויף דער גאַס אַ צװײ־יאָריק אָדער דרײַ־יאָריק קינד, װאָס האַלט אין אײן װײנען, װײַל עס האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און װיל, אַז מען זאָל עס עפּעס קויפן, עס װיל ערגעץ גײן אָדער אַרײַן אין טראַמװײַ אאָװ. די מוטער אָדער דער פאָטער, װעלנדיק אויסמײַדן קײן נישט אָנגענעמע פאַר זיך סצענע, מ'עטן אָפּ און גיבן אים נאָך. און דאָס איז זײער נישט גוט. עס זענען פאַראַן אַזעלכע שלעכט־דערצויגענע קינדער, װאָס לײגן זיך אַװעק אויף דער גאַס און שרײַ־ען, טופּען אַזױ לאַנג מיט די פיס, ביז זײ באַקומען דאָס, װאָס זײ װילן באַקומען גראָד אין דעם געגעבענעם מאָמענט. אין אַ סך בריװ בעטן עלטערן אַן עצה װאָס צו טאָן אין אַזעלכע פאַלן, דערבײַ שטרײַכן זײ אונטער, אַז דאָס קינד פירט זיך אַזױ אויף בלויז אין דער אַנװעזנהײט פון דער מוטער אַלײן אָדער פון פאָטער אַלײן, און אין אַלגעמײן איז עס אַ װױל קינד.

דער דאָזיקער פאַקט באַװײַזט בלויז, אַז דאָס קינד קען גוט זײַן סביבה און װײסט װען און בײַ װעמען מע קאָן אויסשפּילן מיט זײַנע קאַפּריזן, װער עס װעט אַנטקעגנקומען זײַנע פאַרלאַנגען. עס קען די שװאַכקײטן פון דער סביבה, בעסער געזאָגט, עס קען די שװאַכע זײטן פון דער מאַמען אָדער פונעם טאַטן. דער דאָזיקער פאַקט באַשטעטיקט נאָך די נײטיקײט צו האַלטן זיך בײַם פּרינציפּ פון אײנהײט־לעכקײט אין דער דערציונג, מיר זעען דאָ, װי אַלגעמײנע דערציונגס־פּרינציפּן זע־נען גילטיק סײַ פאַר גרויסע, סײַ פאַר קלענערע פאַקטן פון לעבן. װעגן דעם דאַרף מען שטענדיק געדענקען.

װעגן אײניקע דערשײנונגען אין דעם עלטער

אײנע פון די גרעסטע דערציונגס־שװעריקײטן אין דעם עלטער איז דאָס אײַנ־שפּאַרן זיך, דאָס אײַנעקשנען זיך פונעם קינד. אַ קינד אין דעם עלטער האָט שוין זײַן װילן און װיל אים דורכפירן. אויב די עלטערן װעלן אָנערקענען דעם פאַקט, װעלן זײ אויסמײַדן פּלוצלינגדיקע אויסברוכן פונעם קינד, זײ װעלן קאָנען שאַפן באַדינגונגען, אַז דאָס קינד זאָל נישט האָבן קײן סיבות פאַר זײַן אײַנגעשפּאַרטקײט. זײער שעדלעך איז דאָס ברעכן מיט געװאַלד דאָס עקשנות פונעם קינד. דאָס קינד װערט אָדער נאָך מער אײַנגעשפּאַרט, אָדער עס פילט זיך אומגליקלעך, דערדריקט און דערשראָקן. אַזאַ קינד װעט דאַרפן אַ סך אַרבעטן איבער זיך אין דער צוקונפט, בכדי צו באַזײטיקן דאָס שרעקלעכע געפיל פון מורא פאַר אַ שטאַרקערן.

אַן עלטער קינד (שוועסטערל צי ברידערל) דאַרף האָבן די אויפזיכט
איבער דעם יינגערן קינד

אָט איז איינער פון די פיל ביישפילן, וויאַזוי מען דאַרף האַנדלען אין באַצוג צו עקשנות פון א קינד. מיר זענען צוגאַסט ביי באַקאַנטע. עס איז שוין צייט אַהיים צו גיין. מיר נעמען צו ביים קינד דאָס שפּילצייג. פּלוצלינג דערקלערט עס מיט אַ פּעסטן טאָן: „איך וועל נישט גיין, איך וועל זיין דאָ!“. „ביטע זייער — בינד איך באַלד אָן צו דעם געשפּרעך, — וועסט דאָ עסן אָוונטברויט און שלאָפן. ווען דו וועסט וועלן, וועסטו קומען אַהיים. איך קאָן, ליידער, לענגער נישט וואַרטן, איך מוז גיין אַהיים, ווייל דער טאַטע וואַרט דאָרט אויף אונדז. די מוטער נעמט זיך פּאַמעלעך אָנטאָן, אָבער אָן געאייל. כמעט שטענדיק (פאַרשטענדלעך, אויב די האַנדלונג פון דער מוטער איז נישט קיין קאָנסעקווענטע און קיין פּעסטע, וועט דער אופן קיין רעזולטאַטן נישט געבן), נאָך א ביסל פּאַרקלערן זיך, דערקלערט דאָס קינד, אַז עס גייט אויך אַהיים. פיל שווערער וואָלט אָנגעקומען דער מוטער, ווען זי וויל מיט געוואַלט עס אָנטאָן.

אַ קינד דערציט זיך א סך בעסער, ווען עס דערציט זיך צוזאַמען מיט נאָך שוועסטערלעך און ברידערלעך. אין דער דערציונג פון מערערע קינדער טרעפן מיר זיך אָן אויף פּעלערן. אויף אייניקע פון זיי ווילן מיר דאָ אויפמערקזאַם מאַכן. עס מאַכט זיך אָפּט, און דאָס קומט פאָר אומבאַוווסטזיניק, ווי מיר הייבן אָן זיך בעסער צו באַציען צום יינגערן קינד און ערגער צום עלטערן, אָדער אמאָל פּאַרקערט. עס קומען דאָן אויף קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, וועלכע ס׳איז שפּעטער אָפּט שווער צו לעזן. אָט איז א בריוו פון א מוטער, וואָס וועט אונדז דאָס צומבעסטן אילוסטרירן:

„איך האָב צוויי טעכטער, סימעלע, א דריי־יאָריקע, און חנהלע — נאָך אַן אַכט־חדשים־דיקע. די עלטערע איז זייער א רירעוודיקע. זי, סימעלע, דערפירט מיך אָפּט צו פאַרצווייפלונג. זי שטערט דער יינגערער, זי קאָרמעט זי מיט דעם, וואָס מ׳ע טאָר נישט, זי שטופּט אומעטום אריין די נאָז, וווּ מע דאַרף נישט. אָפּט, ווען איך קאָן זיך נישט באַהערשן, שלאָג איך זי אָן א סוף. דאָס קינד ווערט וואָסאַמאָל ערגער, זי פּרוּווט איצט צוריקשלאָגן, זי פּאַרלייקנט מיך נישט, מסתמא צוליב דעם שלאָגן. איך האָב באַשלאָסן אַנדערש דערציען — מיט גוטן. איך האָב באַמערקט, אַז אין אָנהייב האָט זי מיר נישט געגלייבט, זי האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, ווי זי וואָלט געפּרעגט: „צי איז דאָס די זעלבע מאמע?“ איך אַליין דערקען אויך נישט מיין קינד. זי העלפט מיר צו, זי שפּילט זיך מיטן שוועסטערל, זי איז געהאָרכזאַם, אָבער אָפּט פרעגט זי מיך: „צי האָסטו מיך ליב, מאַמע? גיב מיר אַ קוש! דו וועסט מיך שוין מער נישט שלאָגן?“... אַלזאָ, ליבע מאַמעס. גוט דערציען איז טאקע נישט קיין לייכטע זאַך, אָבער מיר אליין באַשווערן זיך דאָס לעבן, ווייל מיר זענען צו נערוועז און פאַר אַבי וואָס שלאָגן מיר באַלד. לאָמיר פּרוּוון מיט אַ גוט וואָרט דערנענטערן צו זיך דאָס קינד און דער רעזולטאַט וועט זיין א גוטער.

קינדער אין פֿאָרשול-עלטער

לאָמיר זאָרגן פֿאַר דער פֿיזישער אַנטוויקלונג פֿון קינד

אין דעם פֿאָרשול-עלטער איז די פֿיזישע דערציונג פֿון אַ גאָר באַזונדערער באַדייטונג. די באַוועגלעכקייט פֿונעם קינד, וואָס אַ טייל עלטערן האַלטן, אַז דאָס זענען סימנים פֿון נערוועזקייט, שטאַמט דערפֿון, וואָס דאָס קינד באַקענט זיך שטופּנווייז מיט דעם אַרום, און דאָס פֿאַרשאַפֿט אים אַ סך פֿרייד. די עלטערן דאַרפֿן שאַפֿן פֿאַרן קינד אַלע באַדינגונגען, אַז עס זאָל זיך קענען פֿריי, נישט קרעמפּירט, באַוועגן. עס דאַרף זיי נישט איבעראַשן די גרויסע צאָל קילאָמעטערס, וואָס דאָס קינד מאַכט דורך אין משך פֿון איין טאָג, אַרומלויפֿנדיק אין שטוב אָדער שפּילנדיק זיך אויפֿן הויף, אין גאָרטן. אַ קינד פֿאַרמאַטערט זיך שנעל, אָבער עס רוט זיך שנעל אָפּ און קומט שנעל צוריק צו די כּוחות. די מכלומרשטע אומזיניקע באַוועגונגען איבן די מוסקולן פֿונעם גאַנצן אָרגאַניזם, אין דער ערשטער ריי, פֿון די הענט און די פֿיס. די באַוועגונגען פֿון אַ קינד האָבן אַ ווירקונג אויפֿן קענען אויפֿהאַלטן דעם גלייכגעוויכט, אויף דעם דערווערבן פֿון נייע קענטענישן. זיי זענען דער קוואַל פֿון דער גרויסער פֿרייד פֿונעם קינד.

אַ קינד, וואָס עס טוט גאָרנישט ווי, איז שטענדיק געשטימט פֿריילעך און מילד; דערפֿאַר אָבער, אַז עס הייבט אָן קאַפּריזעווען, איז עס אַן אָנזאָג, אַז עס איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. אַ טייל עלטערן, וואָס ווילן אויסהיטן זייער קינד פֿון אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן איזאָלירן עס און דערלויבן נישט צו טרעפֿן זיך מיט אַנדערע קינדער. דאָס איז נישט ריכטיק. אַ קינד, וואָס ווערט ראַציאָנעל געשפּייזט, וואָס האָט גענוג לופֿט, זון און באַוועגונג, ווערט ווידערשטאַנדפֿעיק קעגן פֿאַרשידענע קראַנקייטן און שטעקט זיך נישט לייכט אָן.

מיר מוזן דעריבער אין דער ערשטער ריי ריכטיק און ערנסט אוועקשטעלן די פֿראַגע פֿון פֿיזישער דערציונג אין דעם פֿאָרשול-עלטער. ווען מיר רעדן וועגן פֿיזישער דערציונג אין פֿאָרשול-עלטער, מיינען מיר:

קינדער, וואָס ווערן ראַציאָנעל און רעגולער געשפּייזט, האָבן אַ גוטן אַפּעטיט

1) די געהעריקע באַשפּייזונג פון קינד.
2) פאַרזיכערן דעם קינד גענוג פרישע לופט.
3) היגיענע פונעם קינד: האַלטן אין ריינקייט און איינפלאַנצן קולטור-היגיענישע געוווינהייטן.

דאָס באַשפּייזן קינדער

אַ סך מאַמעס מיינען, אַז מע דאַרף זיך באַמיען, דאָס קינד זאָל זיין פעט, גראָב. עס דאַכט זיך זיי, אַז אַ גראָב קינד איז אַ שיין און געזונט קינד. די דערפאַרונג פון דאָקטוירים און דערציער ווייזט אַרויס, אַז קינדער צו גראָבע זענען שלאַבעריקע, ווייניקער באַוועגלעך, ווי שלאַנקע קינדער, ווייניקער ווידערשטאַנדפעיק קעגן אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן און פאַרקילונגען, ביי זיי באַווייזן זיך אָפט אויסשיטונגען אויף דער הויט, אויף א טייל אָדער אויפן גאַנצן קערפּער.

אַ קינד טאָר זיך נישט איבערעסן; מען דאַרף אים געבן אזא שפּייז און אזויפיל, וויפל ס'איז אים נייטיק צו זיין נאָרמאַלער אנטוויקלונג. א קינד איז אין פאַרשול זייער באַוועגלעך, און דערפאַר פאַרווענדט עס מער ענערגיע, ווי אן עלטער קינד. פון דעם איז פאַרשטענדלעך, אז דאָס געהעריקע שפּייזן (עסן געבן) האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר קינדער אין דעם עלטער. ווען מיר צווינגען א זאט קינד צו עסן, ווערט זיך עס קעגן דעם און ווענדעט אָן פאַרשידענע פאַרטיידיקונגס-מיטלען. עס שפּילט זיך מיטן עסן, עס פאַרהאַלט די שפּייז אין מויל, נישט צעקייענדיק, עס שלינגט נישט אראָפּ, מיט איין וואָרט, עס „דזשאַמדזשעט“. ס'זענען פאַראַן קינדער, וואָס ברעכן אויס צוליב דעם דאָס עסן.

אין דער שפּייז, וואָס מיר גיבן דעם קינד, דאַרפן זיין אלע נאַרהאַפטע עלעמענטן, אז דאָס קינד זאָל קאָנען וואקסן און אנטוויקלען זיך. בכדי צו האָבן די זיכערקייט, אז אין שפּייז געפינען זיך אלע נייטיקע נאַרהאַפטע עלעמענטן, דאַרף די שפּייז זיין א פאַרשידנאַרטיקע. גרינוואַרג און פרוכטן דאַרפן זיין די צומיינסטן וויכטיקע שפּייז-אַרטיקלען, וואָס מיר גיבן דעם קינד. צוגרייטן עסן מוז מען פון זייער פרישע פראָדוקטן, ווייל נישט קיין פרישע פאַרלירן זייער פאַקטישן ווערט, און זיי גיבן נישט דעם אָרגאניזם די וויטאַמינען, וואָס זענען אים נייטיק. בכדי דאָס קינד זאָל גוט פאַרדייען דאָס עסן דאַרף מען עס שפּייזן צו דער באַשטימטער צייט, דאָס עסן דאַרף זיין באַטעמט און עסטעטיש סערווירט. מע דאַרף אויסמיידן פיקאַנטע געווירצן, ווי פעפער, פאַפּריקע אא. אַ סך פראָדוקטן פאַרלירן זייער נאַרונגס-ווערט, ווען מיר קאָכן זיי צו לאַנג, ווען מיר שיילן זיי אָפּ (פרוכטן, געוויסע גרינוואַרג), ווען זיי ווערן נישט אויף קיין געהעריקן אופן געוואַשן. די עלטערן דאַרפן זיך באַקענען מיט די אָנווייזונגען, ווי צוצוגרייטן עסן פאַר די קינדער.

מע דאַרף שטרענג אָפּהיטן, אַז דאָס קינד זאָל צווישן איין מאָלצייט און צווייטן גאָרנישט עסן, אפילו נישט קיין זים געבעקס, קיכלעך, שאָקאָלאַד, וואָס די עלטערן האַלטן עס נישט פאַר קיין עסן, נאָר פאַר אַ נאַשוואַרג. דאָס האָט אַ שלעכטן איינפלוס אויף דער אַרבעט פונעם מאָגן, דאָס פאַרערגערט דעם אַפּעטיט. מ'טאָר נישט געבן די קינדער קיין בראָנפן, אפילו נישט צו פאַרזוכן ווייל די קלענסטע דאָזע אַלקאָהאָל פאַרסמט דעם אָרגאַניזם און האַמעוועט די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג.

אַ קינד, וואָס ווערט ראַציאָנעל און רעגולער געשפּייזט, וואָס פאַרברענגט גענוג צייט אויף פרישע לופט, וואָס האָט אינטערעסאַנטע שפּילצייג און פאַרברענגט ביי אינטערעסאַנטע שפּילערייען, האָט שטענדיק אַ גוטן אַפּעטיט, באַקלאָגט זיך נישט, קאַפּריזעט זיך נישט בעתן עסן. דער מאַנגל אין אַפּעטיט זאָגט אָפּט עדות וועגן דערציערישע פאַרנאַכלעסיקונגען. אַ געזונט קינד, וואָס ווערט געהעריק געשפּייזט, עסט גוט, און די עלטערן האָבן נישט מיט אים קיין שום דאגות בעת די מאָלצייטן.

דאָס פאַרברענגען אויף פרישע לופט

דער צווייטער וויכטיקער באַדינג פון פיזישער דערציונג איז דאָס פאַרברענגען פונעם קינד אויף פרישע לופט. אַ קינד דאַרף ווי ווייט מעגלעך דעם גרעסטן טייל פון טאָג שפּאַצירן און שפּילן זיך אויף דער פרישער לופט. די עלטערן דאַרפן צוקלייבן אַן אָרט און באַטראַכטן דעם אופן, וויאַזוי זייערע קינדער זאָלן די פרייע צייט פאַרברענגען אויף פרישע לופט. אַ לאַנגדויערנדיקער שפּאַציר אויף באַוווינטע גאַסן, בעת וועלכן מיר פאַרהאַלטן זיך צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן, מידט איין אַ קינד, ווייל עס געפינט נישט אין דעם קיין שום אינטערעסאַנטס. אַ גאָר קליינעם נוצן גיט אַ שפּאַציר אין די ערטער, ווו ס'איז נישט פאַראַן קיין גרינס, ווו ס'איז נישט פאַראַן קיין פּלעצער, דאָס קינד זאָל קאָנען פריי אַרומלויפן און שפּילן זיך מיט אַ פּילקע, מיט אַ לאָפּאַטקע, מיט אַן עמערל אָדער אין ווינטער גליטשן זיך אויף אַ שליטעלע. אויפן שפּאַציר דאַרף מען נישט כסדר דאָס קינד פירן אָדער (ווי ס'מאַכט זיך אָפט) שלעפּן ביי דער האַנט, ווייל דאָס פאַראַליזירט בלויז די פרייהייט פון זיינע באַוועגונגען.

מ'דאַרף אַרויסגיין מיטן קינד אויפן שפּאַציר, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם וועטער. זייער אָפט, ווען ס'איז נישטאָ די זון, גייען די עלטערן נישט אַרויס מיט די קינדער אויף שפּאַציר. אַ קליין פרעסטל אָדער אַ קליין רעגנדל האַלט מען אָפּט פאַר אַ גענוגנדיקער סיבה, מ'זאָל מיט דעם קינד נישט אַרויס אויפן שפּאַציר. ס'איז אַבסאָלוט נישט קיין ריכטיקער שטאַנדפּונקט. מ'דאַרף מיט קינדער אַרויסגיין אויף שפּאַציר אין דער צייט פון אַ גוט אָדער אַ שלעכט וועטער, ווייל

פאַרברענגען ביים וואַסער גיט אָפּרו, שאַפט פאַרגעניגן

נאָר אזוי מאַכן מיר זיי ווידערשטאַנדפעיק קעגן פארקילונגען און פארהאַרטעוועז זיי. אייניקע עלטערן, אַרויסגייענדיק מיט די קינדער אויף שפּאַציר, טוען זיי אָן צו שווער. דאָס קינד פארלירט די מעגלעכקייט פריי צו באַוועגן זיך. עס באַקומט זיך דער פּונקט פאַרקערטער רעזולטאַט פון דעם, וואָס מיר האָבן געוואָלט דערגרייכן. א קינד, וואָס איז קרעמפּירט, קאָן זיך נישט באַוועגן און נישט שפּילן זיך. און דעריבער פרירט עס און פארקילט זיך, אָדער צוליב דער איבעריקער צאָל סוועטערס, שאַליקלעך און קאַפּטנדלעך שוויצט עס, וואָס עס ווירקט שלעכט אויפן געזונט.

דער נעהעריקער אופן פון אָנטון דאָס קינד האָט א גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פונעם אָרגאַניזם. שעדלעך איז דאָס אָנטון קינדער איבעריקע קליידער, און ס'איז וויכטיק אויך דאָס, וויאַזוי מיר טוען זיי אָן. מע טאָר נישט צו ענג פארבינדן די זאָקן ארום די פיס, ווייל דאָס האַמעוועט די בלוט-צירקולאַציע. מ'דאַרף אויך נישט ענג איינציען די גומעס פון די הייזעלעך און מייטקעלעך, ווייל דאָס דריקט דעם בויך, די קליידונג פונעם קינד דאַרף זיין א לויזע און פארלייכטערן אים צו באַוועגן זיך. צ. ב. די הייזעלעך קאָן מען מיט דער הילף פון קנעפּלעך צוקנעפּלען צו דער בלוזע. וואָס פארא שאָדנס עס קאָן ברענגען דאָס נישט געהעריק אָנטון א קינד באַווייזט דער בריוו פון א דאָקטער, וואָס איז געדרוקט געווען אין איינעם פון די נומערן פון „פּשיאַטשולקאַ“.

„אַכטונג, מוטערס!

...אין די לעצטע יאָרן בעתן אונטערזוכן קליינע קינדער האָב איך באַמערקט, אז דער אונטערשטער טייל פונעם ברוסטקאַסטן איז איינגעפאַלן. אין אָנהייב פון מיינע אונטערזוכונגען האָב איך געמיינט, אז די ענדערונגען זענען א רעזולטאַט פון דער א. ג. „ענגלישער קרענק“. אָבער די רעגולערקייט פון דער דערשיינונג האָט מיך ארויפגעפירט אויף א געוויסן געדאַנק. אין קורצן האָב איך פעסטגעשטעלט, אז אלע די קינדער האָבן געטראָגן און טראָגן הייזעלעך אָדער מייטקעלעך אונטערגעהאַלטן פון א שטאַרקער גומע פארשטייפט איבער דער ברוסט. אזא כסדרדיקער דרוק פון דער גומע האָט פאַראורזאַכט אן איינגעפאַלענעם ברוסטקאַסטן. דאָס האָט אַ שלעכטע ווירקונג אויפן געזונט פונעם קינד, ווייל דאָס באַשווערט דאָס אָטעמען. דעריבער וואָרן איך אלע מאַמעס און פלעגערינס, זיי זאָלן די קינדער נישט אָנטון מיט גומענע פּאַסקעס, וואָס דריקן צו דעם ברוסטקאַסטן. אלע פארשידנאַרטיקע פּאַסעקלעך דאַרפן זיך געפינען ביים פּופּיק. צומבעסטן איז אָנצוטון די קינדער מייטקעלעך, הייזעלעך אויף שעלקעלעך“...

אסך מאַמעס הייבן אָן צו פארשטיין די נויטווענדיקייט פון פרישע לופט פארן קינד, זיי לופטערן דאָס צימער פארן לייגן שלאָפן. ס'וואָלט געווען זייער נוצלעך פארן געזונט פונעם קינד, ווען זיי וואָלטן געמאַכט נאָך איין שריט

פֿאָרויס און וואָלטן זומער געעפֿנט דאָס פֿענצטער אויף א גאַנצע נאַכט, און ווינטער בלויז אָפּלעגן א פֿאָרטקע. מען טאָר נישט אויפֿרוימען דאָס צימער אין דער אָנוועזנהייט פֿונעם קינד. אויפֿרוימען דאַרף מען ביי אָן אָפֿן פֿענצטער, דעם שטויב אָפּווישן מיט א פֿייכטער שמאַטקע. די עלטערן דאַרפֿן נישט רייכערן קיין פּאַפּיראָסן אין צימער, ווו עס געפֿינען זיך קינדער, און אויך נישט דערלויבן דאָרט צו רייכערן באַקאַנטע און געסט.

זומער דאַרף דאָס קינד פֿאַרברענגען א גאַנצן טאָג אויף פֿרישע לופֿט. ס'איז אפילו געווונטשן, אז ס'זאָל אויף פֿרישע לופֿט שלאָפֿן און עסן, אויב, פֿאַרשטענדלעך, עס דערלויבן אויף דעם די באַדינגונגען. א גרויסע באַדייטונג פֿאַרן געזונט פֿונעם קינד האָט די זון. דאָס צימער פֿונעם קינד, אָדער זיין ווינקל דאַרף זיין א ליכטיקס, א זוניקס. זומער דאַרף מען דאָס קינד אויף דער פֿרייער לופֿט צוביסלעך אויסטון, און שטופֿנווייז עס ברענגען אויף דער זון. מע דאַרף אַכטונג געבן, אז ס'זאָל זיך נישט דערשוויצן, אז ס'זאָל האָבן א צוגעדעקט קעפּל, און נישט ברענען זיך אויף דער זון צו האַסטיק, נישט מיטאַמאָל צופֿיל.

דאָס צו האַסטיקע ברענגען זיך אָדער צופֿיל אָפּברענען זיך אויף דער זון קאָן ארויסרופֿן א זונשלאָג, אָדער פֿאַראורזאכן דאָס אָפּבריען פֿון דער הויט.

טייל עלטערן מיינען, אז ס'איז גענוג צוצודעקן דאָס קעפּעלע פֿונעם קינד, און דאַן קאָן דאָס קערפּערל זיך ברענען אָן א מאָס אויף דער זון. דאָס איז נישט ריכטיק, ווייל דאָס צוגעדעקטע קעפּעלע פֿאַרהיט נישט דאָס קינד פֿון א זונשלאָג. קינדער מיט א בלאַסער, העלער הויט זענען ספּעציעל פּילבאַר אויף אָפּבריען זיך פֿון צופֿיל זיך ברענען אויף דער זון.

היגיענע פֿונעם קינד

דער דריטער באַדינג פֿון גוטער פֿיזישער דערציונג איז דאָס ריין האַלטן דאָס קינד. און דאָ גייט נישט בלויז וועגן דעם צימער, אין וועלכן דאָס קינד פֿאַרברענגט א גאַנצן טאָג און שלאָפֿט, ס'גייט קודם-כל אין דעם ריין האַלטן דאָס קערפּערל פֿונעם קינד.

די הויט דינט נישט בלויז צום אָפּהיטן דעם קערפּער. מיט דער הילף פֿון דער הויט אָטעמען מיר. שמוציקע, פֿאַרשטאָפּטע הויט-קעמערלעך שטערן דעם אָרגאַניזם אין דעם נאָרמאַלן אָטעמען, אין דער נאָרמאַלער בלוט-צירקולאַציע, אין דעם אויסטיילן שוויים. מיט דעם שמוץ פֿון די הענט קאָן דאָס קינד לייכט איבערטראָגן אין מויל און פֿון דאַנען אין מאָגן פֿאַרשידענע אייעלעך פֿון פּאַראַזיטן, וועלכע קאָנען ארויסרופֿן פֿאַרשידענע קראַנקייטן.



מיר דאַרפֿן צוגעווינען אונדזערע קינדער צו קולטורעל־היגיענישער זעלבסטבאַדינונג

מיר דארפן דאָס קינד אָפּט באָדן, וואַשן די הענט, דאָס פּנים, דעם קערפּער און די ציין, אָפּט טוישן די וועש און דאָס בעטגעוואַנד. ביינאַכט אומבאַדינגט איבערטון אן אנדער העמד.

ווען דאָס קינד איז נאָך קליין, זאָרגן די עלטערן וועגן דער ריינקייט פונעם קינד, אָבער ווי נאָר די עלטער דערלויבט, דאַרפן די עלטערן צוגעוווינען עס צו קולטורעל-היגיענישער זעלבסטבאַדינונג. מיר לערנען דאָס קינד שטופנווייז, אז זעענדיק זיך צום טיש, זאָל עס פריער זיך אָפּוואַשן די הענט, פאַרן שלאָפן גיין וואַשן זיך די ציין, ס'זאָל וויסן, וויאזוי צו באַגיין זיך מיט א סערוועטקע, מיט פּאַפּיר אין דער אוביקאַציע אאַוו. ס'גייט אין דעם, אז מען זאָל עס צוגע-ווינען טאָג-איין טאָג-אויס, אז עס זאָל ביסלעכווייז אָנהייבן אליין צו דעם צו שטרעבן, אז ריינקייט זאָל ווערן ביי אים א נויטווענדיקייט און אז ס'זאָל זיך שלעכט פילן, ווייבאַלד עס וועט זיך נישט קאָנען צוליב סיבות אָפּוואַשן, אָדער אז עס וועט נישט האָבן קיין טישטעכל, א סערוועטקע ביים עסן.

דאָ איז וויכטיק, ווי בכלל אין דער גאַנצער דערציונג, דער ביישפּיל פון די עלטערן.

א קינד, וואָס איז גוט דערצויגן, האָט א געזונטן אויסזען, א שיין געזיכט און א פעסט קערפּערל, ס'איז נישט גראָב, נאָר פיזיש גוט אַנטוויקלט. אזא קינד קרענקט זעלטן, האָט א גוטן זעלבסטגעפיל, וואָס קומט פון דעם ריכטיקן פונק-ציאָנירן פון דעם גאַנצן אָרגאַניזם. עס גיט זיך גוט אן עצה מיט שוועריקייטן. עס היילן זיך ביי אים שנעל געשווירן, ווען עס פאַרווונדעט זיך, זעלטן פאַרקילט זיך עס, שנעל גייט דורך ביי אזא קינד א קאַטאַר אאַוו.

לאָמיר דערציען די גייסטיקע פעיקייטן פונעם קינד

א קינד אַנטוויקלט זיך אין באַוועגונג

די גייסטיקע פעיקייטן פון א קינד אַנטוויקלען זיך דורך דעם כסדרדיקן קאָנ-טאַקט מיט דעם ארום, מיט דער סביבה, אלזאָ, ווען עס באַוועגט זיך, לויפט ארום אויפן הויף, אין גאָרטן אאַוו.

א קליין קינד רירט אַלץ אָן, באַקוקט, וויל אויפהייבן, געוויסע זאַכן באַ-שמעקט עס, באַלעקט אפילו. מיר דאַרפן אַזעלכע זאַכע לויט אַן אָפּקלייב דער-לויבן, ווייל אזוי דריקט אויס דאָס קינד דעם ווילן צו באַקענען זיך מיט דער וועלט, וואָס רינגלט עס ארום. קיינער פון אונדז געדענקט זיכער נישט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט דעם טעם פון זאַלץ, פעפער אָדער פון א רויען קאַרטאָפל. דאָס האָט זיכער געהאַט אן אָרט אין די פריסטע קינדער-יאָרן.

א סך מוטערס מיינען, אז די אַנטוויקלונג פון די גייסטיקע פעיקייטן פון אַ קינד קומט פון בלויז דערציילן מעשהלעך. זיי דערציילן דעריבער מעשה־לעך אָדער אמתע געשעענישן, זיי דערמעגלעכן אָבער נישט דעם קינד אוממיטלבאר צו דערקענען די וועלט, זיי באַגרענעצן זיינע מעגלעכקייטן פון זעלבשטענדיקן באַקענען זיך מיט זאכן, מיט דער ארומיקער וועלט. נאָר דורכן אוממיטלבארן באַ־קענען זיך מיט דער ארומיקער וועלט באקומט דאָס קינד לעבנס־דערפארונג.

וואָס מער דאָס קינד באַקענט זיך מיט זאַכן און זייערע אייגנשאַפטן, וואָס מער עס קאָן ריכטיק אָנרופן און באַצייכענען, צו וואָס די זאך דינט, אַלץ בעסער וועט עס קאָנען זעלבשטענדיק אויסמיידן זאכן, וואָס טראָגן מיט זיך א געפאר פאר אים (פייער, קאָכעדיק וואסער, א פאָרנדיקן אויטאָ אאוו.), אַלץ בעסער וועט זיך עם גייסטיק אַנטוויקלען.

די שפּראַך פונעם קינד

א וויכטיקער באַדינג פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונעם קינד איז דאָס געהעריקע באַהערשן די שפּראַך, דאָס פארשטיין די באַדייטונג פון די ווער־טער און האָבן א גוטע אויסשפּראך. דאָס אַלץ האָט אן איינפלוס אויף דעם גע־העריקן אופן פון טראַכטן פון דעם קינד, ווייל וואָס מער ווערטער עס קען, אַלץ בעסער טראַכט עס און בעסער קאָן עס זיך פארשטענדיקן מיט די ארומיקע. א קינד אין פאָרשול־עלטער קאָן שוין פאָדערן דאָס, וואָס עס וויל, קאָן אויס־דריקן זיין כעס אָדער אומצופרידנקייט. די שפּראַך פארלייכטערט אים דעם קאָנ־טאַקט מיט די דערוואַקסענע און מיט זיינס גלייכן, ווייל אַדאַנק דער שפּראַך איז עס אימשטאַנד צו טיילן זיך מיט זיינע איינדרוקן, געדאנקען און אויסדריקן זיינע געפילן. עס וועט אויך קאָנען פארשטיין געדאַנקען און געפילן פון אנדערע קינדער.

די עלטערן דארפן זאָרגן דערפאר, אז דאָס קינד זאָל גוט און אויסדריקלעך רעדן. פארשטענדלעך, אז מען דארף נישט „לערנען" דאָס קינד די כללים פון דער שפּראַך.

א סך קינדער רעדן ארויס ווערטער נישט ריכטיק, צ. ב. אָנשטאָט צייגדל — טיינדל, קעפּעלע — טעפּעלע. מיט דער צייט פארשווינדט עס און די קינדער וועלן ריכטיק ארויסרעדן די ווערטער.

נישט ריכטיק טוען די עלטערן, וועלכע רעדן צו די קינדער מיט א געצערטלטער שפּראַך, ווי: „אפשר ווילסטו שוין שלאָפּעלע אין בעטקעלע?" געפילן צו א קינד קאָן מען אויסדריקן דורך א מילדן, פריילעכן בליק, דורך דער שטימע און מען

דאַרף נישט דעפּאַרמירן צוליב דעם ציל ווערטער אָדער ספּעציעל באַנוצן פּאַר־קלענער־ און צערטל־ווערטער.

נאָך ערגער טוען עלטערן, וועלכע רעדן צום קינד אין „זיין שפּראַך“, וואָס עס ווילט טאַקע די עלטערן און טיילמאָל רירט עס זיי. פאַר דעם קינד אָבער איז עס נישט קיין אָנגענעמע איבערלעבונג.

דאָס קינד הערט די ריכטיקע אויסשפּראַך, ווייסט, וויאַזוי מע דאַרף גוט רעדן, עס שטרעבט צו דעם און פילט זיך געטראָפן, ווען מע רעדט צו אים אַנדערש, ווי מען דאַרף.

איך קען א פאַל, ווען א קינד, וואָס האָט ארויסגערעדט א „ט“ אַנשטאָט א „ק“, האָט מיט טרערן אין די אויגן געוואָנדן זיך צו זיין דערציערין: „פאַר־וואָס רעדט צו מיר די לערערין אַרויס שלעכט די „ק“, איך מוז אַזוי רעדן צו דער לערערין, ווייל אַנדערש קאָן איך נישט, פאַרוואָס רעדט די לערערין אזוי, די לערערין מוז דאָך נישט אזוי?“

דאָס קינד האָט געהאַט שוין 7 יאָר. עס האָט זיך געפילט געטראָפן, מיי־נענדיק, אז די דערציערין שפּעט איבער אים נאָך.

צו א קינד דאַרף מען רעדן אויסדריקלעך און מיט איינפאכע זאַצן, עס זאָל גוט הערן יעדן קלאַנג און יעדעס וואָרט באַזונדער. אין דער אָנוועזנהייט פון דעם קינד דארפן זיך די עלטערן אויך באַמיען צו רעדן אויסדריקלעך צווישן זיך, ווייל קינדער הערן זיך זייער אויפמערקזאַם צו צו די געשפּרעכן פון דערוואַקסענע. א גוטע און דייטלעכע אויסשפּראַך פון דערוואַקסענע איז די בעסטע לעקציע פאַרן קינד.

ריכטיק טוען די עלטערן, וואָס לערנען זייערע קינדער פאַרשידענע לידע־לעך און דערציילן זיי מעשהלעך. ס'איז אויך גוט צו באַקוקן מיט זיי בילדער. די עלטערן דערציילן אליין דאָס, וואָס זיי זעען אויפן בילד, און דערמוטיקן אויך דאָס קינד צו דעם. מע דאַרף נישט איבעררייסן און נישט אנטמוטיקן, ווען א קינד דערציילט נישט וועגן דעם, וואָס עס איז פאַראַן אויפן בילד, נאָר פון זיין אייגע־נער פאַנטאַזיע אָדער פון זיינע פארלאַנגען און טרוימען. מע דאַרף זייער געדול־דיק אויסהערן די דערציילונג פון דעם קינד און זייער ערנסט טראַקטירן. נישט איין מאָל זאָגט דאָס קינד אַרויס זיינע בעסטע געפילן אָדער עפּעס א ווייטיק, וועגן וועלכע עס איז נישט דרייסט צו זאָגן די עלטערן ביי אנדערע געלעגנ־הייטן.

מיר טרעפן אָפט ביי קינדער א דערשיינונג פון פאַרהיקן זיך. מען דאַרף נישט אויפמערקזאַם מאַכן דעם קינד אויף דעם און מע דאַרף נישט דערלויבן באַקאַנטע אָדער די ברידערלעך, שוועסטערלעך אָפּצושפּעטן פונעם קינד, ווייל אויף שעמעוודיקע און נישט דרייסטע קינדער וועט עס ווירקן אויף נאָך מער צו פאַרערגערן דעם צושטאַנד. מע דאַרף בעסער מאַכן דעם אָנשטעל, אז אלץ איז

אין אָרדענונג און גלייכצייטיק באַמיען זיך, אז עס זאָל רעדן רואיק און נישט שנעל.

א פעלערהאַפטע אויסשפּראַך איז אָפטמאָל פאַראורזאַכט דורך דער אָפּגע־שוואַכטקייט פונעם קינד. דאַן מוז מען קודם־כל שטאַרקן דעם אָרגאַניזם דורך בעסער עס דערנערן, דורך געבן פארשידענע וויטאַמינען, דערנערונגס־פּרעפּאַ־ראַטן אאוו.

אָפטמאָל איז די סיבה פון פאַרהיקן זיך, פון א פעלערהאַפטער אויסשפּראַך א פּסיכישע איבערלעבונג פונעם קינד: דאָס געבוירן ווערן פון נאָך א ברודערל, א שוועסטערל (ספּעציעל איז דאָס צו באַמערקן ביי בני־יחידים), עפּעס אן אוי־סערגעווייטלעכע שטאַרקע איבערלעבונג (אומגעריכטע שרעק). דאָס בעסטע מיטל אין אזעלכע פאַלן איז געדולדיקייט און א געמיטלעכע באַציונג פון די עלטערן צום קינד. דאַן וועט עס שנעל צוריקגעווינען דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט און ס'וועלן פארשווינדן די סימנים פון דער קרענק. אויב אָבער די פעלערן פון דער שפּראַך פאַרשווינדן נישט, מוזן זיך די עלטערן ווענדן צו אַ דאָקטאָר א ספּע־ציאַליסט.

וויאַזוי ענטפערן קליינע קינדער אויף „דעליקאַטע" פראַגן

א קינד אין פאָרשול־עלטער שטעלט זייער א סך פראַגן. פאַר א דריי־יעריק קינד איז גענוג א קורצער ענטפער: „דאָס איז א פערד, דאָס איז א ציג, א פערד שלעפּט א וואָגן, א קו גיט מילך". עלטערע קינדער באַפרידיקט נישט אזא ענט־פער. זיי ווילן וויסן מער, פּינקטלעכער. זיי אינטערעסירט דאָס אַנטשטיין, דער אָפּשטאַם פון דערשיינונגען און זאכן. „פאַרוואָס איז פאַראַן א הימל?", „פאַר־וואָס פאַלט א רעגן?" „ווער האָט געמאַכט די זון?".

מיר דאַרפן שטענדיק די קינדער ענטפערן, אָבער נישט מאַכן קיין פאָרטראַגן. מע דאַרף מיט אן איינפאַכער שפּראַך אויפקלערן דעם קינד דעם ענין וואָס אינטע־רעסירט אים, געבן צו פאַרשטיין אזוי, אז עס זאָל ווירקלעך די אויפקלערונג באַ־נעמען. דער ענטפער דאַרף זיי אין הסכם מיטן אמת. מע דאַרף נישט די קינדער געבן קיין ענטפערס, וואָס פירן אריין אין א טעות, נישט אויפקלערן דערשיינונגען מיט דער הילף פון זאבאָבאָנעס און פאָראורטיילן, ווי צ.ב.: „דער שניי פאַלט, ווייל די הייליקע שאָקלען אוים די פערינעס", דער שטאָרך האָט געברענגט דאָס ברודערל". וויבאַלד א קינד פרעגט וועגן זאכן, וועלכע עס וועט נאָך נישט קאָנען פאַרשטיין, קאָן מען גאַנץ רואיק ענטפערן: „ווען דו וועסט זיין אין שול, וועט דער לערער דיר אויפקלערן, און איצט שפּיל זיך בעסער". אויב די מוטער אָדער דער פאָטער קאָן נישט ענטפערן אויף א פראַ־

גע פונעם קינד, דאַרף מען עס אָפּשיקן צו באַקאַנטע אָדער קרובים, וועלכע וועלן דאָס טאָן בעסער. מע דאַרף זיך נישט שעמען. אויב מיר קענען נישט געוויסע זאַכן. א קינד פאַרשטייט, אז געוויסע זאַכן קאָן אויפקלערן נאָר א פאַכמאַן, און מע דאַרף נישט מורא האָבן, אז צוליב דעם קאָן מען פאַרלירן דעם אויטאָריטעט אין די אויגן פון קינד. א פראַגע, אויף וועלכער דער ענטפער וואָלט געווען צו שווער פאַרן קינד, דאַרף מען איבערלאָזן אָן אן ענטפער, אויפקלערנדיק: „דו ביסט נאָך צו יונג, דו וועסט נאָך דאָס נישט פאַרשטיין“.

מען שרייבט צו מיר: „העלפט מיר אַרויס אין אזא ענין. איך האָב א זעקס־יעריק זונעלע. דאָס איז זייער א גוט און קלוג קינד. עס אינטערעסירט אים אַלץ, וואָס ער זעט. לעצטנס האָט ער גענומען אַרויסווייזן א קרענקלעכע נייגעריקייט צו סעקסועלע פראַגן. ער פרעגט מיך כסדר, פונוואַנען ער האָט זיך גענומען, ווייל חברים האָבן אים געזאָגט, אז א בושל ברענגט קינדער. עס אינטערעסירט אים, וואָס פאַרא קליידער ער האָט געטראָגן בעת דער בושל האָט אים געבראַכט אַהער. איך וויל אים נישט דערציילן לויט די אַלטע מעשיות, אָבער איך ווייס נישט, וויאַזוי אים צו דערקלערן. דאָס זענען פונדעסטוועגן דעליקאַטע פראַגן“.

מען באַגייט א פעלער, זעענדיק אין די פראַגן פונעם קינד, וואָס האָט א שייכות צו זיין געבורט, א קרענקלעכע דערשיינונג. פאַרן קינד איז דער דאָזיקער ענין לגמרי נישט מער אינטערעסאַנט פון דער פראַגע, פאַרוואָס עס ווערט נאַכט, און פונוואַנען עס קומט די זון, פאַרוואָס עס פאַלט א רעגן, און פאַרוואָס דער פאָטער זאָגט, אז ער האָט נישט קיין געלט אויף שפּילצייג, בעת אויף קליידער און עסנוואַרג האָט ער יאָ געלט אאוו. א קינד שטעלט צענדליקער פראַגן. דאָס קינד וויל פאַרשטיין אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אים. דערפאַר פרעגט עס אונדז דערוואַקסענע. עס זוכט ביי אונדז אן ענטפער אויף די פראַגן, וועלכע עס פאַרשטייט נישט. א קרענקלעכע נייגעריקייט אַנטשטייט ביים קינד דאַן, ווען עס פילט, אז די דערוואַקסענע באַהאַלטן עפּעס אויס פאַר אים. דעמאָלט הייבט דאָס קינד זיך אָן מער צו אינטערעסירן מיט דער פראַגע, אויף וועלכער מען וויל אים נישט ענטפערן. אין דעם פאַל איז עס די פראַגע פון זיין געבורט. אין משפּחות, ווו דער פאָטער פאַרלאָזט די היים, מאַטערט די קינדער די פראַגע, פאַרוואָס זיי האָבן נישט קיין פאָטער. אויב מען זאָל זיי נישט געבן קיין קאָנקרעטן ענטפער, וועט אַנטשטיין א שטאַרקערע פאַראינטערעסירונג צו אַלע פראַגן, וואָס האָבן א שייכות צום פאָטער.

אַלזאָ, די פאַראינטערעסירונג פון דעם קינד איז א נאָרמאַלע דערשיינונג. מען דאַרף דאָ נישט זען קיין שום קרענקלעכקייט.

א קינד אין פאַרשול־עלטער אינטערעסירן נאָך נישט קיין איינצלהייטן וועגן דער אַנטשטייונג פון א מענטשלעך וועזן. עס וועט אים פולשטענדיק באַפרידיקן דער ענטפער: „ביסט צוערשט געווען ביי מיר אין בויך, דאָרט ביסטו אויסגע־



קינדער האָבן ליב צו אָבסערווירן די נאַטור

וואַקסן, ווען עס איז דיר געוואָרן ענג — ביסטו אַרויס". די דערפאַרונג זאָגט אונדז, אַז דעם קינד באַפרידיקט פולשטענדיק אַזאַ ענטפער.

מיר קלערן נישט אויף דעם קינד אַזעלכע פראַגן, וואָס שטייגן איבער די מעגלעכקייטן פון זיין פאַרשטאַנד. צ.ב. אויף דער פראַגע „פאַרוואָס איז טאָג און נאַכט, פאַרוואָס וואַקסט אַ בלום" — גיבן מיר נישט קיין פולע וויסנשאַפטלעכע ענטפערס. אָפט זאָגן מיר: „ווען דו וועסט אויסוואַקסן און זיך לערנען אין שול, וועסטו עס פאַרשטיין". אויך די צוגרייטונג פונעם קינד צו באַנעמען די פראַגן וועגן געבורט באַשטייט נישט אין געבן אים ביאָלאָגישע ידיעות, *נאָר אין שאַפן באַדינגונגען צו אָבסערווירן די נאַטור און דאָס אַרומיקע לעבן*. ביי דאָרפישע קינדער זענען נישט פאַראַן אַ סך פון די פראַגן, וועלכע מאַטערן שטאָטישע קינדער. זיי זעען אָפט געבורטן און טויט־פאַלן. זיי זענען עדות, וויאַזוי הינדעלעך פיקן זיך אויס פון אייער, וויאַזוי עס ווערן געבוירן הינטעלעך, קעצעלעך, קעלבלעך. פונדאַנען שטאַמט זייער נאָרמאַלע באַציונג צו די דאָזיקע פראַגן.

אין יעדער משפּחה אָדער אויף דער גאַס זענען קינדער שוואַנגערע פרויען. מע דאַרף אַזאַ פרוי אַרויסווייזן אויפמערקזאַמקייט, אָפּטרעטנדיק איר אַן אָרט אין טראַמוויי, אויף דער באַן. מען דאַרף איר אויך אַרויסווייזן הילף אין דער אַרבעט. דאָס קינד דאַרף וויסן, אַז די פרוי האָט אַ גרויסן בויך דערפאַר, ווייל זי טראָגט אַ קינד, און מע דאַרף זיך מיט איר באַגיין פאָרזיכטיק, כדי נישט צו באַשעדיקן דאָס קינד. מע דאַרף דעם קינד דערמעגלעכן צו אָבסערווירן, וויאַזוי פייגל היטן אָפּ (אומאָפּהענגיק פון געשלעכט) זייערע אייעלעך, וויאַזוי דער „ער" וואַרעמט מיט זיין קערפּער די אייעלעך, בעת די „זי" פליט אַוועק, ווי דער „ער" גיט עסן די קליינטשיקע פייגעלעך אאוו.

די דאָזיקע פראַגן דאַרף מען נישט אויסמיידן, פאַרקערט, מען דאַרף זיי פאַרענטפערן פשוט און נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל דאָס קינד פרעגט, און נישט אַריינלאָזן זיך אין קיין לאַנגע שמועסן.

— עס פאַלט אַ שניי, ווייל אויבן איז קאַלט און דער רעגן איז פאַרפרוירן געוואָרן.

— עס פאַלט אַ רעגן, ווייל דאָס וואַסער האָט אויסגעדאַמפט און זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן, און דאָרט זיך אָפּגעקילט און פאַלט איצט אַראָפּ.

— עס דונערט, ווייל עס האָבן זיך אָנגעשטויסן צוויי וואָלקנס.

— דאָס קינד ווערט געבוירן פון דער מוטערס בויך.

דאָס אַלץ זענען ביישפּילן פון קורצע ענטפערס, וועלכע באַפרידיקן דאָס קינד.

אַ קליין קינד מאַטערט גיכער אַן אַנדערע פראַגע. וואָס וועט געבוירן ווערן — אַ יינגל, צי אַ מיידל. דאָס קינד וויל האָבן אַ שוועסטערל אָדער אַ ברודערל, אַ חבר אָדער אַ חברטע צו די שפּילערייען. ווען איך האָב איינמאָל געענטפערט דעם קליי-

נעם אלעקסאנדער, אז „קיינער ווייסט נישט, צי דאָס וועט זיין א יינגל אָדער אַ מיידל, הער אויף צו פרעגן, וועסט זען, ווען עס וועט געבוירן ווערן", — האָט ער געפרעגט א פארוונדערטער: „צי איז נישט פאראן אזא רפואה, אז דאָס זאָל זיין אַ יינגל, ווייל איך וויל נישט קיין מיידל?!" איך האָב געמוזט אים זאָגן, אז די מענטשן האָבן נאָך נישט צוגעטראַכט אַזאַ רפואה, און מען דאַרף צוואַרטן, ביז די געלערנטע וועלן אזוינס צוטראכטן, און דערווייל קאָן מען זיך גאַנץ שיין שפּילן מיט אַ מיידל, פּונקט ווי מיט יעדן יינגל, ווייל עס זענען פאַראַן פרויען לופט־פּליער, מויערער, אינזשיניערן אאוו.

ווען דאָס קינד וועט אונטערוואקסן און וועט נעמען פאָדערן צו פארברייטערן אָדער פארטיפערן געוויסע ידיעות, וואָס זענען דאָך נישט פאר זיין עלטער, וועט מען עס דארפן אָפּלייגן אויף אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד. קינדער, וואָס ווערן דערצויגן איז אַ געהעריקער אַטמאָספער, זענען גערן מסכים אָפּצולייגן דאָס באַהאַנדלען שווערע פּראָבלעמען, ווייל זיי ווערן מיד אויסהערנדיק לאנגע דערקלערונגען. פאר־וואָס פאָרט א טראמוויי, פונוואנען נעמען זיך קינדער, פארוואָס רוישט א טראק־טאָר, וויאזוי האלט זיך אַן עראָפּלאן אין דער לופטן און א גאנצע ריי אנדערע פראגן דארף מען אָפּלייגן אויף דער צייט, ווען דאָס קינד וועט עלטער ווערן, ווען עס וועט באזוכן די גרונטיקע שול און באקומען ידיעות פון נאטורוויסנשאפט, פיזיק און אנדערע קעגנשטאנדן.

לאָמיר דערציען א גוטן, איבערגעגעבענעם בירגער, וואָס האָט ליב דעם קאָלעקטיוו

אונטער דער באצייכענונג „די מאָראלישע דערציונג" פארשטייען מיר דאָס אויסארבעטן ביי דעם קינד גוטע אייגנשאפטן פון דעם כאראקטער, וואָס מאכן פון אים אַ גוטן, נוצלעכן, זעלבשטענדיקן, אַרבעטספעיקן, לעבנספעיקן און דיסציפּלי־נירטן בירגער אין דער געזעלשאַפט, וועלכער איז פעיק בייצוקומען שוועריקייטן אין לעבן.

אונטער דער באַצייכענונג „מאָראלישע דערציונג" פארשטייען מיר אויך דאָס דערציען ביי דעם קינד די געפילן פון ליבע צו די עלטערן, צו די ברידערלעך און שוועסטערלעך, צו זיינע חברים, דערציער, לערער; צוגעבונדנקייט צו דער שטאָט אָדער דאָרף, געפילן פון ליבע צום היימלאַנד, צו זיינע אָנפירער און פארטיידיקער. די עלטערן דאַרפן לערנען זייערע קינדער, אז זיי זאָלן זיך חבריש שפּילן מיט אַנדערע קינדער, אַז זיי זאָלן אָפּטרעטן אַנדערע קינדער שפּילצייג; דערד־ארץ פאר דער־וואַקסענע, אז זיי זאָלן קאָנען אָפּשאַצן די אַרבעט

עסט און טרינקט אָן דער הילף פון דערוואַקסענע

פון די עלטערן. אַן עלטער קינד דאַרף קענען דעם הערב און די פּאָן פון אונדזער מלוכה, דערקענען די פּאָרטרעטן פון די מלוכה=מענער.

שוין וועגן א דריי=יעריק קינד, וואָס ווייזט אַרויס צוטרוי צו מענטשן, איז מילד, זעלבשטענדיק, זאָגן מיר, אז עס האָט „א גוטן כאַראַקטער". וועגן א קינד, וואָס קאַפּריזעט, וואָס איז שלימזלדיק, אומבאַהאָלפן, זאָגן מיר, אז דאָס איז „אַ שלעכטער כאַראַקטער". מיר זאָגן דערביי: „ער איז געראָטן אין זיידן, פעטער, אין דער מומען".

די זאַך שטעלט זיך אָבער אינגאַנצן אַנדערש פאָר. די נישט געהעריקע דערציונג איז די וועזנטלעכע סיבה פון דעם שלעכטן כאַראַקטער פון דעם קינד. דערפאַר דאַרפן מיר בילדן דעם כאַראַקטער פון דעם קינד פון די פריסטע קינדעריאָרן אָן.

א קינד, וואָס האָט זיך קוים אויסגעלערנט רעדן, בעט שוין אָפטמאָל און איז צודרינגלעך מיט דעם „איך אַליין". דאָס קינד וויל זעלבשטענדיק טאָן דאָס, וואָס די עלטערן טוען פאַר אים. אָבער, פאַרשטענדלעך, דאָס קליינוואַרג קאָן זיך ווירקלעך נאָך אַליין קיין עצה נישט געבן, און די עלטערן פעלט אָפט געדולד און צייט צוצוואַרטן ביז דאָס קינד פירט אויס אַליין, זעלבשטענדיק די טעטיקייט. די דערוואַקסענע וויסן פון פאָרויס, אז דאָס קינד וועט עפּעס נישט קאָנען טאָן אַליין, דערלויבן זיי אים נישט דאָס צו טאָן, מאָטיווירנדיק עס דערמיט: „דו קענסט נאָך נישט, ביסט נאָך צו קליין". אַזאַ האַנדלונג איז נישט קיין ריכטיקע, ווען א קינד פּרוווט מיט זיינע קליינע הענטלעך אומבאַהאָלפן פאַרשנורעווען א שיכל אָדער פאַרקנעפּלען א קנעפּל, מוז זיך עס דערביי א סך אָנשטרענגען. די קליינע פינגערלעך זענען נאָך נישט צוגעוווינט צו דער טעטיקייט, די בענדלעך גליטשן זיך אַרויס, די עקן ווילן נישט אַריין אין די לעכלעך פון שוך אאוו.

דאָס קליינוואַרג, נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, אַרבעט אָבער ווייטער אינטענסיוו און וועט עס טאָן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס וועט נישט דערגרייכן זיינס און פאַרשנורעווען דעם שוך. ביי אַזעלכע, אַפילו קליינע פאַקטן בילדעט זיך דער כאַראַקטער פונעם קינד. אויב א קינד פאַלט ביי זיך אַראָפּ צוליב א דורכפאַל און וויל אויפהערן די פּרוון, דאַרף מען צורעדן מיט א גוט וואָרט: „גיב א קוק, ס'איז שוין כמעט גוט געמאַכט, נאָך אַ ביסל אָנשטרענגונג און ס'וועט זיין אינגאַנצן פאַרענדיקט".

די ערשטע זעלבשטענדיקע אַרבעטן פונעם קינד זענען די בעסטע שול פאַרן כאַראַקטער. פיל עלטערן האַלטן פאַר זייער פליכט אַרומצורינגלען דאָס קינד מיט זאָרג און אויפזיכט, איינשפּאָרן אים אָנשטרענגונגען. זיי מיינען, אז אויף זעלבשטענדיק בייקומען שוועריקייטן וועט זיין צייט, „ווען דאָס קינד וועט אונטערוואַקסן". דאָס איז אין גרונט א פאַלשע איינשטעלונג. אַזאַ קינד קאָן אויסוואַקסן אויף אַן עגאָיסט. עס בירגערט זיך ביי אים איין א זיכערקייט, אז ס'וועט זיך

שטענדיק געפינען עמעצער, וועלכער וועט אים אין א שווערן מאָמענט ארויסהעלפן. אַזעלכע עלטערן מוזן טון אַן עוולה זייער אייגן קינד, ווייל עס ווערט אומבאַהאָלפן, נישט צוגעגרייט צום לעבן, און עס וועט זיך נישט קיין עצה געבן, נישט קאָנען בייקומען קיין שוועריקייטן, מיט וועלכע עס וועט זיך אין דער צוקונפט אָנטרעפן.

מע דארף פון די פריסטע קינדער־יאָרן צוגעווינען דאָס קינד צו גוטלעבע און פאסיקע ארבעטן פאר זיין עלטער. מיר הייבן אָן פון זעלבסטבאַדינונג, נאָכדעם פארלאַנגען מיר, אַז עס זאָל אויספירן קלענערע, איינמאָליקע אויפגאבן, צ. ב. „טראָג אַוועק דאָס טעפּל אין קיך אריין, דערלאַנג מיר דעם טעלער". מע דארף נישט ארויסווייזן קיין אומגעדולדיקייט אָדער אומצופרידנקייט, ווען דאָס קינד וועט נישט אזוי שנעל, נישט אזוי גענוי אויספירן אונדזער פארלאנג. מיט דער צייט וועלן די באַוועגונגען פונעם קינד ווערן מער איינגעאיבט, און עס וועט שנעל קאָנען אויספירן אויפגאבן. פעלערהאפט באגייען זיך די עלטערן, וועלכע גיבן די קינדער נאָר אזעלכע אויפגאבן, ביי וועלכע מען קאָן גאָרנישט קאַליע מאכן, זיי הייסן דעריבער איבערטראָגן פון איין אָרט אויפן צווייטן נאָר אַזעלכע כלים, וועל־כע דאָס קליינוואַרג וועט נישט צעברעכן, אָדער אנדערע זאכן, וועלכע עס וועט נישט פארניכטן.

פארשטענדלעך, אַז מיר וועלן נישט געבן די קינדער קיין טייערע פאָרצעלייענע כלים אָדער א דעליקאטן אינסטרומענט, אָדער עפּעס שארפס, מיט וועלכעס דאָס קינד קאָן זיך צעקאַליעטשן, וויבאַלד ס'וואָלט אומגעפאַלן. אָבער לאָמיר אים געבן כלים פון פאַיאַנס אָדער ערדענע כלים, וואָס אויב זיי וואָלטן זיך צעבראָכן, וועט נישט זיין קיין גרויסער מאַטעריעלער שאָדן, אָבער עס וועט אויסלערנען דאָס קינד פאָרזיכטיק צו זיין, און אין דער צוקונפט וועט עס זיך בעסער היטן. מע דארף אויך נישט שרייען אויף דעם קינד, ווען עס טרעפט זיך עפּעס אזעלכעס ביי אים, ווייל אליין איז עס שטאַרק איבערראַשט פון דעם געשעענעם. מע טאָר נישט דער־ביי זאָגן: „דו האָסט שיטערע הענט", „שלימזל". אַזעלכע ווערטער וועקן ביים קינד דאָס באַוווסטזיין, אַז עס איז נישט פעיק, און מאכן אים אומוויליק, אנטמוטיקן אים צו מאכן ווייטערדיקע פרוון.

ביי אַזאַ „קאַטאַסטראָפע" דארף מען זיך פארהאלטן רואיק, הייסן דאָס קינד, אַז עס זאָל אויפרוימען נאָך זיך, און זאָגן אים עטלעכע ווערטער, וואָס זאָלן אים אונטערהאלטן, דערמוטיקן אין זיינע ווייטערדיקע אָנשטרענגונגען.

אין דער מאָס, וואָס דאָס קינד וואקסט, גיבן מיר אים איבער אַלץ מער פאר־אַנטוואָרטלעכע, שווערערע אויפגאבן. מיר לערנען אים צוהעלפן ביים אויפרוימען די שטוב, און א קינד אין דעם עלטער פון 6 — 7 יאָר שיקן מיר שוין אין געוועלב נאָך דראָבנע, קלענערע זאכן, דערביי זאָגן מיר אים אָן, וויאזוי עס דארף זיך האַלטן אויף דער גאַס. מיר דארפן נישט מורא האָבן, וואָס דאָס קינד איז נאָך קליין און אומבאַהאָלפן. א קינד אין פאָרשול־עלטער אין דאָרף העלפט צו די על־

טערן אין דער אַרבעט. עס פּאַשעט די בהמות, גיט אַכטונג אויף די קלענערע קינדער אין דער היים אאוו.

א קינד אין פאָרשול-עלטער דאַרף זיך שוין קאָנען שפּילן אין אַ קאָלעקטיוו פון קינדער און אַליין זיך אַן עצה געבן אין פאַל פון פאַרשידענע סכסוכים אין קאָלעקטיוו, אָן דעם אַריינמישן זיך פון די עלטערן, וועלכע וואָלטן זיך געשטעלט אויף זיין זייט, אים פאַרטיידיקט. דאָס קינד דאַרף זיך קאָנען אַליין פאַרטיידיקן און דערווערבן זיך אויסאַרבעטן מיט אייגענע אָנשטרענגונגען. קינדער האָבן ניט ליב צו שפּילן זיך מיט די קינדער, וואָס זוכן שטענדיק הילף ביי דערוואַקסענע און שטערן מיט דעם די שפּיל. ווי אַ זייער אינטערעסאַנטער און בולטער ביישפּיל קאָן דינען דער פאָלגנדיקער בריוו פון אַ מוטער:

„איך האָב אַ פינפיעריקן זון, וועלכער וויל זיך גערן שפּילן מיט קינדער, אָבער זיי ווילן זיך ניט שפּילן מיט אים. ווען איך בעט זיי שטאַרק, נעמען זיי אים אַריין אין דער שפּיל, אָבער באַלד קומט ער צו לויפן מיט אַ געוויין, אַז זיי ווילן זיך ניט שפּילן מיט אים. וואָס דאַרף איך טאָן, וויאַזוי אים איבערצייגן, אַז מע דאַרף זיך ניט שפּילן מיט די קינדער? איך האָב שוין געפּרוּווט אים איבערצייגן און זאָגן אים, אַז ער האָט ניט קיין אַמביציע, אַז ער וואַרפט זיך אָן די קינדער, וועלכע ווילן אים ניט, אַז דאָס זענען נאַרישע קינדער, און אַז ס'איז ניט כדאי מיט זיי זיך צו חברן. אָבער דאָס העלפט ניט, ער וויינט אָפט צוליב דעם. וויאַזוי דאַרף איך אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל אויפהערן צו קלערן וועגן די קינדער? אַלע מיינע ביז איצטיקע באַמיונגען האָבן קיין רעזולטאַטן ניט געבראַכט“.

פאַרשטענדלעך, אַז די מוטער איז אַבסאָלוט ניט גערעכט מיט דעם, וואָס זי וויל איבערצייגן דאָס קינד, אַז עס דאַרף זיך ניט שפּילן מיט אַנדערע קינדער. פאַרקערט, זי דאַרף אונטערהאַלטן זיין פאַרלאַנג צו זיין אין אַ סביבה פון קינדער. ס'איז איר פליכט צוצוגרייטן דאָס קינד צום צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעט אין קאָלעקטיוו. צי וועט דאָס קינד אויסוואַקסן אויף אַ קאָלעקטיוון מענטש, אויב עס וועט ניט זיין צוגעוווינט צום צוזאַמענלעבן אין אַ קאָלעקטיוו?

אויפן איינשליסן דאָס קינד אין דער סביבה פון זיינע חברים דאַרף מען און מען קאָן האָבן אַן איינפלוס. צוליב דעם ציל איז נייטיק אויפצוהערן זיך אַריינצומישן אין די קינדערס סיכסוכים און ניט נעמען אין פאַרטיידיקונג דאָס אייגענע קינד, אַפילו ווען דאָס איז אַן איינאונאיינציקס. דעמלט, נאָך אַ געוויסער צייט, וועלן די קינדער גערן מיט אים זיך שפּילן. עס וועט דעמלט ניט אָנוואַרפן זיי זיין ווילן און קאַפּריזן, אָדער זיך ווענדן צו זיין מוטער, אַז זי זאָל צווינגען די קינדער נאָכצוגעבן זיינע פאַרלאַנגען. דאָס קינד וועט דאַן זיך אויסלערנען אונטעראָרדענען זיך די געזעצן פון דער שפּיל און פאַרנעמען אַזאַ אָרט, וואָס דער גאַנצער קאָלעקטיוו וועט אים צוטיילן.

לאָמיר אַנטוויקלען די האַנטפערטיקייט פון די קינדער

מיר דאַרפן זיך באַמיען איינפלאַנצן אין דעם קינד דיסציפּלינירטקייט, וואָס עס וועט אים פאַרלייכטערן אין דעם קומענדיקן לעבן אין דער שול, אין מיליטער, ביי דער אַרבעט, און אין אַנדערע געביטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ קינד מוז קענען אויספירן געוויסע סטאַבילע טעגלעכע טואונגען, אונטעראָרדענען זיך דעם רעגולאַמין פון דעם פאַמיליע-לעבן, אין דער צייט קומען צום עסן, זאָרגן פאַר דער פערזענלעכער היגיענע און אָפּהיטן די ריינקייט אין שטוב, אויף דער גאַס, אין פּאַרק, אין טראַמוויי אאַז.

שוין אַ דריי-יאָריק קינד, אַ דיסציפּלינירטס און גוט-דערצויגנס, וועט נישט שפּייען אויף דער גאַס, וועט נישט וואַרפן קיין פּאַפּיר אויף דער פּאָדלאָגע אין שטוב און נישט אין טראַמוויי אָדער אין קאָרידאָר אאַז. אויב עס וועט נישט באַמערקן קיין מיסט-קעסטל, וועט עס זיך ווענדן צו דער מוטער אָדער דערציערין נאָך הילף.

די דיסציפּלינירטקייט ביי אַ קינד אין פאָרשול-עלטער דריקט זיך אויס אויך אין דעם, וואָס עס קאָן אין געהעריקע מאָמענטן שווייגן, נישט פאַרשטערן מיט קיין פראַגן דערוואַקסענע, פאַרענדיקן צו דער צייט די שפּילערייען אאַז.

שפּילן און שפּילצייג אַנטוויקלען אַלזייטיק דאָס קינד

אַ סך עלטערן מיינען, אַז שפּילן און שפּילצייג זענען נאָר אַ פאַרגעניגן פאַרן קינד, און פאַר די דערוואַקסענע אַ מעגלעכקייט אָפּצוטשעמען, ווייל ווען דאָס קינד איז פאַרנומען מיט שפּילן זיך און מיט שפּילצייג, הערט עס אויף צו מאַטערן און פאַרנודיען מיט פראַגן.

אַזוי איז עס נישט. שפּילן האָבן זייער אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן קינד. שפּילן זיך האָבן ליב אַלע קינדער אויף דער גאַנצער וועלט, אומאָפּהענגיק פון דער סביבה און מאַטעריעלע באַדינגונגען. שוין אין די גאָר אַלטערטימלעכע צייטן האָט מען אויסגעאַרבעט שפּילצייג פאַר קינדער. וועגן דער באַדייטונג פון שפּילן פאַר דער אַנטוויקלונג פון קינד האָט דער גרויסער סאָוועטישער פּעדאַגאָג א. מאַקאַרענקאָ געשריבן:

„אין יעדער גוטער שפּיל איז פאַראַן קודם-כל דער פיזישער און גייסטיקער אָנשטרענג... אין די קינדערישע שפּילן דאַרף מען דערגרייכן, ווי די וויכטיקסטע זאַך, אַז דאָס קינד זאָל זיך פאַקטיש שפּילן, שאַפן, קאָנסטרויִרן, קאָמבינירן. עס זאָל זיך נישט כאַאָטיש אריבערוואַרפן פון איין שפּיל צו דער צווייטער, נאָר זאָל יעדע טואונג דערפירן ביז צום סוף.

וויאזוי דאָס קינד איז אין דער שפּיל, אַזעלכעס וועט עס זיין זייער אָפט אין דער אַרבעט, ווען עס וועט אויפוואַקסן. דאָס דערציִען דעם קומענדיקן טוער קומט פאַר קודם־כּל אין דעם פּראָצעס פון שפּילן זיך".

מאַקאַרענקאָ ווייזט דייטלעך אָן אויף דער גרויסער ווערט פון שפּילן. דאָס אַנטוויקלט די גייסטיקע פעיִקייטן פון קינד און גרייט אים צו צו אַרבעט. מאַקאַ־רענקאָ פאָדערט פון די עלטערן, אַז זיי זאָלן אָנפירן מיטן שפּילן, ווען דאָס קינד ווייזט אַרויס ווייניק אויסדויער אָדער איניציאַטיוו.

שפּילן אַנטוויקלען פיזיש און גייסטיק דאָס קינד

שפּילן גיבן דעם קינד גרויס פרייד און צופרידנקייט. דער גרעסטער טייל פון די שפּילן פאָדערן פון די קינדער, זיי זאָלן זיין אין באַוועגונג. שפּילן גיבן דעם קינד אַ גוטן זעלבסטגעפיל, אַנטוויקלען ביי אים זיכערע באַוועגונגען, אַקטיוויזירן דאָס געפיל פון זיין ווערט. דאָס קינד, וואָס ווידמעט גענוג צייט באַוועגלעכע שפּילן, וואַקסט, איז געזונט, שטאַרק, שלאַנק און פריילעך. מיר דאַרפן זיך באַ־מיען, אַז דאָס קינד, שפּילנדיק זיך, זאָל זיין אויפן הויף אָדער אין פאַרק. אַזעלכע באַוועגלעכע שפּילן, ווי „קלאַסן", „פּאַלאַנט" אאַ. האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַלע מוסקולן פון דעם קינד. מע דאַרף דעריבער נישט האַלטן די שפּילן פאַר זינלאָזע זאַכן און נישט פאַרווערן זיי.

בעתן שפּילן זיך באַקענט זיך דאָס קינד מיט די אייגנשאַפטן פון זאַכן, פון דעם שפּילצייג. שפּילנדיק זיך מיט זאַמד, שמעלט עס פעסט, אַז עס שיט זיך, עס איז געלבלעך, אַז וואַסער איז קאַלט אָדער וואַרעם, אָן אַ קאָליר, איז פליסיק אאַוו. אַ מאָזאַיק אָדער אַ פּיראַמידע זאָגט דעם קינד וועגן פאָרמען און קאָלירן, וועגן גרייס און וואָג. בויענדיק פון קלעצלעך, לערנט זיך דאָס קינד אויסשטעלן זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן נישט אומפאַלן, אַז דער אויפגעבויטער „בנין" זאָל זיך האַלטן; שפּילנדיק זיך אין לאָטאָ־צעטלען, לערנט זיך עס אויס ציפערן, באַקענט זיך מיט קאָלירן און באַרייכערט די שפּראַך. געוויסע בלויזן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם קינד קאָן מען באַזייטיקן אַדאַנק דער דאָזיקער סיסטעמאַטישער שפּיל. דאָס איז אַ טיילווייזע צוגרייטונג צו דער שול. אין דער צייט פון שפּילן זיך טרעפט זיך אָן דאָס קינד אויף שוועריקייטן, וואָס עס מוז זעלבשטענדיק בייקו־מען, עס מוז דערביי קאָמבינירן און אויף אַזאַ אופן אַנטוויקלט זיך עס גייסטיק. די באַדייטונג פון שפּילן פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון קינד קלערט אויף נ. ק. קרופּסקאַיאַ, די גרויסע סאָוועטישע פּעדאַגאָגין, וועלכע האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט דער דערציִונג פון יינגערע קינדער. „די צוזאַמענסטן באַליבטע, די

שפּילן, וואָס אַנטוויקלען אַלזייטיק אונדזערע קינדער

צוזאמענגעשטעלט, אז עס זאל דעם קינד נישט ווי טאָן, צומייגנסטן בייטיקע פאר קינדער זענען די שפּילן, אין וועלכע זיי שטעלן זיך אליין דעם ציל פון דער שפּיל, ווי אויפבויען אַ הויז, אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע, אָפּקאָכן אַ מיטאָג, כאַפּן אַ בער אאַז. דער פּראָצעס פון דער שפּיל באַשטייט אין דערגרייכן דעם ציל. דאָס קינד שטעלט צוזאמען אַ פּלאַן, קלויבט אויס מיטלען צו דערגרייכן אים. ס'איז נישט וויכטיק דאָס, וואָס די באַן, אין וועלכער דאָס קינד פאָרט, איז אויפגעבויט פון קלעצער, דאָס איז נישט דאָס וועזנטלעכסטע, מיט דער פאַנטאַזיע דערגענצט דאָס קינד די ווירקלעכקייט. אַ באַדייטונג האָט דאָ דער פּראָצעס פון מאַכן זיך אַ פּלאַן".

עלטערן דערשאַצן אָפט נישט דאָס דאָזיקע, זיי לאַכן פונעם קינד אָדער זיי רייסן איבער אויף אַ נישט דעליקאַטן אופן די שפּיל. נישט איין מאָל זאָגט דאָס קינד מיט טרערן אין די אויגן: מאַמע, דאָ טאָר מען דאָך נישט גיין, דאָס איז דאָך אַ ים" אָדער „האָסט צעבראָכן מיין באַן, האָסט מיר צוגענומען מיין לאָקאָמאָטיוו". אַזעלכע סיטואַציעס דאַרף מען אויסמיידן. ווען ס'איז נייטיק איבערצורייסן די שפּיל, דאַרף מען דאָס טאָן דעליקאַט, איינשליסנדיק זיך אליין אין דער שפּיל. צ. ב., מען קאָן פאַרלייגן דעם קינד, וואָס שפּילט זיך אין אַ באַן, עס זאָל זיך אומקערן צום וואָקזאַל, ווייל דער מאַשיניסט האָט שוין פאַרענדיקט די רייזע. ווען עס שפּילט זיך מיט אַ ליאַלקע, קאָן מען פאַרלייגן, אַז עס זאָל זי לייגן שלאָפן, ווייל די מאַמע מוז עסן מיטאָג אאַז. יעדע מוטער, יעדער פאַטער, וועלכע וועלן פאַרשטיין די גרויסע באַדייטונג פון שפּילן פאַר קינדער, וועלן געפינען אין יערן באַזונדערן פאַל די פּאַסיקע ווערטער, זיי וועלן נישט אָפּהוזקן פון זייערע שפּילן, באַוווּנדערס אין די אויגן פון די דערוואַקסענע. זיי וועלן באַווייזן אַזוי איבערצורייסן די שפּיל, ווען ס'וועט זיין אומבאַדינגט נייטיק, אַז עס זאָל דעם קינד נישט ווי טאָן, אַז עס זאָל ביי אים נישט אָפּשלאָגן דעם חשק צו שפּילן זיך.

מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז בעתן שפּילן זיך טרעפט אַן דאָס קינד אויף שוועריקייטן. גוטע מאַמעס, ספּעציעל פון בני־יחידימלעך, איילן שנעל מיט הילף און באַזייטיקן אליין די שוועריקייטן. זיי טוען מיט דעם דעם קינד אַן עוולה, ווייל די באַדייטונג און די פאַראינטערעסירונג אין דער שפּיל ליגט טאַקע אין דער פרייד, צופרידנקייט, וואָס דאָס קינד פילט אָפּ, בייקומענדיק אליין די שוועריקייטן. אַ קינד וויל מאַכן אַ באַן, אַ לאַנגע, אַ זייער לאַנגע. עס האָט שוין צוזאַמענגעשלעפּט אַלע שטולן פון שטוב. עס שטעלט אָבער פעסט, אַז די באַן איז צו קליין. זאָל עס דאַן אַליין אַ טראַכט טאָן, קאָמבינירן, אויף וואָס פאַר אַן אופן באַקומען נאָך וואַגאָנען. מיר דאַרפן אים דאַן נישט אונטערזאָגן, אַז מע קאָן נעמען פון קיך אַ שטול אָדער אַ טאַבורעטקע, אַז מע קאָן נעמען דאָס וועגעלע פון דער ליאַלקע אאַז.

דאָס קינד דאַרף אַליין דערטראַכטן זיך צו דעם, אין דעם איז אַ באַזונדערער ווערט פון יעדער שפּיל. שפּילן אַנטוויקלען די שפּראַך פון קינד, ספּעציעל דאַן, ווען עס שפּילט זיך אין קאָלעקטיוו. די זאַצן ווערן שוין פולערע, מער אַנטוויקלטע. עס קומען דעם קינד צו נייע ווערטער. בעת דער שפּיל פירן קינדער צווישן זיך געשפּרעכן, זיי מוזן דאָך אַרומרעדן, באַהאַנדלען די שפּיל, פאַנאַנדערטיילן צווישן זיך די ראָלן, יעדעם איז דאָך „עפּעס", יעדעם שטעלט דאָך פאָר „עמעצן" — דעם טאַטן אָדער די מאַמע, אַ קאָנדוקטאָר, אַ מויערער, אַ קוילנגרעבער, אַ פייערלעשער, אָפּהענגיק דערפון אין וואָס זיי שפּילן זיך. זיי רעדן דאַן מיט דער שפּראַך פון די אויבנדערמאָנטע פּערזאָנען, און אויף אַזאַ אופן לערנען זיי זיך רעדן און באַרייכערן זייער שפּראַך. אפילו ווען אַ קינד שפּילט זיך אליין, אַנטוויקלט זיך זיין שפּראַך, ווייל עס רעדט פאַר זיך און פאַר דעם שפּילצייג, פאַר דעם פערדל, פאַר דער ליאַלקע. עס לערנט זיך באַנוצן די ווערטער, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער שפּיל.

שפּילן לערנען דאָס קינד צו זיין אין אַ קאָלעקטיוו

אַ קינד ביז דריי יאָר שפּילט זיך אָפט אַליין. עס קאָן זיך נישט שפּילן מיט אַנדערע קינדער און מע דאַרף עס נישט צווינגען צו דעם. פון דריי יאָר אָן הייבט עס אָן קלעפּן זיך צו אַנדערע קינדער. אַ געמיינזאַמע שפּיל איז פאַרן קינד אינטערעסאַנטער און פריילעכער. אָבער די שפּיל אין קאָלעקטיוו פאָדערט די פאַנאַנדערטיילונג פון ראָלן. דו וועסט זיין דער טאַטע, — דו — די מאַמע, און דו — דאָס קינד. אָדער דו וועסט זיין אַ קאָנדוקטאָר און איך און מאַלגאָשע פּאַסאַזשירן. אין דער שפּיל לערנט זיך דאָס קינד אָפּזאָגן זיך פון געוויסע אייגענע פאַרלאַנגען לטובת אַנדערע קינדער, אַפילו רעזיגנירן פון אַ באַגערטער ראָל, וואַרטן געדולדיק אויף זיין ריי, אונטעראָרדענענדיק זיך דעם ווילן פון אַלע קינדער. פאַרוואָס איז אַזוי שווער צעפּיעשטשעטע קינדער צו שפּילן זיך אין אַ קאָלעקטיוו? ווייל מע האָט זיי נישט אויסגעלערנט אונטעראָרדענען זיך דעם ווילן פון אַנדערע קינדער — דעם ווילן פון קאָלעקטיוו.

נאָך דער שפּיל זאָגט דאָס קינד צו דער מאַמען: „מיר זענען געפאָרן קיין וואַרשע, מיר האָבן זיך שוין געשפּילט". דאָס וואָרט „מיר" קלינגט אין מויל פון דעם קינד זייער פריידיק, ווייל דער באַוווסטזיין, אַז עס איז אַ מיטגליד פון אַ קאָלעקטיוו קינדער, מיט וועלכע עס וועט זיך ווייטער קאָנען שפּילן, גיט דעם קינד אַ סך פרייד און צופרידנקייט.

שפּילן האָבן פאַרשריפטן, געזעצן, וועלכע די קינדער מוזן אָפּהיטן. ווען אַ קינד שפּילט אין „קלאַסן", ווייסט עס, אַז מע טאָר נישט אַראָפּלאָזן דאָס שטיינדל

יינגלעך שפּילן זיך גערן מיט מיידעלעך, אויב דערוואַקסענע
חוזקן נישט אָפּ דערפון

אויף דער ליניע. ווען עס וואַרפט דאָס שטיינדל, מוז עס טרעפן לויט דער ריי אין די „קלאַסן“. ווען עס שפּילט אין קאַשטאַנעס, איז שטיינדלעך, אין באַהעלטעניש, אין פּילקע, מוז עס זיך אונטעראָרדענען געוויסע פּרינציפּן, געזעצן. נישט איין מאָל האָט עס אַ געלעגנהייט אָפּצונאַרן בעת דער שפּיל. די חברים, די קינדער אַליין היטן אָפּ די געזעצן פון דער שפּיל און מייען אים אין דער שפּיל די קינדער, וועלכע „שאַכרעווען“. קאָלעקטיווע שפּילן פאָרמירן דעם כאַראַקטער, פאַרהאַרטעווען דעם ווילן. נישט איין מאָל ווייטיקט דאָס קינד, פאַרוואָס ס'איז אים נישט געלונגען צו כאַפּן די פּילקע, טרעפן אין ציל, פאַרוואָס עס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שטיין, אָבער עס וואַרט געדולדיק, ביז עס וועט דעם פעלער פאַרריכטן, ווען עס וועט קומען אויפסניי זיין ריי. אַ קינד, וואָס פאַלט בעת דער שפּיל, אָדער עס וועט זיך אַ קלאַפּ געבן, וועט זעלטן זיך צעוויינען, האַלטנדיק, אַז דאָס איז אַ סימן פון שוואַכקייט, און דאָס וויל עס נישט באַווייזן פאַר די מיטשפּילער.

שפּילן אַנטוויקלען דעם עסטעטישן געשמאַק פונעם קינד. די קינדער בעתן שפּילן, נייען, בויען; לייגן צוזאַמען אאַוו. מען דאַרף זיך דעריבער באַמיען, אַז דאָס, וואָס זיי טוען, זאָלן זיי מאַכן שיין און עסטעטיש אַרויסענדיקן. אָפט ווענדעט זיך דאָס קינד צו דער מאַמען מיט דער פראַגע: „ס'איז שיין?“ נישט אָנוואַרפנדיק די אייגענע מיינונג, און נישט מאַכנדיק פאַרן קינד די אַרבעט, דאַרף מען אים עצהנען, וויאַזוי עס צו מאַכן, אַז „ס'זאָל זיין שענער“.

ווי מיר זען, אַנטוויקלט יעדע שפּיל דאָס קינד — פיזיש און גייסטיק. געשטאַלטיקט זיין כאַראַקטער, האַרטעוועט זיין ווילן און אַנטוויקלט אויך זיין עסטעטישן געשמאַק. די פליכט פון די עלטערן איז, אַלזאָ, צו העלפן דעם קינד, אַז ס'זאָל זיך קאָנען שפּילן. איינער פון די באַדינגונגען איז צו געבן דעם קינד די נויטווענדיקע און געהעריקע צאָל שפּילצייג.

שפּילצייג

אַ שפּילצייג איז דער שטענדיקער חבר פון קינד, דערפילנדיק זייער אַ גרויסע אויפגאַבע. שפּילצייג בילדעט דאָס קינד.

„מיר טאָרן נישט צוגיין צו שפּילצייג פון אונדזער שטאַנדפּונקט, ד. ה. אויסקלייבן, דאָס, וואָס עס געפעלט אונדז, די דערוואַקסענע. מיר דאַרפן צו דעם צוגיין פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס עס געפעלט דעם קינד און וואָס אים איז נייטיק. מע דאַרף אָבסערווירן אין וואָס פאַר אַ ריכטונג איז געווענדעט די שעפערישקייט פונעם קינד, און געבן אַזעלכע שפּילצייג, וואָס סטימולירט צו שעפערישקייט, וואָס אָרגאַניזירט און קערעוועט די שעפערישקייט אין אַ געהעריקער ריכטונג“,— האָט געזאָגט נ. קרופּסקאַיאַ אין איר בוך „דערציונג פונעם קינד אין פאָרשול-

עלטער“. שפּילצייג קאָנען מיר קויפן, מיר דאַרפן אָבער זיי אַליין אויך מאַכן אין דער היים. פאַר שפּילצייג דאַרף מען אויך אויסנוצן: קאַשטאַנעס, שישקעס, יאַגדעס, אא. קינדער האָבן זייער ליב צו שפּילן זיך מיט פאַרשידענע זאַכן, וואָס די עלטערן האַלטן עס פאַר אָפּפאַל און הייסן עס אַרויסוואַרפן. אָט, וויאַזוי עס באַשרייבט קינדערישע שפּילן דער גרויסער פראַנצויזישער שרייבער ראָמען ראָלאַן אין זיין באַקאַנט בוך „זשאַן קריסטאָף“: „עס איז שווער אויסצורעכענען, וויפל מעגלעכקייטן עס באַהאַלט אין זיך אַ געוויינלעכער שטיקל האָלץ, אַ צעבראָכן צווייגל, וואָס ליגט זייער נאָענט לעבן פּלויט (און אויב ס'איז נישט פאַראַן קיין גרייט צווייגל, קאָן מען אָפּברעכן), אַ פאַרכישופט, איינפאַך צווייגל, אַ לאַנגס און אַ גלייכס, ווערט אַ שווערד אָדער שפּיז. אויפהייבן עס אין דער לופטן — באַווייזן זיך גלייך גאַנצע אַרמייען. קריסטאָף איז געווען אַ מאַרשאַל, ער איז געגאַנגען אין דער שפּיץ, ווי אַ מיליטער-פירער, און אַטאַקירט אַ בערגל. אויב דאָס צווייגל איז געווען עלאַסטיש, איז עס געוואָרן אַ שפּיצרוט. קריסטאָף איז דאַן געריטן אויף אַ פערד, שפּרינגענדיק איבער תהומען; אויב דאָס צווייגל איז געווען אַ קורצס, איז קריסטאָף געוואָרן אַ דיריגענט פון אַן אָרקעסטער. ער איז געווען גלייכצייטיק אי דער דיריגענט, אי דער אָרקעסטער. ער האָט דיריגירט, געזונגען, נאָכדעם האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר די קוסטעס, וואָס האָבן געוויגט זייערע גרינע קעפּלעך אויפן ווינט“.

די עלטערן דאַרפן פאַרלייכטערן דעם קינד צו באַקומען מאַטעריאַל פון דער נאַטור, געבן אים פּידעלעך, אין וועלכע עס זאָל קאָנען דעם מאַטעריאַל אויסלייגן, סעגרעגירן. קינדער האָבן זייער ליב, צו שפּילן זיך אין זאַמד, מיט וואַסער. מע דאַרף אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן פאַרלייכטערן דעם קינד דאָס שפּילן זיך אין אַזעלכע שפּילן: אַריינגיסן אין אַ שיסעלע אַ ביסל וואַסער, כדי עס זאָל קאָנען לאָזן שיפעלעך אויפן וואַסער. מען קאָן אויך געבן אַ גרויס פּידעלע, די קינדער זאָלן קאָנען קלייבן פאַרשידענע קעגנשטאַנדן, וואָס זענען שוין נישט נייטיק פאַר די דערוואַקסענע, צ. ב., קלעצער פון פאָדעם, פאַרשידענע פּידעלעך און אַנדערע זאַכן. זיי דינען צום באַשיינען דאָס הויז פון די ליאַלקעס, די געביידע פון ד קלעצלעך, אַלגעפאַלס, זיי געפעלן די קינדער, ווייל זיי זענען שיינע, נייע און נאָך אומבאַקאַנטע זאַכן. קינדער קאָנען שעהנווייז זיצן און פאַנאַנדערלייגן, איבערלייגן זייערע אוצרות.

ווען מיר קויפן אַ גרייט שפּילצייג, דאַרפן מיר אין אַכט נעמען דעם עלטער פונעם קינד. שפּילצייג, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אַ דריי-יעריק קינד, רופט נישט אַרויס קיין שום פאַראינטערעסירונג ביי אַן עלטער קינד און דאָס זעלבע פאַרקערט. מיר דאַרפן אויך קעמפן מיט דעם נאָך איינגעבירגערטן פאָראורטייל, אַז אייניקע שפּילצייג זענען צוגעפּאַסט נאָר פאַר מיידלעך און אַנדערע נאָר פאַר יינגלעך. כ'קען יינגלעך, וועלכע חלומען וועגן דעם, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען שפּילן

מיט א ליאַלקע, זיי זענען אָבער נישט דרייסט דאָס צו בעטן, ווייל זיי טרעפן זיך אָפט מיט חוזק־ווערטלעך מצד דערוואַקסענע, וואָס זאָגן: „דו שעמסט זיך גאָר נישט, דו ביסט דאָך א ייִנגל, און דו ווילסט זיך שפּילן מיט א ליאַלקע. דאָס איז שפּילצייג פאַר א מיידל". מיידלעך האָבן ליב אויך ייִנגלערישע שפּילצייג: א ראָווער, „הולי־גאָגא" אא.

א טייל עלטערן האָבן ליב, אַז זייערע קינדער זאָלן האָבן א סך שפּילצייג, זיי קויפן זיי דעריבער שפּילצייג זייער אָפט. א קינד, וואָס האָט צופיל שפּילצייג, שפּילט זיך נישט, ווייל עס האָט זיי צופיל און שאַצט נישט אָפּ זייער ווערט, הערט זיך אויף מיט זיי צו פרייען, דאָס איז נישט קיין געזונטע דערשיינונג. שפּילצייג דאַרף נישט שטיין אוועקגעשטעלט אויף די פּאָליצעס אָדער אויף די טישלעך אלס באַפּוצונגען, דאָס קינד דאַרף מיט דעם שפּילצייג גוט זיך אָנשפּילן.

ווען איך זע נייע שפּילצייג, ווי נאָר וואָס געבראַכטע פון מאַגאַזין, אויסגעשטעלטע אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג אויף די פּאָליצעס, ווייס איך פון פאָרויס, אז דער אייגנטימער פון די שפּילצייג איז א קינד, וואָס ווערט דערצויגן אין א שטרענגן רעזשים, עס שפּילט זיך ווייניק און געניסט נישט פון דעם שפּילצייג.

אַנדערע עלטערן ווידער, וועלכע מיינען, אַז ס'איז נישט כדאַי צו קויפן די קינדער קיין שפּילצייג, „ווייל סיי ווי פאַרניכטן זיי עס", זענען אויך נישט גערעכט. אין אַלגעמיין פאַרניכטן קינדער אַזעלכע שפּילצייג, וועלכע זענען פאַר זיי נישט אַנטשפּרעכנדיק. זיי פאַרניכטן טיילמאָל אויך שפּילצייג מחמת נייגעריקייט אויסצופאָרשן זיי. אָפט צערייסן זיי די ליאַלקעס, בכדי צו דערגיין, פאַרוואָס זיי עפענען און פאַרמאַכן די אויגן. מעכאַניזירטע אָנגעדרייטע שפּילצייג נעמען זיי פאַנאַנדער, בכדי זיך איבערצוצייגן, פאַרוואָס דער „אויטאָ" אָדער די „באַן" פאָרט.

מע דאַרף זיך אין דעם פאַל נישט בייזערן אויפן קינד און נישט דערמאָנען, אַז עס זאָל נישט פאַרניכטן קיין שפּילצייג. מע קאָן אים באַווייזן דעם מעכאַניזם פון שפּילצייג אָדער דערקלערן מיט ביישפּילן, וויאַזוי ס'קומט פאָר, וויאַזוי דאָס געשעט, און פאַרוואָס דאָס שפּילצייג איז טעטיק. דאָס צעברעכן שפּילצייג דורך קינדער איז נישט קיין רעזולטאַט פון זייערע נייגונגען צו פאַרניכטן אַלץ, ווי דאָס טייטשן אויס אייניקע מוטערס. דאָס קומט, אייגנטלעך, פון דעם ווילן צו דערקענען די וועלט און מע דאַרף די דאָזיקע פאַראינטערעסירטקייט אונטערהאַלטן, אַנטוויקלען.

די עלטערן דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אז די שפּילצייג זאָלן זיין אין א גוטן צושטאַנד, מע דאַרף אין דער צייט צונייען דאָס אָפּגעריסענע אויער פון דעם בערעלע, דאָס אָפּגעריסענע פיסל ביי דער ליאַלקע, אַריינקלאַפּן א טשוואָק אין דער אַקס פון וועגעלע, ס'רעדעלע זאָל נישט אַראָפּפאַלן. קינדער בינדן זיך זייער



ביי אַ געהעריקער אויפזיכט האַלטן די קינדער אין אָרדענונג זייער ווינקל אין דער היים

שטאַרק צו צו אַלט שפּילצייג און זיי פֿרייען זיך זייער, ווען די באַליבטע ליאַלקע אָדער דאָס בערעלע ווערט געזונט נאָך אַן „אָפּעראַציע“.

ווען מיר קויפֿן שפּילצייג, מוזן מיר געדענקען פֿאָלגנדיקעס: שפּילצייג דאַרף ווערן צוגעקליבן לויט די פֿיזישע מעגלעכקייטן פֿון דעם קינד, ד. ה. עס דאַרף זיין נישט לייכט און נישט שווער. מע דאַרף נישט קויפֿן קיין צו שווערע ליאַלקע, נישט קיין צו שווער לאָפּאַטקעלע. די לאָפּאַטקע דאַרף אויך נישט זיין צו לייכט, ווייל זי וואָלט נישט געצוואונגען צו קיין אָנשטרענגונגען, נישט אַקטיוויזירט די פֿיזישע און גייסטיקע כוחות.

דאָס שפּילצייג דאַרף זיין פֿון אַ שיינעם קאָליר, נישט האָבן קיין שאַרפֿע קאַנטן, אַרויסשטייענדיקע משוועקעס. האָלץ־שפּליטערס. דאָס שפּילצייג, וואָס מיר גיבן דעם קינד אין האַנט, דאַרף זיין שיין און עסטעטיש אַרויסגעענדיקט, עס זאָל וועקן און אַנטוויקלען ביי די קינדער עסטעטישע געפֿילן. נישט איין מאָל בעט דאָס קינד די עלטערן, זיי זאָלן עס קויפֿן אַ שפּילצייג נאָר דערפֿאַר, ווייל עס איז שיין.

מען דאַרף שאַפֿן פֿאַרן קינד באַדינגונגען צום שפּילן זיך

קויפֿן פֿאַרן קינד שפּילצייג — דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מע דאַרף שאַפֿן אין דער היים אַלע באַדינגונגען, אַז די קינדער זאָלן זיך קאָנען שפּילן. צו די שפּילן פֿון די קינדער דאַרף מען זיך באַציען פּאָזיטיוו, גינסטיק, מיט דער גאַנצער ערנסטקייט טראַקטירן דאָס שפּילן זיך, צוגלייך מיט דער אַרבעט פֿון די דערוואַקסענע. דאָס קינד מוז האָבן אין שטוב אַ ווינקל פֿאַר זיינע שפּילצייג און אַן אָרט אויף שפּילן זיך. וואָס גרעסער עס איז דאָס ווינקל, אַלץ בעסער שפּילט עס זיך. ווען די דערוואַקסענע גייען אַוועק צו דער אַרבעט, דאַרף מען דעם קינד דערמעגלעכן צו געניסן פֿון דעם גאַנצן צימער. מע דאַרף נישט פֿאַרווערן דעם קינד מיטצונעמען אויפֿן שפּאַציר אַ באַליבט שפּילצייג, דער שפּאַציר וועט דאַן זיין אינטערעסאַנטער, ס׳וועט בעסער ווירקן אויפֿן געזונט פֿון דעם קינד.

ווען אַ קינד בויט עפּעס אויף פֿון קלעצעלעך, אָדער לייגט אויס די שפּילצייג לויט זיינע איינפֿאַלן, דאַרף מען זיי נישט צעוואַרפֿן נאָכן פֿאַרענדיקן די שפּיל.

אַ קינד, איבערהויפּט, אַן עלטערס, קערט זיך גערן אום צו דער אָנגעהויבענער שפּיל און שפּילט זיך ווייטער, מע דאַרף דעריבער אים אין דעם נישט שטערן. מע דאַרף אויך פּלאַנירן דעם טאָג פֿונעם קינד, אַז עס זאָל האָבן צייט אויף צו שפּילן זיך.

די עלטערן דאַרפֿן אָבסערווירן דאָס קינד בעתן שפּילן זיך. נישט אריינמישנדיק זיך, נישט אָנוואַרפֿנדיק דעם אייגענעם ווילן, דאַרף מען אָבער פֿון צייט צו צייט אָנפֿירן מיט דער שפּיל.

דאָס קינד שאַפֿט, מאַכט נאָך אין דער שפּיל דאָס, וואָס עס זעט אין לעבן. גוט איז, אז עס מאַכט נאָך די שטוב־אַרבעט פֿון דער מוטער, פֿון וועלכער עס איז אליין א שטענדיקער עדות. שלעכט געשעט, דאַן, ווען עס הייבט אָן נאָכמאַכן די שלעכטע זייטן פֿון אונדזער לעבן, ווען עס הייבט זיך אָן צו שפּילן אין שיכורים, אין געשלעגן אָדער אין ארויפֿכאַפּן זיך אויף א טראַמוויי. די עלטערן דארפֿן זיך דאַן אריינמישן אין דער שפּיל. דעליקאַט, אָבער אַנטשלאָסן דארף מען נישט דערלאָזן וויטער פֿאָרזעצן די שפּילן און פֿאָרלייגן אנדערע, מער אינטערעסאַנטע.

מע דארף אויך דעליקאַט אויפֿמערקזאַם מאַכן דעם קינד אויף זיינע נישט ריכטיקע האַנדלונגען. צ. ב. סימעלע לייגט די ליאַלקע שלאָפֿן מיט די פֿיס אויפֿן קישן, מאַכן איר אויפֿמערקזאַם, אז אזוי שלאָפֿט מען נישט. אויב זי וועט אָבער וויטער לייגן די ליאַלקע נישט ריכטיק, דארף מען איר נישט שטערן, בעסער נאָך א געוויסער צייט נאָך איין מאָל אויף דעם אויפֿמערקזאַם מאַכן. די קליינע סימעלע, פֿאַרשטייט, ווייזט אויס, נאָך נישט אייניקע זאַכן, זי באַמערקט זיי נאָך נישט.

דאָס קינד גייט אין פֿאַרשול

די ערשטע טעג

א סך מאַמעס באַקלאָגן זיך, אז דאָס קינד וויל נישט גיין אין פֿאָרשול אריין. זיי פֿרעגן, וואָס דארף מען טאָן, אַז דאָס קינד זאָל יאָ וועלן גיין אין פֿאָרשול. די עלטערן זאָגן, אז עס העלפֿט נישט נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן. זיי בעטן אַן עצה.

די סיבות, וואָס אנטמוטיקן דאָס קינד צו גיין אין פֿאָרשול זענען פֿארשידנאַרטיקע. דאָס קאָן מען נישט לעזן מיט קיין אלגעמיינער אָנווייזונג.

יעדעס קינד האָט זיינע אייגענע סיבות, וואָס רופֿן ביי אים ארויס אַן אומווילן צו דער פֿאָרשול, און דעריבער דארף מען יעדעס קינד באַזונדער אינגאַנצן אַנדערש באַאיינפֿלוסן, אז ס'זאָל גערן גיין אין דער פֿאָרשול. איינס מוז מען אָבער פֿעסטשטעלן: די סיבה פֿון דעם אומווילן אָדער מורא, שרעק פֿאַר דער פֿאָרשול זענען שטענדיק די האַנדלונגען פֿון די עלטערן אָדער פֿון דער סביבה פֿון דעם קינד.

פֿון די עלטערן איז א סך אָפּהענגיק, אז דאָס קינד זאָל האָבן חשק, אז עס זאָל זיין פֿאַראינטערעסירט צו גיין אין דער פֿאָרשול.

די זעקסיעריקע אידע לעבט אין פֿריינדשאַפֿט מיט דער אַכט־יעריקער שוועסטער. זיי שפּילן זיך צוזאַמען, ווען האָט שוועסטערל גרייט די לעקציעס, קוקט דאַן



עס עסט זיך געשמאַק אין דער געזעלשאַפט פון חברים און חברטעס אין פאָרשול

אידע איבער די בילדער אָדער זי צייכנט. אידע איז זעלבשטענדיק, זי העלפט דער מאמען, נישט איין מאָל גייט זי אליין אײנקויפן אין געוועלב. זי מאכט עס זייער גוט. אידעס שוועסטער און אירע חברטעס האָבן געזאָגט, אז אין פאָרשול גייען בלויז קליינע קינדער, וועלכע שפּילן זיך דאָרט. אידע האלט זיך נישט פאר קיין קליינע און זאָגט זיך אנטשלאָסן אָפּ צו גיין אין פאָרשול. זי האלט עס פאר א דעגראַדאַציע, זי האָט מורא, אז זי וועט פארלירן די פריינדשאפט פון דער שוועסטער און פון אירע חברטעס.

מע דארף אידען איבערצייגן, אז די קינדער אין פאָרשול ארבעטן און זיי לערנען זיך אויך, מע דארף זי פאראינטערעסירן, איבערצייגן, אז די פאָרשול גרייט צו צו דער שול, וועגן וואָס ס'זאָגט עדות דער נאָמען אליין. נאָר אויף אזא אופן קאָן מען אידען פאראינטערעסירן, צוגעבן חשק.

די קליינע פיר-יעריקע מאלגאָשע האָט אויך נישט געוואָלט, אז די מאמע זאָל זי פארשרייבן אין פאָרשול, נאָר אין א „פאָרשול-שול“, ווייל זי האָט שוין געוואָלט גיין אין שול אריין. האָט מען מאלגאָשען איינגעשריבן אין א „פאָרשול-שול“, נישט אויפקלערנדיק איר, אז זי גייט פאקטיש אין א פאָרשול. היינט האָט מאלגאָשע זייער ליב די פאָרשול. זי ווייסט, אז אינגיכן וועט זי גיין אין שול אריין.

דער קליינער צעפּיעשטשעטער יורעק איז אליין געקומען צו גיין אין פאָרשול, ווייל ס'איז אים געפעלן, וואָס ס'האָבן אים דערציילט זיינע חברים. ער האָט געבעטן די עלטערן, זיי זאָלן אים פארשרייבן. אָבער אין דער היים האָט יורעק אָפט געהערט אזעלכע רייד: „וועסט גיין אין פאָרשול, וועט מען דיך דאָרט אויסלערנען שכל, דאָרטן וועסטו מוזן פאָלגן, און נישט ווי אין דער היים, אז דו וועסט נישט פאָלגן, וועט מען דיך שטעלן אין ווינקל און וועסט איבער די הענט באקומען“. ווען ער האָט עפּעס געבעטן, און די עלטערן האָבן נישט געוואָלט אים נאָכגעבן, האָבן זיי דערביי צוגעגעבן, אז אין פאָרשול וועט מען אים אָפּגעווינען פון פארשידענע זיינע קאַפּריזן. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס ביים קינד האָט זיך געשאַפן אן אומווילן צו דער פאָרשול. טייל עלטערן רעדן אין דער אָנוועזנהייט פונעם קינד אין אזא נוסח: „ווען עס וועט שוין גיין אין פאָרשול, וועט ענדלעך אין שטוב ווערן רואיק; כ'וואָלט געוואָלט פון אים פּטור ווערן, כאָטש אויף א האלבן טאָג“.

ס'זענען אויך פאַראַן עלטערן, וועלכע ווענדן אָן אן אנדערע טאַקטיק. זיי שטעלן פאָר דעם קינד שיינע, פּרעכטיקע פּערספּעקטיוון, אז עס וועט אין פאָרשול האָבן א געוועלב, א מאגאזין פון שפּילצייג, אז אלע טאָג וועט עס באקומען זיסוואַרג. ווען דאָס קינד איבערצייגט זיך, אז פאקטיש איז אנדערש, ווי מ'האָט אים צוגעזאָגט, וויל עס נישט גיין אין דער פאָרשול.

דאָס קינד דארף האָבן א ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער פאָרשול. צומבעסטן, אז די מאמע אָדער דער טאטע זאָלן זיך פארשטענדיקן מיט דער דער-

ציערין פון דער פאָרשול, נאָך אייִדער זיי פאַרשרייבן דאָס קינד, דערציילן דער דערציערין וועגן די שוועריקייטן, מיט וועלכע זי קען זיך אָנטרעפן ביי דעם קינד, און גמיינזאַם ארומרעדן, וויאַזוי דאָס צו פאַרהיטן.

ס'איז געוווּנטשן מיטצונעמען מיט זיך דאָס קינד, ווען מע גייט עס איינשרייבן. אין דער זעלבער צייט, ווען די עלטערן דערלידיקן די פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן, באַקענט זיך דאָס קינד מיט דער פאָרשול און מיט די צוקונפטיקע חברים. די דערציערין כאַפּט דערווייל א קורצן שמועס מיט אים. דער אופן פון דערנעענטערן דאָס קינד מיט דער פאָרשול ווירקט זייער גינסטיק אויפן קינד און גרייט אים אַזוי ארום צו צו דער נייער סביבה.

ס'זענען פאַראַן גרונטיקע שוועריקייטן, וועגן וועלכע די עלטערן דאַרפן גערעדן און גמיינזאַם מיט דער דערציערין זיי באַקעמפן, גובר זיין.

קינדער, וואָס זענען ביז אַהער דערצויגן געוואָרן אינעם ענגן קרייז פון דער פאַמיליע, און ספּעציעל שטאַרק פילבארע קינדער ווערן איבערגעשראָקן צוליב דעם גערויש, טומל אין פאָרשול. אין אַלגעמיין געוווינט זיך א קינד שנעל צו, אָבער די ערשטע טעג זענען שווערע. דאָס קינד זיצט אין א ווינקעלע, האַלט זיך אין א זייט פונעם קאָלעקטיוו, עס ענטפערט נישט דער דערציערין.

אין די ערשטע טעג דאַרף מען נישט איבערלאָזן דאָס קינד אויף גאַנצע 9 שעה. אויב אין דער היים זענען פאַראַן עלטערע ברידער און שוועסטער, א באָבע, א שכנטע, אָדער א פאָטער, וואָס אַרבעט אויף דער ביינאַכטיקער שיכט, איז גוט צו אָרגאַניזירן דעם טאָג אַזוי, אַז דאָס קינד זאָל זיך אומקערן אַהיים נאָך עטלעכע שעה זיין אין פאָרשול. פאַרשטענדלעך, איז עס נאָר נוגע די ערשטע טעג. שפּעטער געוווינט זיך דאָס קינד צו צום קאָלעקטיוו, צו זיין גרופּע און פילט זיך אויסגעצייכנט.

ס'זענען פאַראַן קינדער, וועלכע פילן זיך גלייך פון די ערשטע טעג אָן זייער גוט אין פאָרשול, אָבער באַלד נאָך דער ערשטער אָדער צווייטער וואָך זאָגן זיי זיך קאַטעגאָריש אָפּ צו גיין ווייטער אין פאָרשול אריין. זיי גיבן נישט אָן קיין יעזנטלעכע סיבה, אָבער די עלטערן גלייבן הייליק, אַז דאָס קינד וויל נישט גיין אין פאָרשול, ווייל די דערציערין האָט עס נישט ליב, אַז די קינדער נעמען צו די שפּילצייג, אַז א מיידעלע שלאָגט עס אאַז״וו.

דאָס זענען, צעפּיעשטשעטע קינדער אין דער היים, נישט צוגעוווינטע צו דיסציפּלין, האָבן ליב אָפּט צו ענדערן די שפּילצייג און די איינדרוקן. אָפט איז דאָס א בן־יחידל, אָדער א בת־יחידקע. אין אָנהייב ווילט זיי די פאָרשול, ווייל ס'איז ניי און אינטערעסאַנט, אָבער שנעל הייבט זיי אָן מאַטערן דער טאָג־רעגולאַמין, צו וועלכן זיי מוזן זיך צופּאַסן.

די דערציערין הייבט אָן שטופנווייז צו אָרגאַניזירן שמועסן, פאַרשידענע אַרבעטן, דיזשורן. עס מאַכט זיך, אַז דאָס געפעלט נישט דעם קינד און עס וויל



שפילנדיק זיך, לערנען זיך די קינדער ציילן און רעכענען

דעריבער בעסער פארבלייבן אין שטוב און טאָן דאָס, וואָס אים געפעלט, זיין דעספּאָטיש לגבי זיינע ארומיקע, און פראווען זיינע קאפּריזן. מע טאָר נישט דערלאָזן, אז דאָס קינד זאָל אויפהערן גיין אין פאָרשול, ווייל חוקא דאָס פארברענגען אין פאָרשול וועט אים א סך נוצן ברענגען. די פאָרשול וועט אים אויסלערנען אָרדענונג, צו פארברענגען צוזאמען מיט אַנדערע קינדער, דרך־ארץ האָבן פאר דערוואקסענע און אנדערע קינדער, עס וועט זיך אָנהייבן צוגעוווינען צו ארבעט.

א סך עלטערן לויבן די פאָרשול, אין וועלכער עס גייט זייער קינד, ווייל אדאנק דער פאָרשול קאָן די מוטער גיין צו דער ארבעט, דאָס קינד ווערט פּינקטלעך, גוט און געשמאַק דערנערט. אייניקע עלטערן זענען צופרידן בלויז צוליב דעם, וואָס זייער קינד לערנט זיך לידער און קאָן „א שיינעם דאנק" זאָגן נאָכן עסן אָבער דאָס איז נאָך נישט אלץ.

אין פאָרשול אַנטוויקלט זיך דאָס קינד אלזייטיק

די אויפגאבע פון דער פאָרשול איז אלזייטיק צו אנטוויקלען דאָס קינד, צוגרייטן עס צו דער לערע אין שול — פון דאנען טאַקע שטאַמט דער נאָמען פאָרשול. דאָס קינד, וואָס ווערט אין דער פאָרשול צוגעגרייט צו דער לערע, צוגעוווינט צו דיסציפּלין און ארבעט, האָט נישט שפּעטער קיין שוועריקייטן. עס לערנט זיך גוט און פירט זיך גוט אויך אין קלאַס, די עלטערן און די דערציער זענען פונעם קינד צופרידן. די דערציער פון דער פאָרשול האָבן א פּראָגראם פון שמועסן, שפּילן און ארבעטן, וואָס זיי רעאליזירן יעדן טאָג. דער פּראָגראם ווערט אויסגעארבעט דורכן בילדונגס־מיניסטעריום און די רעאליזירונג פון דעם פּראָגראם ווערט קאָנטראָלירט דורך די אָרטיקע בילדונגס־אָרגאנען. כדי די דערציונג אין פאָרשול זאָל געבן די געווונטשענע רעזולטאטן, דאַרפן די עלטערן צוהעלפן די דערציערינס אין זייער ארבעט מיט די קינדער. דאָס קינד דאַרף וויסן, אז די עלטערן שעצן די דערציערינס און שאצן אָפּ זייער ארבעט. ווען א קינד באקלאָגט זיך אין דער היים אויף דער פאָרשול, דאַרף מען נישט אין דער אָנוועזנהייט פונעם קינד שלעכט זיך אויסדריקן וועגן דעם פאָרשול־פּערסאָנאַל, נאָר גיין אין פאָרשול און דאָרט, אויפן אָרט, אויפקלערן דעם ענין. אויב די אויפקלערונגען באפרידיקן נישט די עלטערן, קאָן מען זיך ווענדן צו דער פארוואלטערין, צו דעם עלטערן־קאָמיטעט, צו די בילדונגס־אָרגאנען, אָבער קיינמאָל שלעכט זיך נישט אויסדריקן וועגן דער דערציערין פון געגעבענעם קינד, ווייל דאָס רייסט ארונטער איר אויטאָריטעט אין זיינע אויגן. ס'מאכט זיך אָפט, אז אן עלטער קינד מיט א שטאַרק געפיל פאר גערעכטיקייט פארורטיילט א שלעכטע האַנדלונג פון די עלטערן בנוגע דער דערציערין.

דאָס קינד דאַרף וויסן, אַז די עלטערן און די דערציִערינס זענען שטענדיק ביי איין און דער זעלבער מיינונג, אַז זיי שטעלן איינע און די זעלבע פאָדערונגען, אַז די עלטערן און די דערציִערינס פאַרשטענדיקן זיך וועגן אַלע פראַגן. עס זענען פאַראַן עלטערן, וואָס האַלטן, אַז די פאָרשול דאַרף אָן זייער אָנטייל דערציִען דאָס קינד. מיט דעם מאָמענט, ווען דאָס קינד הייבט אָן גיין אין פאָרשול, מיינען זיי, פאַלט די אויסשליסלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער דערציִונג אויף דער מלוכה. דאָס איז נישט קיין ריכטיקע שטעלונג. פאַרן דערציִען דאָס קינד זענען פאַראַנטוואָרטלעך נישט נאָר די מלוכה, נאָר אויך די עלטערן. אונדזער פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכה פירט אָן מיט דער דערציִונג, העלפט, פאַרלייכטערט די עלטערן דאָס דערציִען קינדער דורך אויפבויען אַ נעץ פון היימען פאַר זויג־קינדער, פאָרשולן, קלובן און אַנדערע אינסטיטוציעס, ווי פעדאַגאָגיש־מעדיציניִשע באַראַטונגס־שטעלן, ווו די עלטערן קאָנען שטענדיק קריגן ענטפערס אויף דערציִונגס־פראַגן און הילף. אָבער דאָס אַלץ באַפרייט זיי נישט פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די עלטערן זענען פאַרפליכטעט צו זאָרגן פאַר דער דערציִונג פון זייערע קינדער און באַמיִען זיך צו דערגרייכן אַלץ בעסערע רעזולטאַטן.

די עלטערן דאַרפן אַריינדרינגען אין די דערציִערישע ענינים פון דער פאָרשול

די עלטערן דאַרפן אַריינדרינגען אין די דערציִערישע ענינים פון פאָרשול, זיין אָנוועזנד אויף אַלע פאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן גערופן דורך דער פאַרוואַלטערין און די דערציִערינס פון דער פאָרשול.

די קליידונג פון די קינדער און די שפּאַצירן זענען אָפט די סיבות פון מיס־פאַרשטענדענישן צווישן די עלטערן און דעם פּערסאָנאַל פון דער פאָרשול. די עלטערן שטערן אָפט די דערציִערינס אין זייער שטרעבונג צו פאַרהאַרטעווען די קינדער, און זיי דאַרפן דאָך די דערציִערינס העלפן. די הילף באַשטייט אין פאַרשטענדיקן זיך וועגן דעם, וויאַזוי שטופנווייז צוגעוויינען די קינדער צו גיין שפּאַצירן, ווען אויסטאָן די נישט נייטיקע העמדעלעך, סוועטערלעך אאַוו. אָפט באַקלאָגט מען זיך, אַז די פאָרשול לערנט ווייניק די קינדער, אַז זיי קענען ווייניק לידעלעך, אַז ווייניק אימפּרעזן ווערן איינגעאָרדנט. די עלטערן האַלטן, אַז שולדיק זענען די דערציִערינס. עס דאַכט זיך זיי, אַז זיי דערשאַצן נישט די טאַלאַנטן פון זייערע קינדער, נישט געבנדיק זיי קיין מעגלעכקייטן אָפטער אויפצוטרעטן, פאָרצושטעלן. אַזאַ מין צוגאַנג איז אַבסאָלוט נישט באַגרינדעט. דער לערן־פּראָגראַם איז באַשטימט דורכן בילדונגס־מיניסטעריום. אין דעם פּראָגראַם איז גענוי פאַרויסגעזען די צאָל לידלעך, וועלכע די דערציִערין דאַרף די קינדער אויסלערנען אין אַ באַשטימטער צייט. די קינדער לערנען זיך לידלעך נישט דערפאַר, בכדי צו

באַווייזן זיך מיט זיי פאַר די עלטערן אין דער היים און פאַר געסט אויף פאַרשידענע פייערונגען. מע לערנט קינדער לידער, בכדי צו אַנטוויקלען ביי זיי דעם זכרון, צו באַרייכערן דעם באַגאַזש פון ווערטער, גייסטיק זיי אַנטוויקלען, אויסבילדן דעם עסטעטישן געשמאַק. די דערציערינס דערמוטיקן נישט־דרייסטע קינדער, זיי זאָלן זיך פילן זיכערער און דעקלאַמירן צווערשט אין דער אָנוועזנהייט פון זייערע חברים און נאָכער פאַר זייערע עלטערן. קינדער, וואָס האָבן זיך ליב צו באַווייזן, און וועלכע די עלטערן האַלטן פאַר טאַלאַנטירטע, ווערן אַמאָל ספּעציעל דורך דער דערציערין נישט אויסגעצייכנט. די דערציערין, שטיצנדיק זיך אויף ריכטיקע דערציערישע פּרינציפּן, צייכנט נישט אויס, טיילט נישט אויס די טאַלאַנטירטע קינדער, ווייל דאָס קאָן אין זיי אַנטוויקלען גאווה, פאַרריסנקייט און גרינגשעצונג צו אַנדערע קינדער. א קינד, וואָס ווערט אָפט אויסגעצייכנט, געוויינט זיך צו צו לויב־ווערטער און ברעכט זיך לייכט איין, ווען מען הערט עס אויף צו לויבן אָדער ווען מען וועט עס עפּעס נישט געבן. א סך מאַמעס שטעלן מיט באַאומרואיקונג פעסט, אַז אַזאַ קינד הייבט אָן שלעכט צו רעדן. די פאַרוואונדערונג איז דערפון נאָך א גרעסערע, ווייל דאָס קינד האָט פריער פליסיק און שיין גערעדט אויף צולהכעיס די שכנים און ארויסגערופן גרויס פרייד ביי די עלטערן. די סיבה דערפון קאָן זיין דאָס, וואָס דאָס קינד האָט איבערגעלעבט עפּעס א דורכפאַל און ס'האָט זיך פּסיכיש צוזאמענגעבראָכן. ריכטיק טוען די דערציערינס, וואָס באַמיען זיך לטובת דעם קאָלעקטיוו און באַזונדערע קינדער איינצואָרדענען אזעלכע פאָרשטעלונגען אין פאָרשול, אין וועלכע ס'נעמען אָנטייל אלע קינדער. די אלגעמיינע פאָרשריטן פון גאַנצן קאָלעקטיוו זענען דאָך אויך פאָרשריטן פון יעדן קינד באַזונדער. א קינד, וואָס פרייט זיך מיט די דערגרייכונגען פון זיין גרופּע, וועט מיט דערפאָלג לעבן אין א קאָלעקטיוו.

מיר דארפן געדענקען וועגן א גרונטיקן ענין: **אונדזער קינד געהערט צו דעם קינדער־קאָלעקטיוו אין פאָרשול.** די באַדינגונגען פון לעבן און ארבעט פון אונדזער קינד זענען דאָך אָפּהענגיק פון דער אלגעמיינער אַטמאָספער און שטימונג, פון דעם אלגעמיינעם ניוואָ פון דער פאָרשול. אין דער ריכטונג מוזן גיין אונדזערע באַמיונגען. עס דארף אונדז פרייען יעדע איינגעגעבענע אימפּרעזע אין דער פאָרשול, אפילו ווען אונדזער קינד טרעט נישט ארויס אינדיווידועל, סאָלאָ. אימפּרעזן, פאָרשטעלונגען דארפן פאָרקומען בייטאָג, קורץ דויערן. דער אינהאַלט דארף זיין א פריילעכער, אז דאָס קינד זאָל זיך פריי פילן אלס באַלעבאָס, וועלכער נעמט פריידיק אויף זיינע געסט. מיר דארפן געדענקען, אז דער נערוון־סיסטעם ביי דעם קליינוואַרג איז א שוואַכער, אז די פייערונג רעגט די קינדער אויף און מאַטערט זיי, זיי זענען נאָך דעם אויף א לענגערע צייט ארויסגעשטויסן פון גלייכגעוויכט. מיר דארפן נישט דערוואַרטן, אז די קינדער וועלן אונדז באַווייזן אן אויסערגעוויינלעכע ארויסטרעטונג, מיט

ערשטראַנגיקע נומערן. לאָמיר קומען אויף א פייערונג אין פּאַרשול, ווי אויף א יום-טוב פון א גרויסער פאַמיליע, וועלכע איז אונדז ליב און נאָענט, און אז איינער פון אירע מיטגלידער איז אונדזער באַליבט זונעלע אָדער טעכטערל.

די עלטערן דאַרפן זיך אונטעראָרדענען דעם רעגולאַמין פון דער פּאַרשול

יעדע פּאַרשול האָט אַ רעגולאַמין, וואָס אַנטשפּרעכט די באַדערפענישן פון די ארבעטנדיקע מאַמעס, וועלכע פארטרויען זייערע קינדער דער אויפזיכט פון דער פּאַרשול.

דער רעגולאַמין איז זייער א וויכטיקע זאַך אין דער דערציונג פון קינדער. אין דער צייט דערלאַנגען די מאָלצייטן, אָרגאַניזירן לויט א פּלאַן שמועסן, שפּילן, לייגן שלאָפן דאָס קינד צו דער באַשטימטער שעה — האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון קינד, דאָס לערנט פּלאַנמעסי-קייט, סיסטעמאַטישקייט און אָרדענונג. די בילדונגס-אָרגאַנען קאָנטראָלירן, ווי ס'ווערט רעאַליזירט דער פעסטגעשטעלטער רעגולאַמין, און דעריבער איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דער פּערסאָנאַל פון דער פּאַרשול פאָדערט פון די עלטערן, אַז אויך זיי זאָלן אָפּהיטן דעם רעגולאַמין. די פליכט פון דער פּאַרשול איז צו פאַרזיכערן א געהעריקע אויפזיכט איבער די קינדער פון ארבעטנדיקע מוטערס, און די פליכט פון די עלטערן איז אָפּצוהיטן דעם רעגולאַמין און צו דער צייט ברענגען און אָפּנעמען די קינדער פון דער פּאַרשול.

די ארבעט פון דער דערציערין איז א שווערע, א פאַראַנטוואָרטלעכע. דער גרויסער רוסישער פּעדאַגאָג אושינסקי שרייבט וועגן דער ארבעט פון דער דער-ציערין צווו. אַנד.:

„די קונסט פון דעם דערציער האָט די אייגנשאַפט, וואָס כמעט אַלע דוכט זיך, אז זי איז באַקאַנט און פאַרשטענדלעך, און אייניקע אפילו, אז דאָס איז א לייכטע זאַך. וואָס ווייניקער דער מענטש איז באַקאַנט מיט דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דערציען, אלץ מער דוכט זיך אים, אז זי איז זייער א פאַרשטענד-לעכע און לייכטע". די ארבעט פון דער דערציערין אין דער פּאַרשול ענדיקט זיך נישט נאָך 9 שעה, ווען די קינדער גייען אַהיים. די דערציערין דאַרף צוגרייטן מאַ-טעריאַל צו אַרבעטן מיט די קינדער אויפן צווייטן טאָג און אָנשרייבן דעם אַר-בעטס-פּלאַן, אַ באַריכט אאוו. די דערציערינס האָבן אָפט אַ סך פּאָליטיש-געזעל-שאַפטלעכע אַרבעט, זיי פאַרטיפערן זייער פּאָליטיש און פּעדאַגאָגיש וויסן. די דערציערינס זענען אָפט אַליין אַרבעטנדיקע מאַמעס, האָבן פאַמיליע-פליכטן און קיינער דאַרף זיי נישט פאַרלענגערן דעם אַרבעטס-טאָג. אָפט פאַרשטייען דאָס

אַ בולטער קאָנטראַסט פון גוט און שלעכט דערצויגענע קינדער: די ערשטע צוויי
עסן געשמאַק, מיט אַפּעטיט — פאַר די אַנדערע איז עס אַן אָפּקומעניש

די עלטערן נישט און קומען שפּעט אָפּנעמען זייערע קינדער, ווייל זיי האַלטן, אַז דער פּערסאָנאַל פון דער פּאָרשול איז פאַרפליכטעט צו אַרבעטן ביז דער צייט, ווען עס קומען די עלטערן אָפּנעמען די קינדער. נישט איין מאָל מאַכט זיך, אַז א מאַמע, גייענדיק נאָך דעם קינד אין פּאָרשול, כאַפּט דערווייל אויפן וועג א שמועס מיט א באַקאַנטער, קויפט עפּעס אין געוועלב אָדער דערליידיקט אנדערע ענינים. דאָס קינד איז אומעטיק און פילט זיך פאַרלאָזט, זעענדיק, אַז אַלע קינ־דער זענען שוין אהיימגעגאַנגען און בלויז ער איז געבליבן אַליין און וואַרט, ביז עמעצער פון דער פאַמיליע וועט קומען נאָך אים. לטובת דעם אייגענעם קינד און לטובת דעם פּערסאָנאַל פון דער פּאָרשול, דאַרפן די עלטערן צו דער צייט קומען אָפּנעמען די קינדער.

קינדער אין שול־עלטער

וועגן צוגרייטן דאָס קינד אין שול אריין

פיל עלטערן, וועלכע ווילן גוט אויספירן זייערע פליכטן און ווי געהעריק צוגרייטן דאָס קינד אין שול אַריין, לערנען עס לייענען אָדער שרייבן. זיי מיינען, אַז ווען דאָס קינד וועט קומען אין ערשטן קלאַס, קענענדיק לייענען און שרייבן, וועט עס לייכט קאָנען באַהערשן די ווייטערדיקע לערע.

די דערפאַרונג באַווייזט אָבער פונקט דאָס פאַרקערטע. דער לערער האָט אָפט שוועריקייטן מיט קינדער, וועלכע קומען אין שול מיט אַ באַשטימטער צוגרייטונג. אַזעלכע קינדער פאַסן זיך שווער צו צו דער אַלגעמיינער אַרבעט פון קלאַס, ווייל זיי לאַנגווייליקן זיך ביים אויספירן אַן אַרבעט, וועלכע איז זיי שוין גוט באַקאַנט. אין רעזולטאַט דערפון ווערן זיי נישט אַריינגעצויגן צוזאַמען מיטן גאַנצן קלאַס אין דער נאָרמאַלער, סיסטעמאַטישער טעטיקייט. דאָס קינד, וואָס קען שוין טיילווייז לייענען און שרייבן שטערט אָפט דעם לערער אין זיין אַרבעט מיטן גאַנצן קלאַס.

עס טרעפט, אַז אַ קינד, וואָס האָט זיך צוגעוווינט נישט צו זיין אויפמערקזאַם בעת דער לעקציע, לאָזט דורך דעם מאָמענט, ווען דער לערער מאַכט דורך מיטן קלאַס אַ נייעם מאַטעריאַל. דאָס חזרט זיך איבער, און דאָס קינד הייבט אָן אָפּשטיין פון קלאַס.

אַנדערש איז די אַרבעט פון קינד, וואָס קאָן נישט לייענען און שרייבן. צוזאַמען מיטן קלאַס באַזיגט עס שטופנווייז די שוועריקייטן, געוווינט זיך צו צו סיסטעמאַטישער אַרבעט.

די שוועריקייטן, וואָס שטאַמען פון פריצייטיקן לערנען, ווירקן שלעכט אויפן זעלבסטגעפיל פון קינד, פירן עס אַרויס פון גלייכגעוויכט, שטערן אין דער לערע. פון אָנהייב פילט עס זיך קלוגער פון זיינע חברים. דערנאָך איז דעם קינד פיל שווערער, ווען די חברים הייבן עס אָן איבערצויאָגן, עס פאַרלירט דאן דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות, אין דער מעגלעכקייט אָנצויאָגן די חברים. ווען מיר

רעדן וועגן צוגרייטן דאָס קינד אין שול אַריין, האָבן מיר אין זינען פאָלגנדיקע מאָמענטן:

ערשטנס, פאַרהאַרטעווען דאָס קינד פיזיש, צוגעווינען עס לייכט אויסהאַלטן אַ פיזישן אָנשטרענג: פרי אויפשטיין און אָן ספּעציעלער אָנשטרענגונג דורכמאַכן דעם וועג אין שול אַריין. אַ געזונט קינד באַזוכט סיסטעמאַטיש די שול, לאָזט נישט דורך די לימודים. ביי אים שאַפן זיך נישט קיין בלויזן אין דער אַרבעט און עס אַנטשטייען נישט צוליב דעם קיין שוועריקייטן.

מען דאַרף אויך דעם קינד פאַרלייכטערן דעם פּראָצעס פון אויסלערנען זיך שרייבן, ד. ה., איינאיבן די מוסקולן פון די פינגער, כדי עס זאָל נישט האָבן קיין שוועריקייטן אין דער אַרבעט מיטן בלייער, פעדער, ביים באַהערשן די טעכניק פון שרייבן. כדי איינצואיבן די מוסקולן פון די פינגער, גיבן מיר דעם קינד שוין פון דריי יאָר אָן בלייערס, קרייטלעך, עס זאָל צייכענען, פּלאַסטעלין אָדער ליים צו קלעפּן, אַ שערעלע און פּאַפּיר אויסצושניידן. יעדע אַרבעט, וואָס דאָס קינד פירט אויס מיט די הענטלעך און פינגער, וועט אים אין דער צוקונפט פאַרלייכטערן דאָס שרייבן.

צווייטנס, צוגרייטן דאָס קינד גייסטיק, דאָס הייסט אַנטוויקלען אין קינד דעם אינטעלעקט. מיר אַליין דאַרפן ווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די אַרומיקע נאַטור און געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, דערוועקן זיין פאַראינטערעסירטקייט, צוציען זיין אויפמערקזאַמקייט, איינפלאַנצן ביי אים די פעיקייט פון אָבסערוואַציע אאַוו. אַ קינד, וואָס איז נישט אויפמערקזאַם און קאָן נישט קאָנצענטרירט הערן די רייד פון לערער, איז זיך שווער צו לערנען. אויסאַרבעטנדיק אין קינד די אויבן דערמאָנטע אייגנשאַפטן אין פאָרשול־עלטער, פאַרלייכטערן מיר אים די לערע אין שול.

דריטנס, דאָס קינד, וואָס קומט אין שול אַריין, דאַרף שוין זיין צוגעוווינט צו אַ געוויסער אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע, צו אַ געוויסער סיסטעמאַטישקייט און זעלבשטענדיקייט. עס דאַרף זיך קאָנען אַן עצה געבן מיט זיינע קליינע זאָרגן. צ. ב. האַלטן די ביכער אין אָרדענונג, פאַרבינדן אַ שלייפל אויפן שוך, זיך שנעל אָנטאָן און אויסטאָן אאַוו. עס דאַרף קאָנען נאָכפאָלגן דעם טעמפּ פון דער שול.

פערטנס, מע דאַרף דערציען דאָס קינד אַזוי, אַז עס זאָל זיך קאָנען צוזאַמענלעבן און מיטאַרבעטן מיט די חברים. קריגערייען מיט חברים, וואָס טרעפן אָפט ביי קינדער, וועלכע זענען נישט צוגעוווינט צו לעבן אין אַ קאָלעקטיוו, שטערן אַרויס דאָס קינד פון גלייכגעוויכט, שטערן אים אין דער נאָרמאַלער לערע. דערפאַר דאַרפן מיר די קינדער, וואָס זענען אין דער משפּחה בני־יחידים, אַריינגעבן אין אַ פאָרשול, כדי זיי זאָלן זיך אויסלערנען צוזאַמענלעבן מיט חברים.

עס איז זייער וויכטיק צו וועקן אַכטונג און ליבע ביים קינד צו דער שול

און צו דעם לערער. פיל עלטערן שרעקן דאָס קינד מיט דער שול, מיטן לערער: „וואַרט נאָר, וואַרט, וועסט גיין אין שול, וועט מען דיך שוין אויסלערנען שכל“. אַזעלכע אַרויסזאָגונגען זענען שעדלעך, ווייל זיי שאַפן ביים קינד אומצוטרוי, אָדער מורא פאַרן לערער. דאָס שאַפט ביים קינד אומדרייסטקייט און אַ ווידערווילן צו דער שול, האָט אַ נעגאַטיוון איינפלוס אויף דער לערע.

דאָס קינד דאַרף איבערטרעטן די שוועל פון דער שול מיט פרייד און צוטרוי. אַז עס וועט זיך אַן עצה געבן אין דער לערע, אַז עס וועט זיך אויסלערנען פיל אינטערעסאַנטע זאַכן, אז עס וועט אים דאָרט זיין אָנגענעם און פריילעך. צום אויפקומען פון אַזעלכע געפילן ביים קינד מוזן מיטווירקן די עלטערן מיט זייער גאַנצער דערציונג אין משך פון די יאָרן, איידער דאָס קינד הייבט אָן צו גיין אין שול.

אונדזער הילף פאַר די קינדער אין דער לערע

ווען אונדזער קינד הייבט אָן צו גיין אין שול, קומט אונדז נאָך צו אַ נייע פליכט: העלפן דעם קינד אין דער לערע, קאָנטראָלירן זיין אַרבעט פאַר דער שול. פיל עלטערן באַגרענעצן זייערע באַזוכן אין שול, זייער קאָנטאַקט מיט איר אויסשליסלעך צום אָנטייל אין די עלטערן=פאַרזאַמלונגען, וווּ עס ווערט גערעדט וועגן די פאָרשריטן פון די שילער. אייניקע געפינען אפילו נישט קיין צייט פאַר די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען אויך. זיי פאַרענטפערן זיך, אַז זיי זענען פאַרנומען אָדער פראָפעסיאָנעל, אָדער געזעלשאַפטלעך. דאָס איז זייער אַ פאַלשער שטאַנדפונקט. מע דאַרף אַזוי אָרגאַניזירן די צייט, אַז מע זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט כסדר, סיסטעמאַטיש אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער שול, כדי צו באַהאַנדלען מיטן דערציער און די לערער די אויפפירונג און די פאָרשריטן פון קינד.

נישט ריכטיק האַנדלען אויך די עלטערן, וועלכע מיינען, אַז די אמתע לערע פון קינד הייבט זיך ערשט אָן אין די עלטערע קלאַסן, און מע קאָן זי גרינגשעצן אין די יינגערע קלאַסן. דאָס איז אַ טעות, וואָס איז זיך שפּעטער נוקם, ווען דער שילער איז אין די עלטערע קלאַסן. די באַציונג פון קינד צו דער לערע און אַרבעט פורעמט זיך אויס אין די יינגסטע קלאַסן. פון די עלטערן איז אָפּהענגיק, וויאַזוי דאָס קינד וועט זיך לערנען. די באַציונג, וועלכע דאָס קינד האָט צו דער לערע, טראָגט עס דערנאָך אַריבער אויף דער אַרבעט, וועלכע עס וועט אויספירן אין די רייפערע יאָרן. דערפאַר טאַקע דאַרפן מיר שוין פון 1=טן קלאַס צוגעוויינען דאָס קינד צו אַ סיסטעמאַטישער, ערנסטער און פּינקטלעכער אַרבעט, צום גרייטן ווי געהעריק די פאַרגעבענע לעקציעס.

אין וואָס באַשטייט אונדזער הילף פאַרן קינד אין דער לערע? קודם=כל נישט אין דעם, אַז מיר זאָלן אים געבן פאַרטיקע מוסטערן פון מאַטעמאַטישע אויפ=

אַ שילער גרייט אָן אינטערעסאַנטע אַרבעט

גאַבן, אָדער שרייבן פאַר אים אַ שריפטלעכע אַרבעט פון וועלכן ס'איז לימוד. די הילף באַשטייט אין שאַפן באַדינגונגען פאַר דער לערע, קאָנטראָלירן און איבערקוקן די געמאַכטע לעקציעס. אין דער מאָס, ווי דאָס קינד ווערט עלטער, אַלץ דיסקרעטער דאַרף זיין אונדזער קאָנטראָל.

דאָס שאַפן באַדינגונגען פאַר דער לערע באַדייט לגמרי נישט, אַז מיר באַפרייען דאָס קינד פון די שטוביקע פליכטן. מע דאַרף נישט פאַרוואַנדלען דעם קינדס לערע אין אַ צענטראַלן פונקט פון דעם לעבן פון דער גאַנצער משפחה. די עלטערנס פראָפעסיאָנעלע, געזעלשאַפטלעכע און פאַרטייאישע אַרבעט דאַרף זיין פאַרן קינד הייליק, און עס דאַרף זיך צופאַסן צו איר. אָבער אויך זיין באַציונג און די באַציונג פון אַרום צו דער לערע פון קינד דאַרף זיין פונקט אַזאַ ערנסטע, ווי צו דער אַרבעט פון די דערוואַקסענע.

יעדער שילער דאַרף האָבן אין דער היים אַן אָרט אויף זיינע ביכער און העפטן. דאָס קאָן זיין אַ שופלאָד אין דער שאַנק, אין אַ שרייבטיש. אין אַן ענגער וווינונג קאָן זיין אַ פאָליצע אויף דער וואַנט. עס מוז זיין די זיכערקייט, אַז די יינגערע קינדער וועלן נישט האָבן קיין צוטריט צו די ביכער און העפטן פון שילער, אַז זיי וועלן זיי נישט צערייסן און פאַרפלעקן.

דאָס קינד דאַרף אין באַשטימטע שעהן צוגרייטן זיינע לעקציעס, די שעהן דאַרפן פאָרויסגעזען ווערן אין אַלגעמיינעם טאָג=פּלאַן פון קינד. מיר זענען נישט פאַר איינפירן אַ קינסטלעכע שטילקייט אין דער גאַנצער שטוב בעתן צוגרייטן די לעקציעס, אָבער אין צימער, וו דאָס קינד לערנט זיך, דאַרפן נישט געפירט ווערן קיין הויכע געשפּרעכן, עס דאַרף נישט שפּילן דער ראַדיאָ אאַוו. דאָס קינד קאָנצענטרירט מיט שוועריקייטן זיין אויפמערקזאַמקייט, און דערפאַר דאַרף מען עס נישט צעשטרייען מיט אויסערלעכע פאַקטאָרן.

כדי צוצוגרייטן די לעקציעס, דאַרף מען דעם קינד געבן אַ שטענדיקן באַקוועם אָרט ביים טיש אָדער שרייבטיש. דעם קינדס פיס דאַרפן דערגרייכן די פאָדלאָגע, דאָס ליכט דאַרף נישט לייכטן אין די אויגן אַריין, נאָר פאַלן פון דער לינקער זייט אויף די העפטן און ביכער. מע דאַרף זען, אַז דאָס קינד זאָל זיך נישט צופיל איבערבייגן איבערן טיש. עס זענען פאַראַן פאַלן, ווען צוליב דער נישט געהעריקער פאָזיציע פון קינד ביים צוגרייטן די לעקציעס, קומט פאָר אַן אויסקרימונג פון רוקן=ביין.

מען טאָר נישט איבעררייסן די אַרבעט פון קינד בעתן גרייטן די לעקציעס מיט זייטיקע אויפגאַבן ווי צ. ב. „לויף אין געוועלב אַריין נאָך ברויט, ווייל באַלד וועט מען צומאַכן דאָס געוועלב“, אָדער „גיב אַכטונג אויף דער מילך, ווייל זי וועט באַלד אויסלויפן“. דאָס צעשטערט די אויפמערקזאַמקייט פון קינד און פירט עס אַרויס פון גלייכגעוויכט. מיט שוועריקייטן קערט עס זיך אום צום איבערגעריסענעם געדאַנק. מע דאַרף אַזוי אָרגאַניזירן דעם טאָג=פּלאַן, אַז דאָס קינד

זאָל אַלע זיינע שטוביקע פליכטן דערפילן פאַרן צוגרייטן די לעקציעס אָדער נאָך זיי.

אָפט דאַכט זיך דעם קינד, אַז עס האָט שוין געלערנט די אויפגאַבע, אַז עס האָט זי באַהערשט, און דערווייל איז עס נישט אַזוי. מע דאַרף זיך אַלזאָ אָריענטירן אין די פאַרגעבענע לעקציעס. קלענערע קינדער דאַרף מען פאַרהערן, צי זיי קענען דאָס ליד, צי זיי באַהערשן געהעריק אויף אויסנווייניק די כפל-טאַבעלע, מע דאַרף קאָנטראָלירן, צי זיי האָבן שוין אָנגעשריבן זייערע אַרבעטן. אויב דאָס קינד האָט שלעכט אָנגעשריבן, דאַרף מען עס צווינגען, אַז עס זאָל אָנשרייבן נאָכאַמאָל און גוט.

עלטערע קינדער העלפן מיר, אינטערעסירנדיק זיך מיט זייערע אויפגאַבן. מיר העלפן, קאָנטראָלירנדיק די שוואַכע זייטן. דערביי באַמיען מיר זיך צו אַנטוויקלען ביי זיי דאָס זעלבשטענדיקע דענקען. ווען מיר זענען נישט בכוח זיי אַליין צו העלפן, דאַרפן מיר זיך באַמיען, אַז עס זאָל דאָס טאָן ווער עס איז פון די בעסערע שילער, עמעץ פון זמפ. מיר דאַרפן זיך ווענדן נאָך אַן עצה צום לערער אָדער עלטערן-קאָמיטעט.

דאָס וויכטיקסטע: די פליכט פון די עלטערן איז צו וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין קלאַס, וואָס עס ווערט דאָרט געלערנט. דאָס קינד דאַרף פילן און וויסן, אַז זיין לערע איז אַן ערנסטע זאַך און אינטערעסירט די עלטערן פונקט ווי זייער אייגענע אַרבעט, ווי זייער אייגענע לערע.

לאָמיר אייַנפלאַנצן ביים קינד אַכטונג צום לערער

— האָסט ווידער א צוויי פון פויליש?

— איך האָב געשריבן א דיקטאַט און געהאַט עטלעכע פעלערן, האָט מען מיר געשטעלט א צוויי. אַנדערע קינדער האָבן געהאַט מער פעלערן און באַקומען דרייען.

— אַזוי נישט-יושרדיק!

ווען דער טאַטע קומט צוריק אַהיים פון דער אַרבעט, דערציילט אים די מאַמע אין דער אַנוועזנהייט פון קינד, אַז דער לערער איז נישט קיין יושרדיקער און „משפּעט“ זיך צו זייער קינד. ס׳טרעפט אויך אַנדערש. א קינד קומט אַהיים פון שול און חזרט איבער די ווערטער, וועלכע דער לערער זאָל האָבן געזאָגט. די עלטערן זעען זיי אויס צו זיין נישט קיין גערעכטע, נישט קיין יושרדיקע. זיי דריקן אַלזאָ אויס זייער אויפרעגונג אין דער אַנוועזנהייט פון קינד. אָפט קריטיקירן עלטערן דעם לערער, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס דאָס קינד הערט עס.

אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָט דאָס קינד באַקומען א שלעכטע מיינונג דערפאַר, וואָס עס האָט נישט געמאַכט די לעקציעס אין דער היים, און דערביי איז עס נישט דאָס ערשטע מאָל. די מאַמע, נישט קאָנטראָלירנדיק, צי דער זון זאָגט אמת, דריקט זיך אויס מיט גרינגשעצונג אָדער אויפרעגונג וועגן לערער, אָפט פּאָטאַקעוועט איר נאָך דער טאַטע. אין אַלגעמיין איז פאַרן קינד יעדעס מאָל גיין אין שול א גרויסע איבערלעבונג. די שול איז פאַר אים עפּעס א זייער וויכטיקע זאַך; עס באַמיט זיך יעדעס וואָרט אָדער אָנווייזונג פון לערער צו דערפילן ווי צום בעסטן, כדי פאַרדינען אויף לויב. ווען דעם קינד געלונגט עפּעס נישט אין דער אַרבעט, האָט עס מורא, אַז עס קאָן הערן פון לערער א פאָרוואורף אָדער א באַמערקונג. די דאָזיקע ערנסטע באַציונג צום לערער און דער שול איז א באַדינג פאַר דער גוטער לערע פון קינד.

עלטערן וווּנדערן זיך טיילמאָל, ווען דאָס קינד הייבט אָן אַרויסצווייזן אַן אומווילן צו דער שול. זיי געדענקען אינגאַנצן נישט די אייגענע רייד, דורך וועלכע זיי האָבן אומגערן שלעכט געווירקט אויף דער באַציונג פון קינד צום לערער און גלייכצייטיק אויך צו דער לערע. דאָס אַרונטעררייסן דעם אויטאָריטעט פון לערער און פון דער שול אין די אויגן פון קינד טרעפט סיי דאָס קינד און סיי די עלטערן.

אַרונטעררייסנדיק דעם אויטאָריטעט פון לערער אין עם שילערס אויגן, באַשווערן מיר אומגעהויער דעם לערער אין זיין אַרבעט. אַ קינד, פאַר וועמען דער לערער איז נישט קיין אויטאָריטעט, לערנט זיך שלעכט, איז נישט אויפמערקזאַם אין קלאַס, אינטערעסירט זיך נישט מיט די לעקציעס, וועלכע ווערן פאַרגעבן אַהיים. ס'ווערן אַלץ גרעסער די בלויזן, וועלכע דער שילער האָט אין דער לערע, ער בלייבט אַלץ מער הינטערשטעליק לגבי דעם קלאַס.

גאָר אַנדערש לערנט זיך א קינד, ווען עס האָט אכטונג צום לערער און ווייסט, אַז דער לערער איז אַן אויטאָריטעט אויך פאַר זיינע עלטערן. ס'געלונגט אים בעסער דאָן די אַרבעט, ער דערגרייכט בעסערע רעזולטאַטן אין דער לערע.

צו די אָנקלאַגעס פון קינדער דאַרף מען זיך באַציען זייער פאָרזיכטיק, ווייל קינדער זענען זייער סוביעקטיוו אין זייערע אַרויסזאָגונגען, אָפּשאַצונגען און האָבן אָפט א טעות. זיי זענען נישט קריטיש און, נישט זוכנדיק די שולד אין דער אייגענער האַנדלונג, וואַרפן זיי זי אַרויף אויפן לערער און אויף דער שול, בפרט נאָך דעמאָלט, ווען די עלטערן גיבן זיי שטענדיק גערעכט.

מע דאַרף נישט איבעריק נתפּעל ווערן פון קינדערס רייד וועגן דער „אומיושרדיקייט" פון לערער, און אומבאַדינגט טאָר מען נישט אין קיין שום פאַל קריטיקירן אין קינדס אָנוועזנהייט די האַנדלונג פון די דערציער, גיבנדיק דערמיט אַליין גערעכט דעם קינד. מע דאַרף גיין אין שול און דורכרעדן זיך מיטן

קלאסן־דערציער, כדי געמיינזאם צו קערעווען מיט דער לערע און אנטוויקלונג פון קינד.

מע דארף, באטירלעך, נישט ארײנפאלן אין א צווייטער עקסטרעמקייט און האלטן, אז מ׳דארף דעם לערער שטענדיק געבן גערעכט. אזא שטעלונג פון די עלטערן וועט אנטמוטיקן דאס קינד, וואס וועט אנהייבן אויסמיידן צו רעדן וועגן שול־ענינים, וועט זיך פארשליסן אין זיך און לסוף בכלל אויפהערן אנפארטרויען זיך די עלטערן מיט זיינע געדאנקען און איבערלעבונגען.

אין אזעלכע פאלן טאר מען אויך נישט ארונטעררייסן אין די אויגן פון די קינדער דעם אויטאריטעט פון דעם לערער, ווייל א לערער קאן אויך ווען נישט איז באגיין א פעלער. פארשטענדיקנדיק זיך מיט דעם לערער, קען מען צוזאמען מיט אים לעזן גערעכטיק דעם קאנפליקט.

אלע דארפן מיר זארגן פאר דער גוטער אויפפירונג פון דער יוגנט

געוויסע קינדער אנטלויפן פון די לעקציעס, ווייל זיי זענען נישט צוגעגרייט און האבן מורא, אז זיי וועלן באקומען א שלעכטע מיינונג; אנדערע ווידער זענען לייכטזיניק און פויל, זיי איז שווער צו באהערשן, ווען זיי זעען, אז ס׳איז פרי־לינג, זיי ווילן בעסער פארברענגען אויף דער לופט, איידער זיצן אין קלאס.

אויסער דעם, האט זיך שוין אין די שולן איינגעווארצלט די טראדיציע פון אנטלויפן בעת די לעקציעס, כדי צו פוסטעפאסעווען. ווער עס טוט עס, ווערט גע־האלטן פאר א דרייסטן, פאר א גוטן חבר, אין וועמענס געזעלשאפט עס איז אנ־גענעם צו פארברענגען.

די קינדער, וואס ווילן בעסער בלייבן אין שול און לערנען זיך, האבן אבער אפט מורא פארן חוזק פון זייערע חברים, פאר פארווורפן, אז זיי זענען פחדנים, נישט חבריש און דעריבער גייען זיי מיט מיט די פוסטעפאסניקעס, כאטש זיי האבן אינגאנצן נישט קיין שום פארגעניגן דערפון.

דאס טרויעריקסטע איז דאס, וואס די עלטערן ווייסן אפט נישט וועגן דעם, אז די קינדער לויפן אוועק פון די לעקציעס, און ווען זיי דערוויסן זיך, ווערן זיי דערפון אויך נישט שטארק נתפעל. זיי האלטן, אז עס איז א געוויסער מין „צינז פאר דער יונגקייט", אז זיי האבן אין די קינדער־יארן דאס זעלבע געטאן ארגל.

דאס איז אן אבסאלוט פאלשע שטעלונג און זייער א שעדלעכע. יעדער דורכ־געלאזטער טאג אין שול אן א שום בארעכטיקטער סיבה איז א טאג פון א בו־מעלאנט, און די עלטערן דארפן אויף דער דאזיקער זאך אזוי טאקע קוקן.

אין פרילינג, פאר די עקזאמענס, דארפן די עלטערן אפטער ווי אין ווינטער קאנטראלירן, וויאזוי עס לערנען זיך און פירן זיך אויף זייערע קינדער אין שול.

דער קאָנטאַקט מיטן קלאַס־דערציער דאַרף ווערן נאָך אַן ענגערער, אַ נעענטערער. די לערער דאַרפֿן פֿאָדערן פֿון די שילער, אַז יעדער דורכגעלאָזטער טאָג אָדער שעה זאָל דורך די עלטערן באַרעכטיקט ווערן אין שילערס טאָג־העפֿט. די פֿאַרגרעסערטע קאָנטראָל מצד די עלטערן וועט מיטווירקן צום פֿאַרקלענערן די צאָל קינדער, וואָס פֿאַרלאָזן ווילקירלעך אין מיטן די לעקציעס די שול, ווייל דאָס וועט העלפֿן די נישט דרייסטע קינדער, וועלכע ווילן נישט לאָזן זיך פּוסטע־פּאַסעווען, קעגנצושטעלן זיך די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון די דאָזיקע „שטיקלעך". ס'וועט זיי לייכטער זיין אָפּצוזאָגן די חברים אָנצוהאַלטן מיט זיי געזעלשאַפֿט ביים פּוסטעפּאַסעווען, פֿאַררופֿנדיק זיך דערויף, אַז זיי ווילן נישט האָבן קיין באַרעכטיקונג פֿון די עלטערן אין טאָג־העפֿט.

אָבער דאָס איז נישט גענוג.

דאָס ווירקזאַמסטע מיטל צו באַקעמפֿן די דאָזיקע געוווינהייט וועט זיין, ווען די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכקייט וועט זיך נעמען דערצו, ווען יעדער פֿון אונדז וועט אַ טראַכט טאָן, אַז זיין זון אָדער טאָכטער קאָנען אויך אַוועקלאָזן זיך פֿון שול בעת דער לערע און ארומשלעפּן זיך ערגעץ, אַז די טאַטע־מאַמע פֿון אַזאַ מין פּוסטעפּאַסניק שטייען רואיק ביי זייער אַרבעטס־וואַרשטאַט, רואיק וועגן זייער קינד, וואָס דרייט זיך דערוויל אַרום איבער די גאַסן. די דאָזיקע צרה וועט אונדז געלונגען צו ליקווידירן, ווען די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכקייט, ווען יעדער פֿון אונדז וועט זיך פֿילן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אונדזערע קינדער און וועט וועלן די דאָזיקע פּלאָג ליקווידירן.

די פֿליכט פֿון יעדן פֿון אונדז איז, אַז ווען מען זעט אין די שול־שעהן אַ קינד אויף דער גאַס, צוגיין צו אים און פֿרעגן זיך, פֿאַרוואָס ער איז נישט אין שול. מיר דאַרפֿן פֿאַרשרייבן דעם אדרעס פֿון דער היים און דעם אדרעס פֿון דער שול, וווּ דאָס קינד לערנט זיך.

טייל מאָל וועלן מיר זיך אָנטרעפֿן אויף אַ נישט העפֿלעכן ענטפֿער, אויף אַ פֿאַלשער אינפֿאָרמאַציע, דער אדרעס פֿון שילערס היים אָדער שול וועט זיין נישט קיין ריכטיקער.

אָבער דאָס דאַרף אונדז נישט אַנטמוטיקן. דאָס אויפֿמערקזאַם מאַכן די קינדער אויף דער גאַס דורך די פֿאַרבייגייער האָט אַ גרויסע דערציערישע באַדייטונג, און ביינאַנד מיט דער קאָנטראָל פֿון די עלטערן און לערער וועט עס זיכער מיטווירקן צום ליקווידירן די דערשיינונג פֿון אַנטלויפֿן בעת די לעקציעס.

קינדער, וואָס טוען עס צום ערשטן מאָל און זענען נישט צוגעוווינט צו אַ זעלכע „שטיקלעך", פֿילן זיך אַן צווייפֿל נישט זייער זיכער אויף דער גאַס. דער פֿאַרוואָרף מצד אַ פֿרעמדן אויף דער גאַס וועט זיכער אויף זיי מאַכן אַ גרויסן איינדרוק.

קינדער, וואָס זענען שוין צוגעוווינט דערצו און ווערן נישט שטאַרק נתפּעל פון באַמערקונגען, וועלן אויך אויפהערן צו אַנטלויפן אין מיטן די לעקציעס, ווייל דער גאַנצער רייץ און דאָס געפיל פון פרייהייט, שטראָפלאָזיקייט וועט פאַרשווינדן. זייענדיק אויסגעשטעלט אויף באַמערקונגען און אויף דער קאָנטראָל פון יעדן איינוויגער, וועט זיי אָפּפאַלן דער חשק צו אַנטלויפן פון די לעקציעס, ווייל דאָס פוסטעפּאַסעווען אין אַזעלכע באַדינגונגען פאַרלירט זיין רייץ.

א קינד, וואָס לאָזט זיך אַוועק בעת דער לערע פון שול, אַנטלויפט נישט פון דאָרט אַהיים. עס מיידט אויס באַמערקונגען פון די שטוב־מענטשן און שכנים. ווען עס זאָל זיין אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר פון פראַגן און באַמערקונגען פון די פאַרבייגייער, וואָלט זיכער נישט איינס פון זיי געוואָלט בעסער בלייבן אין שול, און נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר אומאָנגענעמלעכקייטן.

אָט פאַרוואָס, נישט געקוקט אויף דער מעגלעכקייט צו באַקומען א נישט־העפלעכן ענטפער מצד די „ארומשפּאַצירנדיקע" קינדער, דאַרפן מיר זיי קאָנטראָלירן און שאַפן זיי אַזעלכע באַדינגונגען אומעטום: אויף דער גאַס, אין פּאַרק, גאָרטן, אַז זיי זאָלן פאַרלירן דעם חשק צו דעם דאָזיקן שלעכטן „פאַרגעניגן".

וועגן פוילע קינדער

— מיין קינד איז אויסערגעוויינלעך פעיק, אָבער פויל. עס וואָלט זיך געקאָנט לערנען אויף בלויזע פינפן, אָבער עס האָט אָפט דרייען און אפילו צווייען. וואָס טוט מען דערצו?

אַזעלכע פראַגן ווערן אָפט געשטעלט דורך עלטערן. יעדער גיט זיך אַן עצה אויף אַן אַנדער אופן. עס זענען פאַראַן עלטערן, וועלכע קויפן עפּעס דעם קינד אָדער פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן פאַר יעדער גוטער מיינונג, וואָס עס ברענגט אַהיים. עס זענען פאַראַן עלטערן, וועלכע באַשטראָפן פאַר א צוויי און שלאָגן אפילו דאָס קינד. אָבער וויאַזוי דאַרף מען זיך באמת אויפפירן, ווען דאָס קינד וויל זיך נישט לערנען? פונוואַנען נעמט זיך די פוילקייט ביי קינדער, וויאַזוי דאַרף מען זי באַקעמפן?

קינדער ווערן נישט געבוירן קיין פוילע. פוילקייט קומט אלס רעזולטאַט פון שלעכטע דערציונגס־מעטאָדן. כ'וויל אונטערשטרייכן, אַז פלעגמאַטישע, אַפּאַטישע קינדער זענען נישט פויל. דאָס איז א פּראָבלעם, וואָס איז פאַרבונדן מיטן געזונט־צושטאַנד און טעמפּעראַמענט. מע דאַרף זיך מיט אַזעלכע קינדער ווענדן צום דאָקטער, היילן זיי. אָפט ווירקן גימנאַסטיק אויפן געזונט־צושטאַנד איינשפּריצונגען, רפואות. זיי פאַרשטאַרקן אויך די אַרבעט פון די דריזן און דאָס קינד ווערט הייטער, באַקומט א גוטן הומאָר, ווערט באַוועגלעך, הערט אויף צו זיין

אַפּאַטיש, פלעגמאַטיש. לויט דער טערמינאָלאָגיע פון די עלטערן, הערט עס אויף צו זיין „פויל“.

אַ פויל קינד איז אין אַלגעמיין אַ קינד אָן אַ ווילן, וואָס וויל נישט אָדער קאָן נישט אויספירן זיינע עיקרדיקע פליכטן, אַלציינס צי עס איז נוגע אַן ארבעט פאַר דער ישוב, אָדער מאכן די לעקציעס. א פויל קינד איז אָפט אקטיוו, באַשעפטיקט, אַרבעט אַפילו מיט איבערגעגעבנקייט, אָבער... איבער דעם, וואָס עס גלוסט אים, און נישט איבער דעם, וואָס עס פאָדערן פון אים זיינע פליכטן אלס משפחה־מיט־גליד אָדער שילער.

דאָס איז, פאַרשטענדלעך, אַ רעזולטאַט פון דער דערציונג. יורעק איז אַ בן־יחיד. ער איז שוין אלט 14 יאָר. ער איז פויל. די מוטער ארבעט נישט. דער הויפט־ציל פון איר לעבן איז צוליב צו טאָן דעם בן־יחיד. יורעק פאַרבעט אַפילו נישט זיין אייגן בעט, רוימט נישט אראָפּ פון זיין שרייבטיש.

דער פאָטער איז זייער שטארק פארנומען מיט זיין פראָפעסיאָנעלער און פּאַרטייאישער אַרבעט. ווען ער פאָרט אַרויס אויף אורלויב, נעמט ער מיט יורעקן. יורעק איז קיינמאָל נישט געווען אויף א שול־קאָלאָניע. אין טעאַטער גייט ער מיט די עלטערן און שטענדיק האָט ער דאָס בעסטע אָרט. ער גענוסט זייער אָפט פון זיין פאָטערס אויטאָ. יורעק איז א גוט יינגל. אָבער עס זענען פאַראַן זאכן, וואָס ער קאָן נישט פאַרשטיין. ער קאָן נישט פאַרשטיין, וויאזוי מען קאָן פאָרן אין אַן אָנגעפּאקטן טראַמוויי, זיך אָפּזאָגן פון וועלכן ס'איז פאַרגעניגן, נישט קויפן זיך א שיין בוך אָדער שפּילצייג. יורעק האָט ליב זיינע עלטערן, איז אויפמערקזאַם צו זיי, זידלט זיך נישט, ער קאָן אָבער נישט בייקומען קיין שום שוועריקייטן. די לע־רער וואונדערן זיך, אַז ווען מע הייסט אים עפּעס אויספירן, זאָגט ער גאָרנישט, נאָר האָט טרערן אין די אויגן. אויף אַ שול־אויספלוג האָט ער אויך אָפט געהאַט טרערן אין די אויגן.

יורעקן „באַפאַלט“ אָפט א פוילקייט. עס זענען פאראַן טעג, ווען ער לערנט זיך גוט, עס זענען פאראַן טעג, ווען נישט. עס זענען פאראַן לימודים, וועלכע ער האָט ליב, איבער זיי אַרבעט ער לאַנג. די נישט באַליבטע לימודים איז ער נישט בכוח זיך אויסצולערנען. עס פעלט אים כוח און ווילן, כדי זיך צו צווינגען ארבעטן. יורעק באַשולדיקט קיינעם נישט אין זיינע מיסדערפאָלגן. ער שטעלט בלויז פעסט, אַז ער איז נישט פויל.

מיכאל איז אויך פויל, אָבער בלויז צו דער לערע. ער איז א פאַרברענטער ספּאָרטלער. די גאַנצע פרייע צייט פאַרברענגט ער אויפן ספּאָרט־פּלאַץ. און צייט האָט ער גענוג, ווייל די לעקציעס מאכט ער שנעל און נאכלעסיק. מיט יעדן טאָג לערנט זיך מיכאל אלץ ערגער. עס דראָט אים צו פאַרבלייבן אויף נאָך א יאָר. ער נעמט זיך דערמיט נישט שטארק איבער, נישט געקוקט אויף די רייד און צאָרן פון די עלטערן. מיכאל איז פאַרהאַרטעוועט, ער גיט זיך אויסגעצייכנט אַן עצה מיט

די שוועריקייטן אין דער היים, אויף דער גאַס, אויף דער קאָלאָניע, מען האָט אים ליב. ער איז פול מיט גלויבן, אז „ער וועט זיך שוין ווי ס'איז אַן עצה געבן". מיט אַ וויץ פטרט ער אָפּ די טענות פון זיין מוטער, ער העלפט אין דער היים דער מוטער, זיצט עטלעכע מינוט ביים טיש, מאַכנדיק די לעקציעס, און ער ווערט תיכּף פאַרשוונדן. ער איז אויפן ספּאָרט-פּלאַץ: ער קאָפּעט דעם באָל.

מיכאל האָט שוין שוועריקייטן אין דער לערע. די שוועריקייטן זענען ערנסטע, ווייל ער האָט בלויזן אין דער לערע נאָך פון די פריערדיקע קלאַסן. ער קאָן זיך אַליין נישט קיין עצה געבן מיט די שוועריקייטן אין דער לערע. מע דאַרף אים העלפן ליקווידירן די בלויזן, נישט דערלאָזן, אז עס זאָלן אנטשטיין נייע.

כדי צו ליקווידירן די בלויזן, דאַרף מען געפינען פאַר מיכאלן עמעצן, וועלכער זאָל מיט אים סיסטעמאַטיש און רעגולער אַדורכמאַכן דעם פאַרלעגענעם מאַטעריאַל. די פרייע צייט קאָן מען אים דערלויבן צו פאַרברענגען אויפן ספּאָרט-פּלאַץ. מיכאל מוז שטרענג קאָנטראָלירט ווערן, און די צייט, וואָס איז באַשטימט אויפן ספּאָרט, מוז באַגרענעצט ווערן. מיכאלס פוילקייט וועט פאַרביי, ווען מיר וועלן אים צווינגען צו כּסדרדיקער, סיסטעמאַטישער אַרבעט, ווען ער וועט ליקווידירן זיינע בלויזן. מיט דער צייט וועט אויך קומען אַ חשק צו דער אַרבעט. ווייל דאָס געפיל פון הנאה פון אַ גוט-דערפילטער פליכט און די גוטע מיינונגען וועלן זיכער זיין אַ סטימול פאַרן יינגל, עס וועט פאַרבייגיין זיין פוילקייט.

אַנדערש איז עס מיט יורעקן. עס וועט אויך זיין שווערער איבערצייגן זיינע עלטערן, אַז זיי זאָלן אים שאַפן באַדינגונגען, וועלכע פאָדערן פון אים אַן אָנשטרענג פון ווילן, אַז זיי זאָלן ביי אים צונעמען געוויסע פּריווילעגיעס, פון וועלכע ער געניסט. מע דאַרף אים אָפּשיקן אויף שול-קאָלאָניעס, נישט דערלויבן אים צו געניסן פון פאָטערס אויטאָ. זאָל ער זיך לערנען פאָרן מיטן טראַמוויי, מיט אויטאָבוסן. מע דאַרף אים איבערצייגן, אַז ער דאַרף אַרבעטן איבער אַלע געגנשטאַנדן, מע דאַרף זען, ער זאָל זיך שטופנווייז צוגעוווינען צו פיזישער אַרבעט און צו מאַכן די לעקציעס. מיט דער צייט וועט אויך זיין פוילקייט פאַרשווינדן.

וועגן צעשטרייטע קינדער

די סיבות פון דער צעשטרייטקייט ביי קינדער זענען זייער פאַרשידנאַרטיקע, און אָפּהענגיק פון כאַראַקטער פון די סיבות וועלן מיר אָן די אַנטשפּרעכנדיקע דערציִונגס-מעטאָדן. די צעשטרייטקייט טרעט מערסטנטייל אַרויס אין שול-עלטער. די עלטערן דערוויסן זיך צומאָפּסטן וועגן דעם דאָזיקן חסרון פון די אָנקלאַגעס פון די לערער. דאָס באַדייט אַבסאָלוט נישט, אַז די צעשטרייטקייט קומט אויף דאַן, ווען דאָס קינד הייבט אָן צו גיין אין שול. פאַרקערט, דאָס איז אָפּט אַ

עגמת־נפש צוליב משפחה־זארגן קאן אויך זיין א סיבה פון צעשטרייטקייט פונעם קינד

רעזולטאַט פון אַ פאַרנאַכלעסיקונג מצד די עלטערן אין דער דערציִונג, אײדער דאָס קינד הײבט אָן גײן אין שול אַרײַן, אָבער די עלטערן האָבן פשוט נישט געלײגט דערויף קײן אַכט, זײ האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קײן חשבון פון זײער פעלערהאַפטער דערציִונג.

די צעשטרײטקײט פון קינד דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס דאָס קינד קאָן זיך אויף דער לעקציע נישט קאָנצענטרירן, עס פאָלגט נישט נאָך דעם לערערס ווערטער, דרײט זיך אויף זײַן אָרט און שטערט זיך גופא, די קינדער, דעם לערער.

צומאָפּטסטן איז עס צוליב דעם, וואָס דאָס קינד איז נישט צוגעוווינט געוואָרן צו אַ טאָג־רעגולאַמין, אויסצופירן ביזן סוף זײַן אַרבעט. עס זענען פאַראַן עלטערן, וועלכע גיבן די קינדער עטלעכע אויפגאַבן מיטאַמאָל. דאָס קינד באַוויזט נישט גענוי אויסצופירן אײנע פון די אויפגאַבן, נעמט עס זיך צו דער צווײטער. פונדאַנען שטאַמט דאָס פעלן פון דער פעיקײט צו קאָנצענטרירן זיך.

ווען מיר רײסן איבער דעם קינד בײַם מאַכן די לעקציעס מיט אַ פאַראָרדענונג, אַז עס זאָל גײן אין געוועלב עפּעס קויפן, אָדער עס זאָל עפּעס אויספירן פון די שטוביקע אַרבעטן, דערגרײכן מיר אויך ענלעכע רעזולטאַטן. מען דאַרף לערנען די קינדער, אַז זײ זאָלן זיך קאָנען קאָנצענטרירן אויף אײן אַרבעט, גענוי זי אויספירן, דערנאָך ערשט זיך נעמען צום שפּילן זיך, אָדער צו אַן אַנדערער אַרבעט. אויב מיר האָבן נישט אויסגעלערנט דאָס קינד אַרבעטן, אײדער עס איז אַוועק אין שול, דאַרף מען זיך דערצו נעמען דאַן, ווען מיר וועלן ווענדן דערויף אונדזער אויפמערקזאַמקײט, און אין משך פון אַ קירצערער אָדער לענגערער צײַט וועט אונדז געלונגען צו ליקווידירן די צעשטרײטקײט פון קינד.

עס טרעפט אויך, אַז דאָס קינד איז צעשטרײט, ווײַל עס איז אָפּגעשוואַכט נאָך אַ קראַנקײט. ס'איז אים שווער צו זיצן 45 מינוט אויף דער לעקציע. דאַן באַמיִען מיר זיך צו שטאַרקן דאָס קינד מיט פּרעפּאַראַטן, וועלכע ס'פאַרשרײַבט דער דאָקטער, מיט אַ בעסערער דערנערונג, מיר באַמיִען זיך אויך, אַז עס זאָל לענגער פאַרברענגען אויף דער פרישער לופט. ווען דאָס קינד וועט זיך שטאַרקן, וועט עס אויפהערן צו זײַן צעשטרײט.

אַ קינד איז אויך צעשטרײט, ווען עס פאַרמאָגט אַ וועלכן ס'איז שטוביקן עגמת־נפש. זײער אָפט דערוווסט זיך דער לערער וועגן מחלוקת אין אַ משפחה פון דעם קינדס אויפפירונג, ווען עס ווערט צעשטרײט און איז נישט אויפמערקזאַם. דאָס איז נאָך אײן ערנסטע סיבה נישט צו אַנטפּלעקן פאַר די קינדער די קאָנפליקטן, וועלכע זענען פאַראַן צווישן די דערוואַקסענע משפחה־מיטגלידער.

די עלטערן דאַרף אויך נישט וווּנדערן, וואָס אויך בײַ קינדער איז פאַראַן אַ צעשטרײטקײט צוליב עפּעס אַ געדאַנק, וואָס אַבסאָרבירט אַזוי שטאַרק דאָס קינד, אַז עס פאַרשטעלט אים די גאַנצע וועלט. בײַ ייִנגלעך קאָן עס זײַן דאָס זאַמ=

לען פאָסט=מאַרקעס, ביי מיידלעך — אַ קריגעריי מיט דער בעסטער חברטע. די דאָזיקע איבערלעבונגען ביי קינדער דאַרף מען נישט גרינגשעצן, מען דאַרף אָבער דערציִען אין די קינדער דאָס געפיל פון זעלבסט=דיסציפּלין, די פעיִקייט פון באַהערשן זיך. מען דאַרף אַפּעלירן צו זייער באַוווּסטזיין, אַז זיי זאָלן זיך נעמען אין די הענט און באַהערשן זייער צעשטרייטקייט.

מיט דער דאָזיקער נישט אָנגענעמער אייגנשאַפט דאַרף מען ענערגיש קעמפן. דאָס הייסט נישט, אַז מיט „ענערגישע" מיטלען (דורך קלעפּ, געשריי), נאָר כסדר און סיסטעמאַטיש קאָנטראָלירן די אויפפירונג פון קינד, אָבסערווירן, וויאַזוי עס מאַכט די לעקציעס און פירט אויס אַן אַרבעט, זאָרגן פאַר דער געניטער אויספירונג פון אונדזערע פאַראָרדענונגען, ווי אויך באַזייטיקן די אַנדערע סיבות, וועלכע זענען גורם ביים קינד דעם דאָזיקן נישט אָנגענעמען חסרון.

וועגן נערוועזקייט ביי קינדער

„מיין קינד איז נערוועז. עס איז גלייך געבוירן געוואָרן אַזוי נערוועז. מסתמא דערפאַר, ווייל בעת מיין שוואַנגערשאַפט בין איך געווען זייער אויפגערעגט. אַלס זויג=קינד האָט עס געשריגן טאָג און נאַכט. כ'האָב כסדר געמוזט זיצן לעבן קינד, וויגן עס און שאָקלען, אַנדערש האָט עס נישט געקאָנט איינשלאָפן.

איצט איז דאָס קינד אויך זייער נערוועז. עס וועקט זיך איבער ביינאַכט, שרייט און וויינט. כ'בין געווען ביים דאָקטער, ער האָט נישט פעסטגעשטעלט קיין שום קראַנקייט, אָבער איך זע, אַז דאָס קינד איז נערוועז. איך האָב שוין פאַרלוירן די כוחות ביי אים. איך בין שוין איצט אַליין אַ ביסל נערוון".

די דאָזיקע ווערטער ווערן זייער אָפט אַרויסגעזאָגט דורך אונדזערע מוטערס. מיר הערן זיי אין די געזונטהייטס=פּונקטן, אין פּאַרקן, אויף עלטערן=פאַרזאַמלונגען. ווען מע זאָל גלייבן יעדער מוטער, איז כמעט יעדעס צווייטע קינד פון די נישט אַרבעטנדיקע מוטערס, באַזונדערס אויב עס איז אַן איינאונאייניציקס, געבוירן געוואָרן אַ נערוועזס און איז פאַרבליבן נערוועז, נישט געקוקט אויף די אויסערגעוויינלעכע באַמיונגען מצד דער מוטער צו ליקווידירן דעם דאָזיקן צושטאַנד.

און ווי איז אין דער אמתן?

זייער זעלטן, און דאָס בלויז אין אויסנאַם=פאַלן, ווערן קינדער געבוירן נערוועז. דאַן געפינען זיי זיך, פאַרשטענדלעך, אונטער מעדיציניש̈ער אויפזיכט. דער גרעסטער טייל קינדער ווערט נערוועז אין רעזולטאַט פון דער פעלערהאַפטער דערציונג מצד די עלטערן.

דאָס קינד ווערט נערוועז, אויב אין דער היים הערשט נישט קיין שלום=בית, אויב דער פאָטער מיט דער מוטער קריגן זיך. דאָס קינד שרעקט זיך, אַז די על=

טערן וועלן זיך פֿאַנאַנדערגיין, און אַז עס וועט פֿאַרלירן איינעם פֿון זיי. דער דאָזיקער צושטאַנד פֿון אומזיכערקייט, די מורא צו פֿאַרלירן עמעצן פֿון די עלטערן, רופֿט אַרויס ביים קינד אַ צושטאַנד פֿון דענערווירונג. אָט פֿאַרוואָס עס טאָרן נישט דערלייזיקט ווערן קיין שום סיכסוכים צווישן די עלטערן אין דער אָנוועזנהייט פֿון די קינדער.

אין אַ שטענדיקן נערוועזן צושטאַנד פֿאַלט אַריין דאָס קינד, ווען עס זעט נישט אין דער היים קיין איינהייטלעכע באַציונג, בעת איינער פֿון די דערוואַקסענע זאָגט: „גיי ברענג פּאַפּיראָסן“, און דער צווייטער מיט אויפֿרעגונג: „פֿאַרוואָס מאַכסטו נישט די לעקציעס?!“; ווען דער פֿאָטער זאָגט: „קום, מיר וועלן גיין אין קינאָ“, און די מוטער ווידער זאָגט, „נײן, ער וועט נישט גיין, ווייל ער האָט זיך היינט שלעכט אויפֿגעפֿירט“. ס'טרעפֿט אויך אַנדערש, ווען די זעלבע פּערזאָן ענדערט עטלעכע מאָל איר מיינונג. איך בין געווען אַן עדות פֿון אַזאַ סצענע: „וועלוועלע, קויף מיר אַ פּראָשעק צו קאָפּווייטיק“. וועלוועלע טוט זיך אָן דעם פּאַלטן און דאָס היטל און בעט ביי דער מוטער געלט. אָבער די מוטער האָט שוין חרטה געקריגן. „גיי, ענדיק די לעקציעס. כ'האָב זיך באַקלערט, כ'וויל נישט איינעמען אַזויפֿיל פּראָשקעס, ס'איז שעדלעך“. אָבער ווי נאָר וועלוועלע האָט זיך געזעצט צו די לעקציעס, האָט די מוטער ווידער אים באַשלאָסן צו שיקן נאָכן פּראָשעק. דאָס געבן געלט אויפֿן פּראָשעק און צוריקנעמען האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. איך האָב אַזש אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. ווען איך האָב אָבער אַ קוק געטאָן אויף דעם דערזאָריענטירטן, אומזיכערן און אומגליקלעכן פּנים פֿון יינגל, האָב איך דערקענט, אַז פֿאַר אים זעט עס נישט אויס קאָמיש, אַז ער וויל גיכער וויינען. דאָס יינגל איז שוין אַלט געווען 10 יאָר. אַזעלכע סצענעס האָבן זיך, ווייזט אויס, איבערגעחזרט זייער אָפֿט. פֿאַרשטייט זיך, אַז וועלוועלע איז געוואָרן נערוועז. „אַז איך ווייס קיינמאָל נישט, וואָס כ'וועל טאָן אין אַ מינוט אַרום“, — זאָגט ער צו מיר, — און ווען כ'טו עפּעס, ווייס איך נישט, צי כ'האָב עס גוט געמאַכט, ווייל פֿאַר דער זעלבער אַרבעט וועט מיך די מוטער איינמאָל לויבן און אַן אַנדערש מאָל אָנשרייען אויף מיר“.

אַ קינד ווערט נערוועז, ווען מע רייצט עס אַרום מיט אַן איבערגעטריבענער זאָרג: „דאָ גיי נישט, ווייל דו וועסט זיך צוקילן, דאָ שטיי נישט, ווייל דו וועסט זיך איינרייכטן. מיט יענע קינדער שפּיל זיך נישט, ווייל דו וועסט זיך אָנשטעקן“. דאָס קינד זעט זיך אַרומגערינגלט פֿון פֿאַרשידענע געפֿאַרן, האָט שטענדיק מורא פֿאַר יעדע זאַך: שרעקט זיך פֿאַר מענטשן, בעלי־חיים, לעבנס־סיטואַציעס אד״גל. אַ גרויסע עוולה באַגייט מען לגבי אַזאַ קינד, צונעמענדיק ביי אים די לעבנס־פֿרייד, די זיכערקייט און דעם גלויבן, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די קינדער־יאָרן.



אויסנוצן יעדע פרייע מינוט אויף פרישע לופט

אַ קינד ווערט נערוועז, ווען עס האָט מיטאַמאָל צופיל איינדרוקן, ווען עס גייט אָפּט צוגאַסט, אויף פאַרשידענע פאַרווײַלונגען. דאָס איז אויך אָפט פאַרבונדן מיט דער ענדערונג פון טאָג-פּלאַן, וואָס איז איינגעשטעלט אין דער משפּחה, מיט די ענדערונגען אין די שעהן פון עסן און שלאָפן.

ס'טרעפט אויך, אַז אַ קינד ווערט נערוועז אין רעזולטאַט פון אַ געוויסער פּאַסירונג. עפּעס אַ שטאַרקע פּסיכישע אויפטרייסלונג קאָן ענדערן דעם נערוון-צושטאַנד פון קינד, צ. ב., אַ דייטלעך-אומיושרדיקע האַנדלונג בנוגע אים, דאָס צוזען ווי עמעץ פּייניקט אַ לעבעדיק באַשעפעניש אהגל. די עלטערן דאַרפן זיך באַמיען אָפּצוגרענעצן דאָס קינד פון שטאַרקע און נישט אָנגענעמע איינדרוקן.

אַ קינד וועלן מיר פאַרהיטן פון נערוועזקייט ווען מיר וועלן שאַפן פאַר אים גוטע דערציונגס-באַדינגונגען. אַלזאָ: ווען מיר וועלן אים דערמעגלעכן צו פאַרברענגען אויף פרישע לופט, עלטערע קינדער' — צו פאַרנעמען זיך מיט ספּאָרט, ווען מיר וועלן אים געבן געזונט רייכע און וויטאַמינען שפּייזן. דער נערוון-געוועב פון אַ קינד איז זייער סובטעל, ווערט שנעל מיד, ווען ס'פעלט דעם קינד פרישע לופט, וויטאַמינען אהגל.

מיר דאַרפן שאַפן פאַרן קינד אין דער היים אַ שטימונג פון היימערקייט און גלויבן אין דער צוקונפט, וועלכע דערוואַרעמט אים. דאָס הייסט נישט, אַז מע דאַרף אויסבאַהאַלטן פאַרן קינד די שוועריקייטן, נאָר דערציען עס אין דער זיכערקייט, אַז עס וועט באַווייזן זיי בייצוקומען. דאָס קינד מוז פילן, אַז עס ווערט געליבט פון די עלטערן, און אַז די עלטערן ליבן זיך קעגנזייטיק.

אַ שטענדיקער טאָג-פּלאַן, אַ איינגעשטעלטע צייט אויף אַרבעט און אָפּרו, דער בייט פון פיזישער און גייסטיקער אַרבעט, וועט אויך פאַרהיטן דאָס קינד פון איבערגעמאַטערטקייט און נערוועזקייט.

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז, אַז מיר אַליין זאָלן נישט זיין נערוועז. די מוטערס ווערן „אַ בינטל נערוון" נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נערוועזע קינדער, נאָר פאַרקערט, די קינדער ווערן נערוועז, ווייל זייערע מוטערס זענען „אַ בינטל נערוון", און זיי שאַפן שלעכטע דערציונגס-באַדינגונגען פאַר די קינדער.

צי דאַרף מען דערלויבן קינדער צו מאַכן קאָלעקציעס?

קינדער האָבן ליב צו זאַמלען פאַרשידענע קעגנשטאַנדן. זיי זאַמלען קאַשטאַנעס, שטיינדלעך, קאָלירטע פאַפּירלעך. עלטערע קינדער, אין שול-עלטער, זאַמלען פּאָסט-מאַרקעס, מטבעות. אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך זאַמלען פאָטאָסן פון אַרטיסטן און אַרטיסטקעס. לעצטנס האָבן קינדער גענומען זאַמלען אויטאָגראַפן פון באַרימטע פּערזאָנען, פון דעלעגאַטן אויף פאַרשידענע אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענטרעפן און ספּאָרט-אימפּרעזן.

קלענערע קינדער האָבן ליב אַרומצוטראָגן אין די קעשענעס דאָס, וואָס מאַמעס רופן אָן „מיסט“ און וואַרפן עס טאָגטעגלעך אַרויס אין מיסטקאַסטן. דאָס העלפט זיי אָבער גאַנץ ווייניק. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין דאָס קליינוואַרג ווידער פולע קעשענעס. אַ קינד שאַצט נישט אָפּ אַ זאַך לויטן מאַטעריעלן ווערט. אים געפעלט אַ קאָלירט פּאַפּירל אָדער גלעזל צוליב דעם, ווייל ווען עס קוקט הינטער אַזאַ „אוצר“ אויף דער וועלט, זעט זי אים אויס פאַרביק, לעגענדאַר, אַ סך שענער ווי אין דער ווירקלעכקייט. פאַרשידענע שטיינדלעך, שטיקלעך קרישטאָל אָדער שערבלעך, צי אַנדערע זאַכן, זעען אויס ביים קליינוואַרג, אַדאַנק זייער אַנטוויקלטער אין דאָזיקן פּעריאָד קינדערישער פאַנטאַזיע, ווי זאַכן, וועלכע זענען זיי נייטיק צום שפּילן זיך.

אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע שטעלן מיט זיך פּאָר שטיקלעך אייזן, טשוועקעס און אַנדערע שאַרפע קעגנשטאַנדן, וועלכע די מוטערס קאָנען צוזממערסטן נישט פאַרטראָגן, ווייל זיי צערייסן די קליידער און קאָנען צעקאַליעטשען דאָס קינד. מע טאָר אָבער נישט גרינגשעצן זייער באַדייטונג. דאָס זענען דעם קינדס אַרבעטסמכשירים, און עס רעזיגנירט נישט אַזוי לייכט פון זיי.

צי דאַרף מען דערלויבן די קינדער אַלץ צו זאַמלען? פאַרשטייט זיך, אַז נישט, אָבער מיר דאַרפן פון צייט צו צייט צוזאַמען מיט זיי אַדורכקוקן זייערע „אוצרות“ און אַרויסוואַרפן דאָס, וואָס איז שוין אומנייטיק. מיר קאָנען זיי אויך איבערצייגן, אַז געוויסע זאַכן זענען מיאוסע און אָן באַדייטונג. מע דאַרף באַזייטיקן פונעם קינדס קעשענעס שאַרפע קעגנשטאַנדן, ווייל עס קאָן זיך צעקאַליעטשען. ווען מיר וועלן זיי אויסלערנען צו באַנוצן זיך מיט אַ שערעלע (אין פּאָרשול-עלטער מיט טעמפּע שפּיצן), וועלן זיי געוויס רעזיגנירן פון די פאַרשידענע אייזנדלעך, בלעכלעך, וועלכע אימיטירן שערעלעך, מעסערלעך אד״גל.

עטוואָס עלטערע קינדער פון 6—7 יאָר קאָן מען קויפן אַ קליין העמערל און טשוועקעס, געבן זיי קאָנסערוון-שאַכטלעך, אַז זיי זאָלן דאָרט סעגרעגירן, פאַנאַנדערטיילן זייערע שרייפעלעך, טשוועקעס אד״גל. מע דאַרף דערצו באַשטימען אַ ספּעציעל ווינקל, אויב נישט, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס וואָלט געשען מיטן מעבל און מיט די טירן אין דער וווינונג.

אויב די קינדער האָבן ליב צו שפּילן זיך מיט ליאַלקעס, וועלן זייערע „אוצרות“ באַשטיין פון פאַרשידענע יאַגדעס, פּרוכטן און קוסטעס, שיינע שערבלעך פון טעלערס און אַנדערע געפעס, פון טאָוועלעך אד״גל. אַלץ איז זיי נייטיק: די יאַגדעס און פּרוכטן אַלס שפּייז פאַר די ליאַלקעס, די געפעס-שערבלעך אַלס טעלער. אָן די דאָזיקע רעקוויזיטן איז אוממעגלעך זיך צו שפּילן. דאָס קינד לייגט פאַנאַנדער אויף די דאָזיקע שערבלעך דאָס „עסנוואַרג“ פאַר זיינע קינדער — די ליאַלקעס, פונקט ווי אויף אמתע טעלערלעך, און מע דאַרף דאָס אים דערלויבן. מע דאַרף בלויז אַכטונג געבן, אַז די קינדער זאָלן זיך שפּילן אויף איין אָרט, וואָס

מען דאַרף זיי באַשטימען. זיי טאָרן נישט פֿאַנאַנדערוואַרפֿן זייער „שפּילצייג" איבערן גאַנצן צימער, נאָר בלויז אויפֿן אָרט, וווּ זיי שפּילן זיך. ווען זיי ענדיקן זיך שפּילן, מוזן זיי אויפֿרוימען נאָך זיך. אויב דאָס קינד האָט אַן אָרט אויסשליס־לעך צו זיין דיספּאָזיציע און עס בעט, מע זאָל אים דערלויבן איבערצולאָזן דאָס שפּילצייג אַזוי ווי ס'איז, דאַרף מען עס דערלויבן. כ'וואָלט געראָטן די עלטערן צו פֿאַראינטערעסירן זיך און פֿרעגן דאָס קינד, וואָס דאָס איז, פֿאַרוואָס האָט עס אַזוי און נישט אַנדערש אויסגעשטעלט זיין שפּילצייג. מיר וועלן זיך דאַן איבער־צייגן, אַז דאָס שפּילצייג איז אויסגעשטעלט אין הסכם מיטן אינהאַלט פֿון דער שפּיל און וועט דורכן קינד אַנטשפּרעכנדיק מאָטיווירט ווערן.

עס פּאַסירט אָפֿט, באַזונדערס ביי יינגערע קינדער, אַז אין אַ געוויסער צייט אַרום פֿאַרלירן ביי זיי אַ טייל פֿון זייערע „אוצרות" דעם ווערט. זיי פֿאַרגעסן גאַנץ פּשוט וועגן זיי. דאַן קאָן מען זיי באַזייטיקן גאָר לייכט מיטן הסכם אָדער אפֿילו אָן וויסן פֿון קינד.

עלטערע קינדער האָבן ליב צו זאַמלען פּאָסט־מאַרקעס, מטבעות אדגל. דער־מיט פֿאַרנעמען זיך הויפּטזעכלעך יינגלעך. דאָס איז אַ נוצלעכע באַשעפֿטיקונג און העלפֿט צו אין דער לערע. מע דאַרף סטימולירן די מיידלעך, אַז זיי זאָלן זיך אויך דערמיט פֿאַרנעמען.

דאָס זאַמלען פּאָסט־מאַרקעס אָדער מטבעות צווינגט דאָס קינד צו פֿאַר־געדענקען און איבערחזרן די ידיעות, וואָס עס האָט דעראָבערט אויף די לימודים פֿון געשיכטע און געאָגראַפֿיע. די עלטערן דאַרפֿן פֿון צייט צו צייט איבערקוקן מיטן קינד די פּאָסט־מאַרקעס אָדער מטבעות, אויפֿקלערן, אין וועלכן לאַנד און עפּאָכע זיי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן. אויב דאָס קינד קאָן נישט באַנעמען, וווּ עס געפֿינט זיך דאָס געגעבענע לאַנד, דאַרף מען עס צוזאַמען מיטן קינד אויסזוכן אויף דער מאַפּע און אָנווייזן. אַדאַנק די פּאָסט־מאַרקעס און מטבעות דערוויסט זיך דאָס קינד, וואָס פֿאַר אַ געלט עס איז געווען אין אומזאַץ אין פֿאַרשידענע לענ־דער, דורך וועמען עס איז אָקופּירט געוואָרן, ווער ס'איז געווען דער אָקופּאַנט און אין וועלכן יאָר. דאָס קלערן אויף די אויפֿשריפֿטן אויף די פּאָסט־מאַרקעס. דאָס איז אַ באמת נוצלעכע באַשעפֿטיקונג, וואָס קאָן פֿאַראינטערעסירן און אפֿילו פֿאַרכאַפּן די יוגנט.

דאָס קאָלעקציאָנירן ווערט געפֿירט לויט געוויסע פּרינציפּן. אַדאַנק דעם לער־נען זיך די קינדער און יוגנטלעכע אָרדענונג און סיסטעמאַטישקייט. דאָס זענען דערציונגס־ווערטן, וועלכע מע דאַרף פֿאַרפֿלאַנצן אין די קינדער.

זייער אָפֿט ווערט אָבער דאָס קאָלעקציאָנירן אַ הפֿקר. די קינדער לעבן בלויז מיטן טויש, איינקויפֿן פּאָסט־מאַרקעס אדגל. זיי פֿאַרנאַכלעסיקן זיך אין דער לערע, ווייל אפֿילו אויף דער לעקציע טראַכטן זיי בלויז וועגן דעם, זיי פֿאַר־ברענגען לאַנגע שעהן אין די געוועלבער, כדי צו באַקוקן די קאָלעקציעס פֿון

פּאָסט=מאַרקעס. דער ווילן צו באַזיצן געוויסע עקזעמפּלאַרן באַהערשט זיי אַזוי, אַז עס שטעמפּט אָפּ דעם ווילן צו לערנען זיך. דאָס קינד איז נישט אימשטאַנד צו קאָנצענטרירן זיך אויף די לעקציעס און עס טראַכט כסדר וועגן זיין אויסגעטרוימטער פּאָסט=מאַרקע אָדער מטבע.

די עלטערן דאַרפן דעריבער שטאַרק אכטונג געבן און נישט דערלאָזן צו אַזעלכע פאַלן. דאָס פאַרנאַכלעסיקן די שול=פליכטן דערפירט קיינמאָל נישט צו קיין גוטע רעזולטאַטן. מע דאַרף נישט דערלאָזן, אַז דאָס קאָלעקציאָנירן זאָל זיך ביי די קינדער פאַרוואַנדלען אין א האַזאַרד.

קינדער האָבן אויך ליב אָפּט צו טוישן זיך מיט פּאָסט=מאַרקעס. דאָ זענען פאַראַן מעגלעכקייטן פון מיסברויכן דורך עלטערע און מער דערפאַרענע יוגנטלעכע. אַזעלכע טראַנזאַקציעס איז דעריבער נויטיק, זיי זאָלן פאָרקומען מיטן וויסן פון די עלטערן.

עלטערע מיידעלעך זאַמלען פאָטאָגראַפיעס פון פילם=אַרטיסטן. זיי אַנטציקן זיך, פאַרגעטערן א געוויסע אַרטיסטין אָדער אַרטיסט. די דאָזיקע דערשיינונג פאַרשווינדט איצט אין אַלגעמיין. איצט איז דאָס נישט קיין מאַסן=דערשיינונג ווי פאַר דער מלחמה. דאָס איז א רעזולטאַט פון די נייע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. אונדזערע מיידלעך לאָדן אויס זייער ענערגיע אין דער לערע, ספּאָרט און פאַרווילונגען. און אויב עס שטעקט זיך ווער אָן פון א חברטע מיטן קאָלעקציאָנירן פאָטאָגראַפיעס, איז עס גיכער א פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג און מע קאָן דאָס טיילמאָל אויסלאַכן און אָפּחוזקן, כדי איבערצוצייגן דאָס מיידל, אַז עס זענען פאַראַן אינטערעסאַנטערע זאַכן אין שול און אין דער יוגנט=אָרגאַניזאַציע.

ביי יעדן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר אין אונדזער הויפּטשטאָט וואַרטן אָפּ צענדליקער שילער די דעלעגאַטן, יעדער מיט א נאָטיץ=ביכל און פעדער אין דער האַנט. די שילער רינגלען אַרום די דעלעגאַטן און לאָזן זיי נישט אָפּ, ביז זיי דעראָבערן נישט קיין אויטאָגראַף. דאָס געיעג נאָך אויטאָגראַפן פאַרנעמט פיל צייט, און דאָס זאַמלען אויטאָגראַפן וועט די קינדער גאָרנישט אויסלערנען. זיי וועלן דאָך נישט שטודירן דעם כאַראַקטער פון די האַנטשריפטן. דאָס קאָן בלויז דערפירן צו פּוסטקייט, האַזאַרד אדגל. עפּעס אַנדערש איז איינצולאַדן אַ דעלעגאַט אויף א שמועס אין שול, אין דער אָרגאַניזאַציע.

לאָמיר דערנעענטערן די קינדער צו דער נאַטור

דערנעענטערן די קינדער צו דער נאַטור, צו דער לאַנדשאַפט פון אונדזער היימלאַנד איז איינע פון די וויכטיקע דערציונגס=אויפגאַבן. דאָס איז דער בעסטער און ווירקזאַמסטער וועג צו אַנטוויקלען און פאַרפלאַנצן אין די הערצער און אין



אויפן פרייען פעלד

די מוחות פון די קינדער ליבע, צוגעבונדנקייט צו אונדזער שיינער נאַטור, פּאַטריאָטישע געפילן צו אונדזער לאַנד.

ווען מיר זענען אויף אורלויב, ביים ים צי אין די בערג, ווען מיר האָבן די בעסטע געלעגנהייט צו אַנטוויקלען ביי די קינדער די דאָזיקע געפילן. מען דאַרף צוגעוווינען דאָס קינד אויפצונעמען די שיינקייט פון דער נאַטור, זי זאָל אים ווערן נאָענט און טייער.

באַזונדערס דאַרפן דערין זיין פאַראינטערעסירט די עלטערן — איינוווינער פון די שטעט. זיי דאַרפן אויסנוצן דעם זומער, כדי צו באַקענען דאָס קינד מיט אַזעלכע עלעמענטאַרע זאַכן, ווי וואַקסנדיקע תבואה, בליענדיקע ביימער, קוסטעס. קליינטשיקע פייגעלעך. מע דאַרף די קינדער באַווייזן אַ קעלבל, אַ זשרעבעקל אד״גל. מיר באַרייכערן דערביי דעם קינדס גאַטורוויסנשאַפטלעכע ידיעות, און שאַפן אפילו די יסודות פאַר דער אויספאָרמירונג פון זיין מאַטעריאַליסטישן באַנעמען די וועלט. דערקענענדיק די נאַטור, צווישן וועלכער עס לעבט, הייבט אָן דאָס קינד זי ליב באַקומען. די דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן לאָזן איבער ביי מענטשן טיפע שפורן אויפן גאַנצן לעבן.

מע דאַרף איינשטעלן דאָס קינד, עס זאָל דערזען די שיינקייט פון אַ בוים אין אַ הייסן טאָג, ווען ער שטייט אויף דער זון מיט אַראָפּגעלאָזטע בלעטער. לאָמיר ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון קינד אויף דעם, וויאַזוי עס רוישן די בלעטער פון זעלבן בוים, ווען עס לויפט דורך אַ ווינטל, און ווי דער בוים ענדערט פולשטענדיק זיין אויסזען בעת אַ שטורעם. מע דאַרף באַווייזן דעם זון־אויפגאַנג און זון־פאַרגאַנג. יעדער פון אונדז, ווען ער בענקט אַהיים, בענקט ער נאָך אַ באַשטימט אָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס הויז פון זיינע עלטערן, ער דערמאָנט זיך אַ קאָנקרעט אָרט פונעם לאַנד, נאָך וועלכן ער בענקט. מיר דאַרפן אַלזאָ אויסלערנען די קינדער, זיי זאָלן זיך צובינדן צו דער נאַטור, וועלכע רינגלט זיי אַרום.

מען דאַרף אויך צוגעבן חשק די קינדער און זיי העלפן צוגרייטן הערבאַרן. זיי דאַרפן פאַרטריקענען געוויקסן און זיי פאַרזען מיט נעמען. דאָס פאַרשאַפט די קינדער פיל פרייד, און דערביי וועט דאָס זיי בייהילפיק זיין אין דער לערע.

וועגן פאַלש־פאַרשטאַנענעם באַגריף פון ערע און חברישקייט

איינס פון די פּראָבלעמען, וועלכע אינטערעסירן זייער שטאַרק אונדזער יוגנט, איז דאָס פּראָבלעם פון אונטערזאָגן און איבערשרייבן פון יענעם. וועגן דעם פּראָבלעם אַנטשטייען לאַנגע, לייענשאַפטלעכע און נישט געלעזטע שטרייטן, דיסקוסיעס, וועלכע גייען אָפט איבער אין קריגערייען. אָפט טרעפט, אַז דער קלאַס טיילט זיי אויף צוויי קעגנערישע לאַגערן. נישט שטענ־

דיק דערגייען די דאָזיקע דיסקוסיעס צום וויסן פון די לערער און דערציער. שילער זעלבסטפאַרוואַלטונג־טוער קאָנען נישט שטענדיק זיך אַן עצה געבן מיטן דאָזיקן פּראָבלעם און מיטן באַהערשן דעם קלאַס. צומערגסטן איז דאָס, וואָס טיילמאָל זענען זעלבסטפאַרוואַלטונג־טוער אויף דער זייט פון די, וועלכע האַלטן, אַז געבן אַ חבר דעם העפט איבערצושרייבן איז זייער חברישע פליכט, און זיי זעען נישט קיין שום מיאוסע זאַך אין אונטערזאָגן דעם חבר, וועלכער שטייט ביים טאָוול און קאָן נישט ענטפערן דעם לערער אויף דער געשטעלטער פראַגע.

דאָס, וואָס נישט שטענדיק קאָן די יוגנט געפינען דעם נייטיקן ענטפער אויף דער פראַגע, וועלכע מאַטערט זי, זאָגט עדות, אַז מיר, עלטערן, האָבן נישט באַוואָפנט די קינדער מיט אַ קלאָרן בליק אויף די פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישער מאָראַל. נישט איינער פון אונדזערע טאַטע־מאַמעס האָט מיר געענטפערט מיט אַ פריילעכן שמייכל: „דאָס איז אַ נאָרמאַלע זאַך, שטיפערייען פון דער יוגנט. מיט דער צייט וועט עס זיך ענדערן. מע דאַרף נישט דערפון מאַכן קיין גרויס וועזן. די לערערשאַפט וועט זיך אַליין אַן עצה געבן מיט דער יוגנט“.

אַנדערש האָט רעאַגירט דער פאָטער פון אַ שילער פון X קלאַס, אַן אַדוואָקאַט. פון אָנהייב האָט ער בכלל נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס מיר גייט, דערנאָך האָט ער מיר געגעבן אויפגעוויזן, אַז די געפילן פון חברישקייט ביי דער יוגנט דאַרף מען לויבן, און נישט באַקעמפן, אַז די שילער, וועלכע גיבן נישט די חברים זייערע העפטן איבערצושרייבן, זענען באמת נישט חבריש אַרגל.

אַ 16 יאָריקער שילער האָט מיר אין אַ שמועס אויפגעקלערט, פאַרוואָס ער גיט נישט די חברים איבערצושרייבן:

— „ווען איך גיב איבערצושרייבן אַלגעברע אַ שוואַכן שילער, העלף איך אים אינגאַנצן נישט אין דער לערע. וואָס אַן אמת וועט ער אין דעם געגעבענעם מאָמענט אויסמיידן אַ צוויי, אָבער די לעקציע וועט ער נישט קענען. ער וועט אויך נישט פאַרשטיין די ווייטערדיקע לעקציעס, ווייל זיי שטיצן זיך אויף די ידיעות, וועלכע דער שילער האָט נישט באַהערשט זעלבשטענדיק, און איך העלף אים דערין, ווייל כ'האָב אים געגעבן איבערצושרייבן די אויפגאַבע. ס'וועט זיך ענדיקן דערמיט, וואָס ער וועט מוזן האַלטן עקזאַמען פון געגנשטאַנד נאָך די וואַקאַציעס אָדער בלייבן אויף נאָך אַ יאָר. אַזאַ וועט זיין אין דער ווירקלעכקייט מיין טובה.

— צי האָסטו געפּרוווט העלפן די חברים מאַכן די לעקציעס? — פרעג איך אים.

— איך האָב קיינעם קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט צו העלפן. אָבער נישט זייער אָפט ווענדן זיי זיך צו מיר וועגן דעם. די חברים דערמאָנען זיך אין דער לעצטער מינוט, ווען איך באַוויז שוין נישט זיי צו דערקלערן.

דאָס ייִנגל האָט דעם באַוווּסטזיין, אַז ער האָט רעכט און איז באמת גערעכט. נישט געקוקט דערויף פילט ער זיך שלעכט אין שול. ס'גייט אים נאָך דער שם פון אַן עגאָיסט, וואָס זאָרגט זיך נאָר וועגן די אייגענע גוטע מיינונגען.

אונדזער פליכט אַלס עלטערן איז צו באַרירן די דאָזיקע פראַגן אויף עלטערן־פאַרזאַמלונגען. יעדער פון אונדז דאַרף דאָס טאָן אומאָפּהענגיק דערפון, צי זיין קינד איז אַ גוטער שילער, און די חברים פאָדערן פון אים, ער זאָל געבן זיינע העפטן אַנדערע שילער צום איבערשרייבן, אָדער אויך ווען פאַרקערט, ער נעמט פון זיינע חברים זייערע העפטן. ווי נאָר אַזאַ זאַך טרעפט זיך אין קלאַס, דאַרף מען זי גלייך באַהאַנדלען אויף אַן עלטערן־פאַרזאַמלונג.

גערעכט זענען יענע יונגטלעכע, וועלכע זאָגן זיך אָפּ צו געבן די חברים איבערצושרייבן פון זייערע העפטן אָדער אונטערצוזאָגן און ווילן אַליין אויך נישט געניסן פון אַזאַ „הילף“, ווייל דאָס איז נישט אין הסכם מיט אונדזער מאָראַל און דאָס איז נישט ווירקזאַם אויף אַ לענגערן צייט־אָפּשניט. אונדזער פליכט איז קומען צוהילף דער יוגנט, וועלכע האָט מוט צו פאַרטיידיקן איר ריכטיקע שטעלונג, נישט געקוקט אויף די פאָרווורפן, וואָס זי הערט.

יעדער קלאַס האָט זיינע שוואַכע שילער. אונדזער זון אָדער טאָכטער געהערן אָדער צו זיי, אָדער צו די בעסערע, אָדער צו די דורכשניטלעכע שילער. מיר דאַרפן געפינען צייט, כדי צו וויסן וועגן דער לערע און לעבן פון אונדזער קינד — דעם שילער אין שול. דאָס הייסט נישט בלויז, אַז מיר דאַרפן נאָר גיין דערוויסן זיך וועגן זייערע מיינונגען. מיר דאַרפן געפינען צייט, כדי צו דערוויסן זיך, וואָס טראַכט אונדזער זון וועגן זיין לערע, וועגן זיינע מיינונגען, ווי שאַצט ער זיי אָפּ, ווי פילט ער זיך אין קלאַס צווישן די חברים. אין שמועס מיטן קינד וועט זיכער אויפקומען די פראַגע פון אונטערזאָגן און איבערשרייבן.

לעזנדיק די פראַגע פון אונטערזאָגן און איבערשרייבן העלפן מיר די לערער אין דער אַרבעט מיט די קינדער, און דאָס איז אונדזער געמיינזאַמע זאָרג, אונדזער געמיינזאַמע פליכט.

וואָס פאַר אַ פאַך דאַרף מען אויסקלייבן פאַרן קינד

די פליכט פון די עלטערן איז גענוי זיך צו פאַרטראַכטן, וואָס צו טאָן ווייטער מיט זייערע קינדער נאָכן פאַרענדיקן די גרונטשול אָדער די מיטלשול.

דאָס ייִנגל אָדער דאָס מיידל, וועלכע טרעטן אָפּט אַריין אין אַ לערן־אַנשטאַלט, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך, נישט אָריענטירנדיק זיך, וואָס זיי קאָנען זיך דאָרט אויסלערנען, צו וועלכער אַרבעט זיי דאַרפן דערנאָך גיין, הייבן אָן נאָך אַ יאָר לערנען אַרויסצווייזן זייער אומצופרידנקייט, גייען אַריבער אין אַ צווייטן לערן־

אנשטאלט. דאָס זענען אומנוצלעכע קאָסטן פאַרן לאַנד, א געפּטרט יאָר פאַרן יוגנטלעכן.

ס'וואַקסט ביי אונדז אין פוילן כסדר די צאָל פאַכשולן, מיטלשולן און הויכשולן. אַלץ מער נייע פאַקולטעטן ווערן געעפנט אין די אוניווערסיטעטן, עס אנטשטייען נייע טעכניקומס אין די פאַרשידענע שטעט פון אונדזער לאַנד. מיר האָבן א גאַנצע ריי טעכניקומס, וווּ מען קאָן זיך דערווערבן די ספּעציאַליטעט פון אַן אַגראָטעכניקער, זאָאָטעכניקער, וועטערינאַר א.א.וו. די יוגנטלעכע, וועלכע האָבן א נייגונג צו מעדיצין, קאָנען נאָכן פאַרענדיקן 9 קלאַסן זיך לערנען אין שולן פאַר פעלדשערים, פלעגערינס, אַקושערינס, לאַבאָראַנטן א.א.וו.

דער צענטראַלער אַמט פאַר פאַך=בילדונג האָט א ברייטע נעץ פון פאַך=שולן: פאַר קוילנגרעבער, הוטע=אַרבעטער, בוי=טעכניקער, כעמיקער, וועבער און פיל אַנדערע. די דערפאַרונג זאָגט, אַז נישט איין יוגנטלעכער האָט זיך אויסגעקליבן אַ פאַך נאָכן געוויערן באַקענען זיך מיט דער אַרבעט, וועלכע עס דערוואַרט אים. איינעם האָט צוגעצויגן אַ מאַשין=האַלע, אַ צווייטער האָט זיך אויסגעקליבן אַן אַרבעט ביי די יונגסטע קינדער אין פאָרשול. מע דאַרף זיך אַלזאָ באַצייטנס פאַראינטערעסירן מיט די דאָזיקע פראַגן.

וועלכע פעלערן ווערן באַגאַנגען צומאָפטסטן ביים אויסקלייבן זיך א פאַך, און וויאַזוי דאַרף מען אויף זיי רעאַגירן?

אַ טייל יוגנטלעכע ציען צו די „באַרימטע“ פּראָפעסיעס. זיי ווילן זיין אַקטיאָרן, שרייבער, זשורנאַליסטן. זיי שאַצן איבער זייערע פעיקייטן אויפן דאָזיקן געביט. אָפט טיילן אויס די עלטערן און די סביבה אַ געוויס קינד, וואָס מאַנצט אָדער זינגט שענער פאַר אַנדערע, שרייבט שיינע שריפטלעכע אַרבעטן אָדער אַרטיקלען אין דער וואַנטצייטונג. מע רעדט איין דעם קינד, אַז עס פאַרמאָגט עפּעס אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן, און וואָס איז נאָך ערגער, מע שאַפט ביי אים דאָס געפיל, אַז עס האָט פעיקייטן צו דערגרייכן אַ גרויסן דערפאָלג אין לעבן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, א פאַלשער שטאַנדפּונקט. די אויבנדערמאָנטע פּראָפעסיעס פאָדערן א סך טאַגטעגלעכע, סיסטעמאַטישע, עקשנותדיקע אַרבעט. אָן א גרויסער צאָל איבונגען, איבערחזרונגען, אָן אַלגעמיינעם טעאָרעטישן וויסן, אָן העכערער בילדונג וועט זיך נישט איינגעבן דעם באַגאַבטסטן מענטש צו דערגרייכן גוטע רעזולטאַטן. וועגן דעם דאַרפן די עלטערן רעדן מיט די קינדער, וועלכע ווייזן אַרויס גוטע פעיקייטן אין אַ געוויסן געביט.

די עלטערן דאַרפן אויך נישט צוקלייבן קיין פאַך פאַר די קינדער בלויז לויט זייער אייגענעם איינזען. איינער וויל, אַז זיין זון זאָל ווערן א דאָקטער, דער צווייטער וויל, זיין טאָכטער זאָל זיין אַן אינזשעניער. דערווייל קאָן די יוגנט האָבן גאָר אַנדערע נייגונגען אָדער פאַראינטערעסירונגען. מען טאָר נישט צווינגען די יוגנטלעכע, אַז זיי זאָלן אויסקלייבן דעם אָדער יענעם געביט, כדי אונדז צוליב צו טאָן.

דאָס איז א זייער וויכטיקע פראגע און מע דאַרף זיך רעכענען מיט דעם קינדס מיינונג.

די סאמע דעצידירנדיקע פֿערזאָנען ביים אויסקלייבן א פאך פאר דער יוגנט זענען די פּעדאגאָגן, די לערער און דערציער אין די שולן, וווּ עס לערנען זיך אונדזערע קינדער. זיי קאָנען אונדז אָפט זאָגן וועגן אונדזערע קינדער, וועגן זייערע פאַראינטערעסירונגען פיל מער, ווי מיר אַליין ווייסן. דערפאַר דאַרפן מיר קומען אויף אלע פאַרזאמלונגען, וואָס זענען געווידמעט די פראגן פון צוקלייבן א פאך פאר אונדזערע קינדער, כדי צוזאמען מיט די פּעדאגאָגן באהאנדלען די פראגע און באשליסן צוזאמען מיט די קינדער.

מע דאַרף די קינדער פאַראינטערעסירן מיט די פאַכן, אין וועלכע עס נייטיקט זיך אין געגעבענעם מאָמענט אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד. א פאַראינטערעסירונג קאָן מען שטענדיק דערוועקן, און מיט דער צייט וועט דאָס קינד ליב באַקומען די לערע און זיין צוקונפטיק פאַך. דאָס געפיל, אַז מען פירט אויס אַן אַרבעט, וואָס איז נייטיק פאַרן לאַנד, שאפט פיל פרייד און גליק יעדן, וואָס טוט די דאָזיקע ארבעט.

אין די לעצטע טעג פון שול־יאָר

דער לעצטער חודש פון שול־יאָר איז דער מעסטער, צי דאָס קינד האָט זיך גוט געלערנט אין משך פון א גאנץ יאָר, צי עס האָט סיסטעמאטיש געארבעט אָדער בלויז אין געוויסע צייטן, פאַר אַ שריפטלעכער קלאַס־אַרבעט אדגל. רואיק זענען די קינדער, וועלכע האָבן גוט, גרינטלעך דורכגעמאכט דעם מאטעריאל. פאר זיי איז גענוג איבערצוחזרן אים.

ערגער איז מיט די „פוילאקעס". ס'איז שווער צו באהערשן אין א קורצער צייט דעם מאטעריאל פון א גאנץ יאָר. זיי ארבעטן אָפט אין די לעצטע וואָכן זייער א סך, אָבער דאָס איז נישט גענוג, כדי צוצואייגענען זיך דעם מאטעריאל און פאַרפעסטיקן אים, אַלזאָ זיי גיבן זיך אַן עצה, ווי זיי קאָנען נאָר. זיי שרייבן איבער פון די חברים. טיילמאָל גרייטן זיי זיך צו פון פאָרויס אַזעלכע „גאַרמאָשקעס" פון פרעמדע ארבעטן.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אין דער צייט דאַרפן מיר פאַרגרעסערן אונדזער וואכזאמקייט איבער דער לערע פון קינד, ס'גייט נישט, נאטירלעך, אין דעם, צו טרייבן מער דאָס קינד צו דער לערע, נאָר וועגן דעם, אז עס זאָל זיין באמת צוגעגרייט אַריבערצוגיין אין ווייטערדיקן קלאַס.

לאָמיר זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון דערפון, אַז אויב דאָס קינד האָט נישט באַהערשט דעם קורס פון וועלכן ס'איז קלאס, וועט עס אָנטרעפן אויף שוועריקייטן

אין די ווייטערדיקע קלאסן. אויב דאָס קינד וועט זיך ווי ס׳איז אן עצה געבן אין ווייטערדיקן קלאס, וועט עס אין א העכערן קלאס זיכער בלייבן הינטערשטעליק און וועט אין בעסטן פאל מוזן האָבן אן עקזאמען נאָך די וואקאציעס. און אויב אזעלכע קעגנשטאנדן וועלן זיין מער, קאָן עס אויך בלייבן אויף נאָך א יאָר.

אָט פארוואָס מיר דארפן נישט, ווי ס׳טוט דאָס די מערהייט עלטערן, קעמפן מיט דער לערערשאפט פאר א בעסערער מיינונג פארן קינד. אויב א שילער האָט א 2 פון א לימוד, און די מיינונג שפּיגלט אָפּ ריכטיק די קענטעניש פון קינד פון גאנצן קורס פאר א גאנץ יאָר, דארף ער האָבן אן אויסבעסערונגס־עקזאמען און איבערחזרן אין משך פון די וואקאַציעס דעם גאַנצן מאַטעריאַל. דער אויסבעסערונגס־עקזאמען וועט מאָביליזירן דאָס קינד צו דער ארבעט, און עס וועט זיכער דעם עקזאמען ביילייגן.

דאָס האָט, נאַטירלעך, נישט קיין שייכות צו די פאַלן, ווען אַ שילער האָט באַהערשט דעם מאַטעריאַל, און דער באַקומענער „2“ איז אַ צופעליקער. דאָס קאָן געשען צוליב א שלעכט אָנגעשריבענער קלאסן־ארבעט אין א צושטאנד פון נישט געזונט זיין, אָדער ווען דער שילער איז געקומען אין שול דאָס ערשטע מאָל נאָך א לענגערן איבעררייס. ס׳קאָן זיין, אז ער איז געווען פון עפּעס דערשלאָגן בעתן ענטפערן, און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין מיינונג.

די אַלע אומשטענדן דארף מען נעמען אין אכט, ווען מיר פארטראכטן זיך אין סוף שול־יאָר וועגן דער לערע פון אונדזער קינד.

אומאָפּהענגיק דערפון, צי דאָס קינד וועט האָבן אַן אויסבעסערונג, צי ס׳וועט אַריבערגיין אין אַ העכערן קלאַס קוים־קוים, דארף מען אין דער צייט פון די וואַקאַציעס געדענקען צו דערגענצן די בלויזן, כדי צו פאַרלייכטערן אים די לערע אין קומענדיקן שול־יאָר.

מען דאַרף פאַרלייכטערן דעם קינד דעם פעריאָד פון די עקזאַמענס, אָרגאַניזירן אַזוי דאָס לעבן אין שטוב, עס זאָל נישט זיין קיין פאַלן פון דענערווירונג. ס׳וועלן ווייניק העלפן געשרייען און טענות צום קינד, אויב מיר האָב אַ גאַנץ יאָר נישט קאָנטראָלירט זיין אַרבעט. דאַקעגן דערנערווירונג אין האָזיקן פעריאָד קאָן מיטווירקן בלויז צום דורכפאַלן ביי די עקזאַמעס, צו דער נישט גענויער אָפּשאַצונג פון זיינע קענטעניש, אָדער נאָך ערגער, ס׳קאָן עס באַוועגן אַרויסצוהעלפן זיך מיט פרעמדן מאַטעריאַל, מיט „איבערשרייבן“ פון יענעם.

קינדער, וואָס האָבן אַרבעט אין שטוב, דאַרף מען אַנטלאַסטן, כדי זיי זאָלן האָבן מער צייט צום לערנען זיך.

די יוגנט האָט ליב צו לערנען זיך קאָלעקטיוו, ס׳איז נייטיק, אַלזאָ, צו דערמעגלעכן איר אַזעלכע באַדינגונגען, געפינען אַ באַקוועם אָרט, וווּ זי זאָל קאָנען רואיק זיך לערנען, נישט שטערנדיק קיינעם.

אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט

די עלטערן דאַרפן אויך אַכטונג געבן, אַז די קינדער זאָלן זיך נישט איבערמידן. זיי מעגן איבעררייסן פון צייט צו צייט די לערע און גיין שפּאַצירן אָדער אין קינאָ אויף אַן אינטערעסאַנטן פילם.

און דאָס וויכטיקסטע: לאָמיר זיך באַמיען צו שאַפן פאַר די קינדער אין די לעצטע טעג פון שול-יאָר אַ הייטערע און רואיקע שטימונג, כדי זיי זאָלן גוט אויסהאַלטן די עקזאַמענס.

דער זומער־אָפּרו פאַר קינדער אין שטאָט

אין דער צייט פון די שול-פעריען געפינט זיך די מערהייט קינדער אויף קאָלאָניעס, אָבער אַ טייל בלייבט אין שטאָט. אַחוץ דעם דויערן דאָך די קאָלאָניעס נישט קיין פולן חודש. עס איז די פליכט פון די עלטערן צו פאַרטראַכטן זיך, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן פאַר די קינדער די איבעריקע צייט.

אויסער קאָלאָניעס, זענען אויך פאַראַן האַלב-קאָלאָניעס. אַ קינד, וואָס איז איינגעשריבן אויף אַ האַלב-קאָלאָניע, געפינט זיך אַ גאַנצן טאָג אויסער דער היים. דאָס קינד פאָרט אַרויס מיט אַ גרופּע קינדער הינטער דער שטאָט: אין וואַלד, צום טייך, צום ים, אָפּהענגיק פון דער געגנט. דאָס קינד געפינט זיך אונטער אַ פאַכמענישער אויפזיכט, עס באַקומט אַ גאַנצן טאָג פולע אויסהאַלטונג. אַהיים קומט עס נאָר אויף ביינאַכט.

עס איז פאַראַן נאָך איין פאָרם פון אָפּרו פאַר די קינדער, וועלכע איז די עלטערן, צום באַדויערן, ווייניק באַקאַנט. זי דאַרף אָנגעווענדעט ווערן פאַר די קינדער, וועלכע געניסן נישט פון קיין קאָלאָניעס אָדער האַלב-קאָלאָניעס. דאָס איז דער „אָפּרו אין שטאָט“. וואָס אַן אמת, ברענגט דאָס קינד אַ צווייטן פרישטיק מיט זיך און באַקומט דאָרט בלויז מיטאָג. דאָס פאַרמינערט אָבער נישט דעם באַדייטנדיקן ווערט פון דער פאָרם פון אָפּרו פאַר די קינדער. דער אָפּרו אין שטאָט פאַרזיכערט דעם קינד פריילעכע שפּילן, אויספלוגן, שפּאַצירן. די עלטערן קאָנען רואיק אַרבעטן, ווייסנדיק, אַז דאָס קינד געפינט זיך אונטער אַ פאַכמענישער אויפזיכט, אַז עס איז באַשעפטיקט און דרייט זיך נישט אַרום אַליין איבער דער שטאָט, איז נישט אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר אַרונטערצופאַלן אונטער פאַרשידענע נישט געווונטשענע איינפלוסן.

עס זענען אָבער פאַראַן קינדער, וועלכע קאָנען צוליב די אָדער יענע סיבות אויך נישט געניסן פון „שטאָטישן אָפּרו“. די עלטערן פון אַזעלכע קינדער דאַרפן באַצייטנס זיך פאַרטראַכטן וועגן זייער טאָג-פלאַן, וועגן דעם, ווי די קינדער וועלן פאַרברענגען דעם זומער. איך וועל דאָ דערציילן, וויאַזוי עס האָט זומער פאַרברענגט דער 10-יאָריקער מאָטל.

ערבֿ די פּעריען האָבן זיך מאַטלס עלטערן געווענדעט צו זיין דערציערין מיט דער פֿראַגע, וויאַזוי ער דאַרף פֿאַרברענגען די פֿרייע צייט אין זומער. זיי האָבן געוואָלט וויסן, מיט וועלכע שול־אויפֿגאַבן וואָלט זיך געדאַרפֿט פֿאַרנעמען זייער זון אין משך פֿון דער צייט, כּדי אויסצומיידן שוועריקייטן אין דער לערע אין נאָענטסטן שול־יאָר.

די דערציערין האָט אויפֿגעקלערט, אַז די זומער־פּעריען זענען באַשטימט אויף אָפּרו. וואָס בעסער די קינדער וועלן זיך אָפּרוען אין משך פֿון זומער, אַלץ מער כּוחות וועלן זיי אָנזאַמלען און קאָנען זיך בעסער לערנען אין נייעם שול־יאָר. די פּעריען דאַרף דאָס קינד כּמעט אויסשליסלעך פֿאַרברענגען אויף שפּילן, אויספֿלוגן, שפּאַצירן. זי האָט געראַטן, אַז מאָטל זאָל זיין וואָס מער אויף פֿרישע לופֿט, וואָס אָפֿטער אַרויספֿאָרן הינטער דער שטאָט. וואָס שייך דער לערע, איז געווונטשן, אַז ער זאָל אויף דעם אָפּגעבן בלויז איין שעה אין טאָג, נעמלעך: ער זאָל זיך אויסלערנען די כּפֿל־טאַבעלע, וועלכע ער האָט נישט באַהערשט אין די יינגערע קלאַסן. די דערציערין האָט אויך רעקאָמענדירט עטלעכע ביכער פֿון דער פֿרייער לעקטור, וועלכע מאָטל האָט מיט אינטערעס און אָן אַ שום שוועריקייטן איבערגעלייענט. ער האָט אויף אַזאַ אופֿן הנאה געהאַט פֿון לייענען, גלייכצייטיק פּאַרטיפֿערט זיינע קענטעניש̈ן פֿון דער פּוילישער שפּראַך, און אָנגענעם פֿאַרבראַכט די צייט.

דעם טאָג־פּלאַן האָבן די עלטערן צונויפֿגעשטעלט צוזאַמען מיט מאָטלען. ער פֿלעגט יעדן טאָג אויפֿשטיין אין דער זעלבער צייט, רואיק, אָן איילעניש עסן פֿרישטיק. דערנאָך האָט ער געטאָן זיינע שטוביקע אַרבעטן און שפּעטער אַרויסגעפֿאָרן הינטער דער שטאָט, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם צווייטן פֿרישטיק. עס האָט אים באַגלייט די עלטערע שוועסטער, טיילמאָל די מוטער, ווען זי האָט געהאַט מער צייט. כּדי עס זאָל אים זיין אָנגענעמער, פֿלעגט מען פֿאַרבעטן עמעצן פֿון זיינע חברים, נישט פֿאַרגעסנדיק, פֿאַרשטייט זיך, אויך וועגן אַ בוך צום לייענען. מאָטל האָט אָנגעזאַמלט אַ שיינעם הערבאַר, ווייל נאָך יעדן שפּאַציר פֿלעגט ער ברענגען פֿאַרשידענע געוויקסן, בלומען, דערנאָך האָט ער זיי געטרוקנט לויט די אָנווייזונגען פֿון דער לערערין. אין האַרבסט האָט מאָטל געבראַכט אין שול אַריין אַ שיינע געוויקסן־קאָלעקציע, פֿון וועלכער ס'האָט גענאָסן דער גאַנצער קלאַס.

פֿון צייט צו צייט האָט מען איינגעאָרדנט מיט מאָטלען לענגערע אויספֿלוגן. אָפֿט פֿלעגן זיי פֿאָרקומען זונטיק, מיט דער באַטייליקונג פֿון פֿאָטער. מען האָט צוזאַמען באַזוכט היסטאָרישע ערטער, באַקענט זיך מיט היסטאָרישע מערקווירדיקייטן, מיט מוזייען. מאָטל האָט פֿאַרברייטערט זיינע ידיעות וועגן דער אומגעגנט פֿון זיין היימשטאָט, וועגן זיין היימלאַנד.

אויך אויפן הויף קען מען זיך גוט שפילן

מאָטל האָט זיך נישט שטענדיק אומגעקערט צו מיטאָג=צייט. טיילמאָל פלעגט ער מאַכן מיט דער הסכּמה פון די עלטערן לענגערע אויספלוגן, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ פּראָוויזאָרישן מיטאָג, און אַהיים פלעגט ער קומען 5 אַזייגער.

די עלטערן האָבן זיך באַמיט, אַז דאָס יינגל זאָל שלאָפן אַ שעה אָדער צוויי בייטאָג, וואָס פלעגט זיך אָפט אויך איינגעבן, ווייל זייענדיק מיד, איז ער גערן געגאַנגען שלאָפן. אויף דער לערע איז באַשטימט געוואָרן אַ פרימאָרגן=שעה פון 9—10 אַזייגער. מאָטל האָט נישט שטאַרק חשק געהאַט איבערצוחזרן די כּפּל=טאַבעלע. אָבער די מוטער פלעגט טאָגטעגלעך קאָנטראָלירן זיינע פאָרשריטן. גאַנץ שנעל האָט דאָס יינגל באַהערשט די כּפּל=טאַבעלע, און ס׳איז נישט געווען מער נייטיק זי טאָגטעגלעך איבערצוחזרן.

מאָטל איז אומגעשטערט אַרומגעלאָפן, און נאָכן צוריקקערן זיך אַהיים, האָט מען אים נאָך דערלויבט צו שפּילן אין פּילקע, אין „לאָטטאָ“ אָדער אין „דאַמקע“, אָפּהענגיק פון וועטער. זיינע עלטערן האָבן אַכטונג געגעבן, ער זאָל גוט פאַרברענגען די צייט; זיי האָבן זיך באַמיט, אַז ער זאָל זיך נישט לאַנגווייליקן. די מוטער האָט געזאָגט: „ווען אַ קינד לאַנגווייליקט זיך, רוט עס זיך נישט אָפּ“. מאָטל איז כּסדר געווען באַשעפטיקט און שטענדיק דערמיט, וואָס עס האָט אים באמת אינטערעסירט.

מאָטל איז צוגעטראָטן צום נייעם שול=יאָר אַן אויסגערוטער, אַ צופרידענער פון די פעריען און אַ ביסל אַ פאַרבענקטער נאָך דער שול. דאָס שול=יאָר איז אים זייער גוט אַדורך. דער דערפאָלג פון דער לערע אין לערניאָר איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אָפּהענגיק פון דעם, וויאַזוי די קינדער פאַרברענגען די פעריען פאַר און אינמיטן שול=יאָר.

באַזונדערע דערציונגס־פראַגן

וועגן ירושהדיקייט

איינע פון די סיבות, וואָס האַמעווען די אָנשטרענגונגען פון די עלטערן ביים דערציען זייערע קינדער, איז די פאַלשע טעאָריע וועגן ירושהדיקייט.

די געלערנטע פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פאַרשפּרייטן די טעאָריע פון „צוויי פאַקטאָרן“. די טעאָריע דריקט אויס די אינטערעסן פון די באַזיצנדיקע קלאַסן. זייער ציל איז איבערצייגן, אַז אַ קינד פון געבילדעטע, באַגאַבטע עלטערן, און דאָס זענען דאָך לויט זיי בעיקר די עלטערן פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, ווערט באַלד געבוירן מער פעיקער און אינטעליגענטער, ווי אַ קינד פון אַן אַרבעטער אָדער פּויער. דאָ דעצידירט אַלזאָ דער פאַקטאָר פון ירושהדיקייט. דער צווייטער פאַקטאָר איז די לעבנס-סביבה פון קינד, וואָס איז לויט דער בורזשואַזער פּעדאַגאָגיק אַ קאָנסטאַנטע און אומפאַרענדערלעכע אויפן גאַנצן לעבן פון מענטש. היות די סביבה פון די אַרבעטנדיקע שיכטן איז, לויט די בורזשואַזע באַגריפן, אַן אָפּגעשטאַנענע, איז פון דאַנען דער אויספיר, אַז אַ קינד פון אָרעמע עלטערן איז פון ביידע פאַקטאָרן (ירושהדיקייט און סביבה) לכתחילה פאַרמשפּט אויף אָפּגעשטאַנענקייט, און ס'איז אַרויסגעוואָרפן די מי פון די לערער און דערציער. מיט דער דאָזיקער טעאָריע איז אויך פאַרבונדן די ראַסן-טעאָריע (די ראַסן-פאָראורטיילן) — די בורזשואַזע און פאַשיסטישע טעאָריע וועגן דער נישט פולווערטיקייט פון געוויסע ראַסן, פונקט ווי לויט דער טעאָריע פון „צוויי פאַקטאָרן“ — די נישט פולווערטיקייט פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן.

די מאַרקסיסטישע וויסנשאַפט וואַרפט אָפּ די דאָזיקע טעאָריעס. דאָס קינד ווערט געבוירן מיט געוויסע גערירשנטע אַנאַטאָמיש-פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן, אָבער וועגן זייער אַנטוויקלונג אָדער העמונג דעצידירט די דערציונג, וואָס איז בכוח געוויסע אייגנשאַפטן צו אונטערהאַלטן און אַנטוויקלען און אַנדערע אָפּשוואַכן און פאַרמאַכן זיי דעם וועג פאַר זייער אַנטוויקלונג.

אויך די סביבה איז נישט עפּעס קיין סטאַבילע זאַך. יעדע סביבה מאַכט דורך כסדר ענדערונגען, קלענערע אָדער גרעסערע, אָפּהענגיק פון די היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, און אפילו זייער ראַדיקאַלע, אין פעריאָדן פון גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, איבערברוכן.

וואָס שייך די ענדערונגען פון דער סביבה, איבערצייגן זיך היינט צו טאָג אונדזערע עלטערן מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי עס בויט זיך מיט יעדן טאָג אונדזער דאָרף, וויפל פעיקע טאַלאַנטירטע אַרבעטער־קינדער עס באַזוכן אונדזערע הויכשולן.

ערגער איז מיט דער טעאָריע וועגן ירושהדיקייט. דער גלויבן, אַז זי איז אומפאַרענדערלעך און באַשטימט פון פאָרויס די צוקונפט פון מענטש, איז נאָך טיף איינגעוואָרצלט ביי אונדזערע עלטערן. אפילו מער באַוווסטזיניקע חברים פרעגן: „אויב ירושהדיקייט דעצידירט נישט, פאַרוואָס זשע איז מיין אסתרקע אַ פריילעכע, אַ מונטערע, און נחומקע — אַ נערוועז און קאַפּריזנע קינד. זיי האָבן די זעלבע באַדינגונגען, די זעלבע עלטערן און זענען אַזוי פאַרשידן?“.

דער ענין איז אַ פּשוטער. אסתרקע און נחומקע האָבן נישט די זעלבע באַדינגונגען און קאָנען זיי נישט האָבן. זיי אונטערשיידן זיך מיטן עלטער און געשלעכט. איינס פון זיי איז אַ געוויסע צייט, איידער דאָס צווייטע איז געבוירן געוואָרן, געווען אַ בן־יחיד און איז אַוודאי אַנדערש באַהאַנדלט געוואָרן, ווי דעמלט, ווען ס'איז געבוירן געוואָרן דאָס צווייטע קינד. ביי אונדז זענען צו אָפט פאַראַן „מאַמעס זונדעלעך“ און „טאַטעס טעכטערלעך“, אָדער פאַרקערט. דאָס זענען דערציונגס־פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון קינד, אויף דער געשטאַלטיקונג פון זיין כאַראַקטער. ס'איז דעריבער נישט ריכטיק, אַז דער אונטערשיד אין געמיט־צושטאַנד פון קינדער איז אָפּהענגיק פון דעם, פון וועמען זיי האָבן געירשנט דעם כאַראַקטער. ער איז אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען, וועלכע די עלטערן שאַפן פאַר די קינדער.

פאַרוואָס זשע רייסן זיך ביי אונדז אָפט אַרויס די ווערטער: „דער גאַנצער טאַטע! דער זעלבער נערוועזער און בעל־כעסן“, אָדער: „זע נאָר, וואָס פאַר אַ קאָקעטקע; זי דרייט זיך פאַרן שפיגל, פונקט ווי איר מאַמע“.

ס'איז אַ פּשוטער ענין! דאָס קינד מאַכט נאָך די עלטערן. עס פאַרהאַלט זיך אַזוי ווי דער פאָטער אָדער מוטער נישט דערפאַר, וואָס עס האָט געירשנט זייערע כאַראַקטער־שטריכן, נאָר דערפאַר, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אויסצולערנען פון פאָטער אָדער מוטער אַ נישט געהעריקע אויפפירונג, ד. ה., אַז דער פאָטער אָדער מוטער האָבן דורך זייערביישפּיל באַוויזן איינצופלאַנצן אין קינד געוויסע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. אָט פאַרוואָס מיר מוזן זיין זייער פאָרזיכטיק אין אונדזער אויפפירונג. די אויגן פון אונדזערע קינדער אָבסערווירן אונדז שטענדיק, אָן אויפהער, כדי צו האַנדלען פונקט אַזוי ווי מיר.

דער גרויסער סאָוויעטישער פּעדאַגאָג א. מאַקאַרענקאָ דערקלערט די באַדייטונג פון ביישפּיל אין דער דערציִונג מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „...אונדזער אייגענער אופן פון אויפפירונג — איז צום מערסטן דעציִדירנדיק. מיינט נישט, אַז איר דערציט דאָס קינד בלויז דאַן, ווען איר רעדט מיט אים, בעת איר גיט אים אָנווייזונגען אָדער פאַראָרדענונגען. איר דערציט עס אין יעדן מאָמענט פון אייער לעבן, אפילו דאַן, ווען איר זענט נישטאָ אין שטוב. אייער אופן פון אָנטאָן זיך, אייערע געשפּרעכן מיט מענטשן און וועגן מענטשן, דער אופן וויאַזוי איר פרייט זיך, ערגערט זיך, וויאַזוי איר באַציט זיך צו פריינד און צו שונאים, וויאַזוי איר לאַכט אָדער כעסט זיך, וויאַזוי איר טוט אַן אַרבעט, וויאַזוי איר לייענט אַ בוך, — דאָס אַלץ האָט פאַר די קינדער אַ גרויסע באַדייטונג. דאָס קינד וועט באַמערקן אָדער אָפּפילן די קלענסטע ענדערונג פון אייער טאָן, אַלע שאַטירונגען פון אייערע מיינונגען דערגרייכן צו אים דורך אומגעזעענע פאַר אייך וועגן. אויב איר זענט אין דער היים גראָב אָדער איר באַרימט זיך, אויב איר שיכּורט זיך אָן — און נאָך ערגער — איר באַליידיקט די מוטער, ברענגט איר שאָדן דורך דעם אַליין אייערע קינדער, איר דערציט זיי שלעכט, און אייער נישט ווירדיקע אויפפירונג וועט ברענגען צו די ערגסטע פאָלגן!“.

לאָמיר זיך אַלזאָ באַמיען אויפצופירן אַזוי, אַז מיר זאָלן קאָנען איינפלאַנצן אין קינד די אייגנשאַפטן פון אַ צוקונפטיקן בויער פון סאָציאַליסטישן היימלאַנד

צי איז ברוטאַלקייט אַ ירושה־אייגנשאַפט

פיל עלטערן זאָרגן זיך, וואָס זייערע קינדער ווייזן אַרויס ברוטאַלקייט. זיי מאַטערן בעלי־חיים. אפילו דאָס באַליבטסטע הינטל אָדער קעצל שלעפּן זיי פאַר די אויערן, פאַרן עק. טייל קינדער רייסן מיט גרויס סאַדיזם אָפּ די פליגעלעך ביי פליגן און אַנדערע אינזעקטן און קוקן זיך צו מיט סאַטיספאַקציע צו די ליידן פון זייערע קרבנות.

טייל עלטערן אַרט דאָס, וואָס זייערע קינדערס געפילן זענען נישט קיין דויערנדיקע, זיי פאַרגעסן שנעל זייערע באַליבטע פערזאָנען, זיי געוווינען זיך לייכט צו צו פרעמדע מענטשן, אַרויסווייזנדיק זיי האַרציקייט. די טענות האָבן אַ שייכות צו ייִנגערע קינדער. אין דער מערהייט פאַלן שטעלן די עלטערן פעסט, אַז די קינדער זענען נישט אין דער היים קיין שלעכטע ביישפּילן, קיינער לערנט זיי נישט אַזוי צו האַנדלען. זיי טענהן, אַז די קינדער האָבן גלייך פון געבוירן געהאַט אַזעלכע נייגונגען און זענען גרייט אָנצווייזן פון וועמען דאָס קינד האָט געירשנט די ברוטאַלקייט אָדער רשעותדיקע קאַלטקייט.

די עלטערן האָבן אַ טעות, ווען זיי מיינען, אַז די איינגעשאַפטן, וועלכע זיי האַלטן פאַר ירושהדיקע, זענען איינגעבוירענע און שטענדיקע. דאָס זענען איינגעשאַפטן פון אַ באַשטימטן עלטער פון קינד. די דאָזיקע איינגעשאַפטן פאַרשווינדן, ווען די קינדער ווערן עלטער. זיי ווערן אַרויסגערופן דורכן ספּעציפישן אופן פונעם דענקען און פילן פון קליינע קינדער.

אַלזאָ וועגן ברוטאַלקייט.

אַ קליין קינד איז נאָך נישט ברוטאַל. ווען עס האַנדלט ברוטאַל, איז עס נישט אַ רעזולטאַט פון זיין סאַדיזם, נאָר פון זיין נישט קענען די וועלט. ווען דאָס קינד שלעפּט אַ קאַץ ביים עק פאַרשאַפט אים אַ פרייד די אויפפירונג פון דער קאַץ, אירע „קונצן“. דאָס קינד גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז מיט זיין האַנדלונג פאַרשאַפט עס ווייטיק. ווען דאָס קינד אָבסערווירט די אויפפירונג פון אינזעקטן אָן פליגל אָדער פיס, טוט עס דאָס מיט אַ גרויסן אינטערעס, אָבער נישט צוליב סאַדיזם. דאָס קינד פאַרשטייט אַבסאָלוט נישט די פאָלגן פון זיין טאַט. דערצו נאָך פאַרגעסט עס שנעל, ווייל נישט שטענדיק נעמט עס זיך שטאַרק איבער בעת די דאָזיקע אָבסערוואַציעס, עס גייט אַריבער פון זיי צו אַנדערע זאַכן און דערשיינונגען, כדי אין אַ צייט אַרום איבערצוחזרן דאָס זעלבע.

צי דאַרף מען קינדער דערלויבן אַזעלכע עקספּערימענטן? פאַרשטייט זיך, אַז נישט! מען דאַרף די קינדער איבערצייגן, אַז מיט זייער האַנדלונג פאַרשאַפן זיי ווייטיקן דעם באַשעפעניש, אַז מע טאָר עס נישט טאָן, אַז אַזוי טוען שלעכטע מענטשן. אַ געוויסער פאָטער, וועלכער האָט נישט געקאָנט איבערצייגן דעם זון, אַז ער זאָל נישט פייניקן קיין באַשעפענישן, האָט צו אים געזאָגט מיט איבערצייגונג: „אַזוי האָבן געהאַנדלט בלויז פאַשיסטן, די היטלעריסטן האָבן אויך געפייניקט מענטשן און בעלי־חיים“. דער רעזולטאַט איז געווען ממש אַ בליצשנעלער. דאָס קינד האָט תיכף אויפגעהערט צו פייניקן באַשעפענישן. נישט פאַרשטייענדיק נאָך, אַז ער האַנדלט שלעכט, האָט ער נישט געוואָלט זיין ענלעך צו די פאַשיסטן.

אָפט הערן מיר: „די מאַמע איז געפערלעך קראַנק, און ער שפּילט זיך ווי קיינמאָל נאָרנישט“. לאָמיר זיך דערמאָנען שלום־עליכמס „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום“. די עלטערן פאַרדריסט, וואָס די קינדער פאַרגעסן שנעל די באָבע, וועלכע זיי האָבן פריער אַזוי שטאַרק ליב געהאַט אאַז״וו. אויך אין די דאָזיקע פאַלן זענען די דערוואַקסענע נישט גערעכט. מע טאָר נישט צוגיין צום קינד מיט דער זעלבער מאָס, ווי צו אַ דערוואַקסענעם. דאָס קינד פאַרשטייט נישט די געפאַר, וואָס שטעקט אין די ווערטער „שרעקלעך קראַנק“, און אויך נישט דאָס, וואָס עס באַדייט טויט. עס ווילט זיי טיילמאָל דאָס, וואָס מען טוט מיט אַ נאָענטער פּערזאָן, די גאַנצע פּראָצעדור. אייניקע דערשרעקן זיך בלויז פאַרן פאַקט פון באַגראָבן די באַליבטע פּערזאָן אין דער ערד. זיי האָבן מורא, אַז עס וועט איר דאָרט

זיין קאַלט און פינצטער. דערפאַר טאָר מען נישט מיטנעמען קיין קליינע קינדער אויף אַ בית־עולם. ביים קינד איז טויט פונקט אַזאַ זאַך, ווי אַוועקפאָרן אין אַ סאַנאַטאָריע, אויף אורלויב. עס גלייבט, אַז די באַליבטע פערזאָן וועט זיך צוריקקערן. דערפון שטאַמט די רואיקייט, גלייכגילטיקייט און דאָס וואַרטן אויפן צוריקקער.

דאָס קינד לעבט נישט מיט דער פאַרגאַנגענהייט און נישט מיט דער צוקונפט, נאָר מיטן היינט. עס פאַרמאָגט נישט דעם באַגריף פון אַ חודש, פון אַ יאָר. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אַז דאָס קינד גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון, אַז עס איז שוין פאַרביי די צייט פון אורלויב, און די באַליבטע פערזאָן איז נאָך נישט צוריקגעקומען, עס ווייסט נישט, אַז זי וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. דערפון שטאַמט די רואיקייט.

צייטנווייז פאַרכאַפּט אַזוי דאָס לעבן און די שפילן דאָס קינד, אַז עס פאַרגעסט אַפילו די סאַמע באַליבסטע און נאָענטע.

מע דאַרף עס דעריבער נישט נעמען פאַר אומגוט, נאָר גיכער באַטראַכטן עס אַלס נאָרמאַלע דערשיינונג.

ס'זענען אָבער פאַראַן זייער עמפּינדלעכע קינדער, וועלכע לעבן ווייטיקלעך איבער דעם פאַרלוסט פון זייערע נאָענטסטע. מיר זענען אָפט עדות פון אַזעלכע פאַלן. מיר דאַרפן נישט אונטערהאַלטן דורך אונדזער פאַרוואונדערונג און מיטגעפיל די דאָזיקע שטימונגען ביי די קינדער. מע דאַרף זיי גיכער שטאַרקן פיזיש, זייער פאַרזיכטיק רעדן אין זייער אָנוועזנהייט, כדי נישט צו פאַרטיפן זייער טרויער. לאָמיר זיך באַמיען צו צעשטרייען זיי דורך אַרבעט, שפילן, אַנטשפּרעכנדיק צו זייער עלטער.

אַזוי און נישט אַנדערש דאַרף מען צוגיין צו דער פראַגע פון ברוטאַלקייט און „קאַלטקייט“ פון געפילן ביי קינדער ביז 7 יאָר.

פאַרוואָס זענען דאָ שוועריקייטן מיט אונטערוואַקסנדיקע קינדער

— ביז איצט האָב איך ביים דערציען מיין זון נישט געהאַט קיין שום שוועריקייטן. ער האָט זיך אין שול שטענדיק גוט געלערנט. זינט עטלעכע חדשים פאַרשטיי איך נישט, וואָס עס איז מיט אים געשען. ער האָט אין שול באַקומען עטלעכע צווייען. ער ענטפערט שאַרף און זייער נישט העפלעך דעם פאָטער. לעצטנס ענטפערט ער בכלל נישט אויף קיין פראַגן. כ'ווייס נישט, וואָס כ'זאָל מיט אים טאָן. וויאַזוי זאָל איך האַנדלען? — באַקלאָגט זיך די מוטער פון אַ 14־יאָריק ייִנגל.

עס איז טאַקע זייער גוט, וואָס די עלטערן פאַרטראַכטן זיך, וויאַזוי צו האַנדלען מיטן זון. פיל ערגער איז, ווען זיי נעמען אָן בנוגע זייער קינד איבערפלעכלע־

כע און ניש=דורכגעטראַכטע באַשלוסן. לאָמיר זיך פאַרטראַכטן, פאַרוואָס האָט זיך דאָס ייִנגל פּלוצים אַזוי געענדערט?

דאָס ייִנגל ווערט אַלט 14 יאָר. דאָס איז דער עלטער פון סעקסועלן רייף ווערן. אין דאָזיקן עלטער הייבן אָן געוויסע דריזן (דער שילד=דריז, די געשלעכט=דריזן), וועלכע האָבן ביז איצט נישט גענומען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אין לעבן פון קינדערישן אָרגאַניזם, אינטענסיווער צו אַרבעטן. זיי שאַפן האָרמאָנען, וועלכע זיי טיילן אויס אין בלוט. די האָרמאָנען רופן אַרויס אַ געוואַלדיקע ענדערונג אין דער אַרבעט פון אָרגאַניזם. דאָס קינד וואַקסט שנעל, ס'פאַרגרעסערט זיך די עמפּפינדלעכקייט פון זיין נערוון=סיסטעם. ס'ענדערט זיך זיין כאַראַקטער.

די דאָזיקע ענדערונגען רופן זיך אויך אָפּט אָפּ אויף דער לערע. דאָס קינד ווערט אומפעיק זיך צו קאָנצענטרירן, עס פאַרלירט דעם אינטערעס צו דער לערע, אָפּט ווערט אָפּגעשוואַכט זיין זכרון.

ס'איז געוווּנטשן זיך דאַן צו ווענדן צו אַ דאָקטער, כדי ער זאָל רעקאָמענדירן די געהעריקע מיטלען, ווי צו שטאַרקן דעם קינדס אָרגאַניזם. אין דאָזיקן פּעריאָד דאַרף מען דאָס קינד גוט דערנערן, דערמעגלעכן אים צו פאַרברענגען אויף דער פרישער לופט, דערלויבן אים מער צייט צו פאַרווענדן אויף ספּאָרט, אויף אַנגענעמער פאַרוויילונג.

עלטערן, וועלכע דערציען ווי געהעריק זייערע קינדער, אַזעלכע, ביי וועלכע די קינדער האָבן אַ טאָג=פּלאַן, פירן אויס אַ טייל פון די שטובּיקע אַרבעטן, ווערן קאָנטראָלירט; עלטערן, וועלכע זענען אַן אויטאָריטעט ביי זייערע קינדער און דינען זיי ווי אַ ביישפּיל פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן — אַזעלכע עלטערן האָבן אין אַלגעמיין נישט קיין דערציונגס=שוועריקייטן אין דאָזיקן פּעריאָד. אויף דער גרייטקייט ענטפערן זיי מיט מילדער אָנטשלאָסנקייט. דער פּעריאָד פון רייף ווערן גייט פאַרביי אומבאַמערקט סיי פאַר די עלטערן, סיי פאַרן קינד.

שוועריקייטן טרעטן אַרויס דאָרט, וווּ די עלטערן האָבן אין זייער ביז איצטיקער דערציונג עפּעס פאַרנאַכלעסיקט.

דאָס אונטערוואַקסנדיקע ייִנגל אָדער מיידל פילט, אַז עס איז שוין נישט קיין קינד, אָבער עס ווייסט אויך, אַז עס איז נאָך נישט קיין דערוואַקסענער. אין דעם עלטער ווייסן נאָכנישט די קינדער, וויאַזוי זיך צו פאַרהאַלטן אין דער געזעלשאַפט, וואָס עס קומט זיי פון די עלטערן, און וואָס זיי קאָנען פון זיי פאָדערן. זיי ווילן מער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט פאַר זיך און ווערן קריטישער בנוגע די עלטערן.

אין דאָזיקן פּעריאָד האָבן די עלטערן באמת אַ שווערע אויפגאַבע. אַן אונטערוואַקסנדיקן קינד דאַרף מען געבן מער פרייהייט, אָבער גלייכצייטיק דאַרף מען עס געניטער אָבסערווירן און דערמיט אָנפירן. דאָס אָנפירן מיטן קינד דאַרף נישט באַשטיין אין אַרויסגעבן באַפעלן און קאָמאַנדעווען מיט אים. מערסטנס

פאַרטראָגט דאָס נישט די יוגנט, קעגן דעם בונטעוועט זי זיך אין דער מערהייט פאַלן. דאָס אָנפירן באַשטייט אין קלוגן עצהנען, אין איבערצייגן מיט דער הילף פון פאַקטן גענומענע פון לעבן, אַז דאָס קינד איז אין געוויסע פאַלן נישט גערעכט.

מע דארף זיך באזונדערס באמיען צו דערקענען דעם קינדס חברים און חברטעס. מע דארף נישט זען אין יעדן אויסדרוק פון סימפאטיע פאר א קינד פון אַן אנדער געשלעכט — ליבע, און דערמיט מאַטערן דאָס קינד. אויב מיר האלטן, אַז אונדזער קינד האָט נישט קיין אנטשפּרעכנדיקע חברים, דארף מען נישט מיט קיין געשריי און באפעל ווירקן אויף אים, עס זאָל זיך מיט זיי נישט חברן, ווייל דאָס וועט נישט געבן קיין שום רעזולטאַטן. זיי וועלן זיך דאן טרעפן געהיים, אָן דעם וויסן פון די עלטערן. מע דארף גיכער זיך באמיען, אז די קינדער זאָלן זיך טרעפן אין דער היים, כדי די עלטערן זאָלן קאָנען אָבסערווירן, וויאזוי זיי פירן זיך אויף, און קערעווען מיט זיי. אויב די שלעכטע חברים וועלן זיך נישט ענדערן, וועלן זיי אָבער אונדז דערמעגלעכן צו באקומען א גענוגנדיקע צאָל פאקטן, כדי צו איבערצייגן אונדזער קינד, אז עס דארף ענדערן זיין געזעלשאפט.

וועגן עגאָיזם ביי קינדער

מיר האָבן באקומען פאָלגנדיקן בריוו:

„איך האָב גרויס זאָרג צוליב דער דערציונג פון מיין קליין טעכטערל. ס׳גייט מיר שטאַרק אין דעם, די קליינע זאָל זיין געזעלשאַפטלעך. מיין מאַן אַרבעט אַ סך געזעלשאַפטלעך. איך ווידמע אויך ווי וויט מעגלעך מיין צייט דער אַרבעט אין פּראָפעסיאָנעלן פאריין און אין דער פרויען־ליגע. דאָס קינד האָט אין שטוב א גוטן ביישפּיל, און עס וואַקסט אַן עגאָיסטין. זי וויל זיך נישט שפּילן מיט קיין אנדערע קינדער, נישט געבן איר שפּילצייג די חברטעס. מיטן זיסוואַרג טיילט זי זיך גאָר מיט דער באָבען, וועלכע זי האָט ליב, אָבער מיר, צי דעם פאָטער, וועלכע קויפן איר א סך נאַשוואַרג, גיט זי קיינמאָל נאָרנישט, איז נישט מכבד מיט דעם מינדסטן. דאָס פארשאפט מיר פיל קרענקונג. מיינע ווערטער העלפן, ליידער, זייער ווייניק. איך בעט אַלזאָ מיר צו געבן אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן, כדי צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון קינד“.

כמעט יעדעס קינד אין דעם עלטער פון 3 יאָר פירט זיך אזוי אויף, און ס׳איז באמת נישטאָ קיין גרונט שוין איצט צו האָבן קרענקונג צוליב דער נישט געזעלשאַפטלעכקייט פון קינד. עפּעס אנדערש איז, אז שוין איצט דארף מען אויפמערקזאַם מאַכן דעם קינד אויף געוויסע זאכן. צו א קליין קינד דארף מען נישט רעדן אזויפיל מיט ווערטער, נאָר קורץ באַמערקן אין דער פאָרם פון אַן עצה, אָנווייזונג, באַפעל. דאָס וועט זיין א סך ווירקזאמער.

אַלס באַווייז וועגן עגאָיזם פון דעם קינד ברענגט מען פאָלגנדיקע ביישפּילן: דאָס קינד קאָן זיך נישט שפּילן מיט אנדערע קינדער, עס טיילט זיך נישט מיט אירע שפּילעכלעך, עס טיילט זיך נישט מיט איר נאַשוואַרג נישט מיט דער מאַמען, נישט מיטן טאַטן, איז מכבד נאָר דער באָבען, וועלכע זי האָט ליב.

די ביישפּילן, וועלכע מע ברענגט, זאָגן נאָך אינגאנצן נישט עדות וועגן דער נישט געזעלשאפטלעכקייט פון דעם קינד. א קליין קינד קאָן זיך נאָך נישט שפּילן מיט אַנדערע. עס שפּילט זיך שטענדיק אַליין. אַפילו ווען עס געפינט זיך אין דער סביבה פון קינדער, שפּילט זיך יעדעס פון זיי אליין. יעדעס קלייגע קינד בויט פאַר זיך, רעדט צו זיך, ניאַנטשעט אליין די ליאלקע. ווען עס רופט זיך אפילו אָן צו אַ צווייט קינד, ווארט עס נישט שטענדיק אויף אַן ענטפער. קלייגע קינדער שפּילן זיך איינע לעבן די אַנדערע, אָבער נישט צוזאמען. דאָס דרינגט ארויס פון אופן פון זייער טראַכטן, און נישט פון קיין עגאָיזם. מיט דער צייט קומט די באַדערפעניש און פעיקייט געמיינזאַם זיך צו שפּילן. קוקט זיך צו צום שפּילצייג פון קינדער אין די פאַרשולן. פאַר דער יינגסטער גרופּע ווערט געקויפט א סך איינע און די זעלבע שפּילעכלעך: פּילקעס, ליאַלקעס, בערן אדגל. פאַר עלטערע קינדער קויפט מען וויניקער שפּילעכלעך, אָבער אזעלכע, וועלכע קאָנצענטרירן אַרום זיך א גרעסערע גרופּע קינדער: פּייערלעשער, אַ קאָמפּלעט מעבל פאַר אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַ הויז פאַר ליאַלקעס אדגל.

מען דאַרף אַלזאָ נישט צווינגען די קליינע, זי זאָל זיך שפּילן מיט אַנדערע קינדער, אָבער מע דארף אויך נישט שטענדיק נאָכגעבן אירע קאַפּריזן. מע טאָר איר נישט געבן קיין שפּילעכל, וואָס איז איר געפעלן געוואָרן ביי אנדערע קינדער, צונעמענדיק עס ביי יענע. מ'דארף אויך איר הייסן פון צייט צו צייט, זי זאָל געבן דאָס שפּילעכל, מיט וועלכן זי שפּילט זיך נישט אין איצטיקן מאָמענט, א צווייט קינד, וואָס בעט דאָס שפּילעכל. ס'גייט פּשוט וועגן צוגעווינען דאָס קינד צו קאָנען זיך אָפּזאָגן פון געוויסע זאַכן, וועלכע פארגלוסטן זיך איר, וועגן באקעמפן די אנטוויקלונג פון דעספּאָטיזם ביים קינד, ווייל דאָס קאָן איר באַשווערן דאָס צוזאמענלעבן מיט קינדער אין די שפּעטערדיקע יאָרן. מע קאָן נישט ווירקן אויפן באַוווסטזיין פון דער קליינער אין דאָזיקן עלטער. מע דארף פּשוט צוגעווינען זי צו רעזיגנירן פון געוויסע קאַפּריזן.

אויך אין אזא ליכט שטעלט זיך פאָר דער ענין פון זיסוואַרג. דאָס קינד איז נישט מכבד מיט זיסוואַרג נישט צוליב דעם, וואָס עס איז עגאָיסטיש, עס פאלט איר פּשוט נישט איין, אז מע דארף דאָס טאָן. דער טאַטע און די מאמע זענען פאַרן קינד די קוועלן פונעם זיסוואַרג, זי מיינט דעריבער, אז די עלטערן האָבן אזויפיל נאַשוואַרג, וויפל דאָס הארץ גלוסט. דער באָבען איז זי מכבד, ווייל די באָבע קויפט נישט קיין זיסוואַרג, האָט זי עס דעריבער נישט, און מע דארף איר מכבד זיין. אויסער דעם האָבן די עלטערן מסתמא נישט איינמאָל דערמאָנט דער

קליינער, זי זאָל מכבד זיין דער באָבען. די עלטערן האָבן דאָס נישט געטאָן לגבי זיך. פונדאנען נעמט זיך דאָס, וואָס דאָס קינד איז נישט געוווינט מכבד צו זיין די עלטערן, און מע דארף גלייך אָנהייבן אנטוויקלען ביי איר די דאָזיקע געוווינהייט. פשוט אויפמערקזאַם מאַכן: „זע, איך האָב דיר אָפּגעגעבן אַלע צוקערלעך, זיך האָב איך גאָרנישט געלאָזט. דער טאַטע האָט אויך נישט, אָבער ער האָט דאָך ליב צו־קערלעך. אפשר וועסטו אונדז מכבד זיין?“ איך בין זיכער, אַז עטלעכע דערמאָ־נונגען וועלן געננוג זיין, כדי דאָס קינד זאָל געדענקען מכבד זיין דער מוטער און דעם פאָטער.

צי זאָגן קינדער ליגן

אַ ליגן רופן מיר אַן דאָס באַוווסטזיניקע באַהאַלטן דעם אמת דורכן קינד. דאָס קינד זאָגט דאַן ליגן, ווען עס ווייסט, אַז זיינע רייד אַנטשפּרעכן נישט דעם אמת.

ס'איז קלאָר, אַז מיר וועלן נישט זאָגן, אַז ס'איז אַ ליגן, ווען אַ קליין קינד זאָגט, אַז זיין טאַטע איז אַ גענעראַל, וועלכער האָט אַן אייגענעם לוקסוס־אויטאָ. דאָס קינד פאַנטאַזירט בלויז. עס וויל שטאַרק, אַז אַזוי זאָל עס טאַקע אין דער אמתן זיין. עס שטעלט זיך בלויז פאָר, אַז עס איז אַזוי. דאָ איז נישט פאַראַן קיין פאַל פון באַהאַלטן דעם אמת. נישט לאַנג צוריק האָב איך גערעדט מיט אַ 6־יאָריק מיידעלע. זי האָט מיר דערציילט וועגן איר קליין שוועסטערל סימעלע מיט אַזעל־כע אייגנצלהייטן, אַז איך בין געווען זיכער, אַז זי האָט ווירקלעך אַ שוועסטערל. ווען כ'האָב געוואָנטשן איר מוטער אין שייכות מיטן געבורט פון צווייטן קינד, האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ געלעכטער: „די קליינע האָט אייך זיכער אָנגעפּלוידערט. זי האָט אייך דערציילט וועגן איר ליאַלקע. זי האָט אינגאַנצן נישט קיין שוועסטערל, נאָר זי וויל האָבן און דערציילט וועגן איר אַלעמען“.

איך קען אַ 10־יאָריק יינגל, וואָס דערציילט די שכנים וואונדער וועגן זיין טאַטן, אז ער איז אַן אָפיציר, האָט שוין היינטער זיך אַ סך גרויסע אויפטוען, נעמט אַן אָנטייל אין אַ טראַנסאָקעאַנישער עקספּעדיציע אדגל. ער דערוואַרט, אַז דער טאַטע זאָל שוין וואָס שנעלער צוריקקומען. דער גאַנצער קלאַס קינדער איז מקנא מאַטלען מיט אַזאַ טאַטן. אין דער אמתן אָבער זיצט זיין טאַטע אין תפיסה אין דער זעלבער שטאָט, ווו עס וואַקסט און לערנט זיך דאָס יינגל.

אַזאַ פאַנטאַזיע ביי קינדער דאַכט זיך אויס אונדז, דערוואַקסענע, פאַר אַ ליגן, ווייל סימעלע האָט לגמרי נישט קיין שוועסטערל, און מאָטל קיין טאַטן אַ העלד. און דאָך זאָגן די דאָזיקע קינדער נישט קיין ליגן, נאָר שטעלן זיך פאָר, פאַנטאַזירן. מע דארף באַקעמפן אַזעלכע דערשיינונגען, אָבער נישט מיט קיין שאַרפע ווערטער, מיט פאָרווורפן, אַז זיי זאָגן ליגן. גיכער איז נייטיק אָנצוווייזן די קינדער, אַז ס'איז נישט ריכטיק, זיי האָבן אַ טעות. מע קאָן זיך איבערפרעגן: „גייט סימעלע אויף אַן

אמת, זי עסט? איז דאָס אויף אַן אמת דיין שוועסטערל אָדער דו שפּילסט זיך בלויז אַזוי? אפשר מאכסטו בלויז אַ שפּאַס מיט אונדז?"

מיטן עלטערן ייִנגל דאַרף מען שוין רעדן ערנסטער. פֿאָדערן ער זאָל ווייזן דעם טאַטנס בריוו, באַווייזן, אַז זײַנע דערציילונגען אַנטשפּרעכן נישט שטענדיק צו דעם, וואָס עס איז דאָ אין די לערנביכער און דערציילונגען וועגן די דאָזיקע לענדער, אין וועלכע ס׳געפֿינט זיך כלומרשט דעם ייִנגלס פֿאָטער. אַזאַ „ליגן" קאָן זיך טראַגיש ענדיקן פֿאַרן קינד, ווען ס׳וועט צוריקקומען דער טאַטע, וועלכער איז אינגאַנצן נישט קיין אויסגעטרוימטער העלד, נאָר אַ פּשוטער מענטש. דאָס קינד וועט דורכלעבן אַ שטאַרקע פּסיכישע אויפֿטרייסלונג, ווײַל דער גאַנצער קלאַס וועט אים אויסלאַכן פֿאַר זײַן „ליגן", וועלכן ער האָט געזאָגט אומבאַוווּסטזיניק.

קלענערע קינדער זאָגן אָפֿט „ליגן", ווײַל זיי קענען נישט די וועלט. קליינוואַרג זאָגט: „געפֿונען אַ סך, אַ סך געלט", און דאָס קאָן זײַן 100 גראָשעלעך, דאַקעגן אַ באַנקנאָט פֿון 500 זל. איז פֿאַר זיי בלויז „איין זלאָטע". יעדע מינדסטע גלאַנציקע זאַך איז פֿאַר זיי אַן אומשאַצבאַרער אוצר, דאַקעגן גייען זיי גאַנץ גלייכגילטיק פֿאַרבײַ לעבן אַ ווערטפֿולער זאַך. זייערע אינפֿאָרמאַציעס קאָנען נישט אָנגענומען ווערן פֿאַר אמתע, ווײַל קליינע קינדער האָבן נאָך נישט קיין אמת בילד פֿון דער וועלט. מע טאָר אַלזאָ נישט באַטראַכטן זייערע טעותים פֿאַר ליגנס.

ס׳זענען אָבער פֿאַראַן פּאַקטישע ליגנס. ליגנס, וועלכע קינדער זאָגן, טיילמאָל נישט ווילנדיק, אָבער פֿולשטענדיק באַוווּסטזיניק. טיילמאָל וויל דאָס קינד נישט זאָגן קיין ליגן (דאָס באַציט זיך צו עלטערע קינדער און אונטערוואַקסנדיקע), אָבער די אומשטענדן צווינגען עס דערצו. טיילמאָל שאַפֿט זיך אַרום אַ קינד אַ פֿאַרכישופֿטער קרײַז, דאָס קינד וויל זיך אַרויסרײַסן פֿון אים, אָבער צוליב פֿאַרשידענע סיבות זינקט עס ווײַטער און טיפֿער אין ליגן.

קינדער זאָגן ליגן, ווען זיי זעען אין דער היים, אַז זייערע עלטערן זאָגן ליגן. אַזעלכע פֿאַקטן, ווען דער פֿאָטער זאָגט: „ווען ס׳וועט קלינגען דער ח׳ איקס, זאָג אים, אַז איך בין נישטאָ אין דער היים", אָדער: „איך גיי אין קינאָ. אויב עמעץ וועט זיך פֿרעגן אויף מיר, זאָג, אַז איך בין געגאַנגען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג" — זענען נישט קיין זעלטענע דערשײַנונג. עס טרעפֿט, אַז דער פֿאָטער מיטן קינד באַהאַלטן עפּעס אויס פֿאַר דער מוטער, אָדער דאָס קינד מיט דער מוטער האָבן סודות, וועגן וועלכע ס׳ווייסט נישט דער פֿאָטער. אַזעלכע סודות דערפֿירן אויך צום זאָגן ליגן. כדי דאָס קינד זאָל נישט זאָגן קיין ליגן, דאַרפֿן די דערוואַקסענע פֿון זײַן סביבה נישט זאָגן קיין ליגן. זיי דאַרפֿן האָבן די דרייסטקייט מוהה צו זײַן זיך אין זייערע טאַטן און האַנדלונגען. דאָס קינד דאַרף זאָגן דעם ח׳ איקס: „דער פֿאָטער איז אין דער היים, ער פֿילט זיך אָבער שלעכט און קאָן אײַך נישט אויפֿנעמען", אָדער — דער פֿאָטער איז אין דער היים, אָבער ער האָט זיך פֿאַרמאַכט אין צימער, ווײַל ער ענדיקט אַ וויכטיקע אַרבעט". מיט איין וואָרט, מע דאַרף אָנגעבן די אמתע

סיבה, פאַרוואָס דער פאָטער ווינטשט זיך נישט קיין באַזוכן. דאָס ליגן זאָגן ביי עלטערע קינדער, ווען זיי באַהאַלטן עפּעס באַוווסטזיניק אויס, אָדער זאָגן זאַכן, וואָס שטימען נישט מיט דער ווירקלעכקייט, זאָגט עדות וועגן דעם, אַז אין דער דערציונג פון קינד זענען באַגאַנגען געוואָרן ערנסטע פעלערן. אַ קינד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער אַטמאָספער פון קעגנזייטיקן צוטרוי, ערלעכקייט און אויפריכטיקייט, נאָרט נישט אָפּ, האָט די דרייסטקייט מודה צו זיין זיך אין די באַגאַנגענע טאַטן. עס האָט פּשוט נישט קיין נויטווענדיקייט צו זאָגן ליגן.

עס זאָגן ליגן קינדער, וועלכע ס'דערוואַרט אַ שטראָף אָדער קלעפּ. זיי זאָגן ליגן, כדי אויסצומיידן אומאָנגענעמע קאָנסעקווענצן. זיי זאָגן נישט וועגן די שלעכטע מיינונגען, וואָס זיי האָבן באַקומען אין שול, וועגן פאַקטן פון צעבערעכן עפּעס אַ כלי. וואָס מער שטראָפן און קלעפּ ס'ווערן אָנגעווענדעט אין דער דערציונג פון קינד, אַלץ מער ליגן, תירוצים, נישט אויפריכטיקייט האָבן מיר אין זיין אויפפירונג.

עס געשעעט אויך אַנדערש. טייל עלטערן געמען זיך צופיל איבער צוליב די אומאָנגענעמלעכקייטן, מיט וועלכע עס טרעפן זיך אָן זייערע קינדער. די קינדער, ווידער, וועלנדיק איינשפּאָרן די עלטערן עגמת־נפש — נאָרן זיי אָפּ. זיי מיינען, אַז ס'וועט זיי געלינגען דערפירן דעם ליגן ביז צום סוף. אויף אַזאַ אופן זינקען זיי אַלץ ווייטער אין זייער ליגן זאָגן, און ווען עס דעקט זיך אַלץ אויף, איז שוין טיילמאָל צו שפּעט צו פאַרריכטן די פעלערן. אַ מוטער פון אַ 16־יאָריקער טאָכטער דערציילט:

„מיין טאָכטער האָט זיך שטענדיק גוט געלערנט. אין פאַרגאַנגענעם חודש באַמערק איך, אַז ס'איז עפּעס מיט איר געשען. כ'פרעג זי, זי ענטפערט מיר, אַז זי האָט פון מאַטעמאַטיק באַקומען אַ צוויי. וואָס טוט מען? כ'האָב איר געהייסן בעסער זיך צוגרייטן צום דאָזיקן לימוד, כדי נאָך פאַרן קוואַרטל צו ליקווידירן דעם צוויי. דערנאָך זע איך, אַז דאָס מיידל שלאָפט נישט ביינאַכט. אין דער פרי הייבט זי זיך קוים אויף. זי איז אָנגעכמורעט. כ'פרעג זי, וואָס איז געשען. זי זאָגט, אַז גאָרנישט. איך אַליין בין דאַן געווען קראַנק. איך האָב אַלזאָ אָנגעקלונגען צום קלאַסן־דערציער און געפרעגט, צי ער האָט נישט באַמערקט קיין ענדערונגען אין מיין טאָכטערס אויפפירונג. דער קלאַסן־דערציער האָט געענטפערט, אַז זי באַזוכט נאָרמאַל די שול, לאָזט נישט אַדורך קיין לעקציעס. ס'איז איר אוודאי נישט אָנגענעם צו זאָגן, אַז זי האָט אַ צוויי פון מאַטעמאַטיק. כ'האָב דאַן איבערגעגעבן דעם קלאַסן־דערציער, אַז מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט וועגן צוויי און כ'האָב אים געזאָגט וועגן מיין השערה, אַז זי האָט אוודאי אַנדערע אומאָנגענעמלעכקייטן. אַלזאָ, ס'איז פאַר מיר ווייטער פאַרבליבן נישט אויפגעקלערט די סיבות פון איר דערשלאָגנקייט. אָבער דאָס קינד האָט עפּעס איבערגעלעבט. כ'האָב דייטלעך געזען, אַז זי באַהאַלט עפּעס אויס פאַר מיר. אויף מיין פאָדערונג זי זאָל זאָגן די סיבה, האָט זי מיר לסוף דערקלערט: „כ'האָב דיר מורא צו זאָגן, ווייל דו קאָנסט נאָך

באַקומען אַן אַטאַק. כ'וועל זיך אליין אן עצה געבן און דאן דיר דערציילן". מיין ענטפער דערויף איז געווען: „כ'צווייפל, צי דו וועסט זיך אַליין אַן עצה געבן, ווייל דו עסט נישט און שלאָפסט נישט. ביי אזא נערוועזן צושטאַנד וועסטו גאָרנישט אויפטאָן". זי האָט מיר דאן אנטפּלעקט דעם סוד, אז זי האָט נאָך 2 צווייען. כ'בין זיך מודה, אז ס'האָט מיך דערשיטערט, ווייל קיינמאָל איז אזעלכעס נישט געווען. אָבער כ'האָב עס איר נישט געגעבן צו דערקענען, פאָרלייגנדיק בלויז, אַז זי זאָל בעסער עסן און מער שלאָפן, ווייל אין קעגנפאַל וועט זי נישט קאָנען ליקווידירן די שלעכטע מיינונגען. דערפון, וואָס זי האָט זיך מודה געווען, האָט זיך ביי איר תיכף פארבעסערט די שטימונג, צוריקגעקערט דער אפעטיט און דער שלאָף. ביזן קוואַרטל איז איר געלונגען צו פאַרריכטן אַלע צווייען".

איך וויים, אַז ס'איז שווער זיך איינצוהאלטן פון זאָגן מוסר, שטראָפן אָדער אָנווייזן אויף די פעלערן. אָבער די דאָזיקע מוטער האָט ריכטיק געהאַנדלט, וואָס זי האָט בארואיקט דאָס מיידל. די שרעק פון פארשאפן צער איר מוטער האָט זי געצוווּנגען אויסצובאַהאַלטן די צווייען. איר פּסיכישער צושטאנד איז געווען א רעזולטאַט דערפון, וואָס זי איז נישט געווען צוגעוווינט צו זאָגן ליגן און האָט צוליב דעם געליטן. דאָס, וואָס זי האָט זיך פאַרטרויט דער מוטער, האָט דעם מיידל צוריקגעקערט די גלייכגעוויכט און דעם ווילן פּטור צו ווערן פון די צווייען.

אָפטער געשעט אָבער אנדערש. דאָס קינד באהאלט אוים פאר זיינע עלטערן די אומאָנגענעמלעכקייטן פון שול. עס נארט פּשוט אָפּ, מורא האָבנדיק פאר אַ שטראָף, קלעפּ, אָדער נישט וועלנדיק מצער זיין די עלטערן. אזא צושטאַנד איז פאַרן קינד א זייער נישט קיין אָנגענעמער. דאָס קינד האָט מורא, אַז זיין זינד וועט אויפגעדעקט ווערן. עס מאכט אלזאָ א ריי נייע פאלשע שריט, כדי אויסצובאהאלטן דעם אומאָנגענעמען פאַקט. דאָס קינד מיינט, אַז ס'וועט ווי עס איז געפינען אַן אויסוועג פון דער סיטואציע, אַז ס'וועט זיך אליין ווי ס'איז אן עצה געבן. ס'געשעט אויך אַנדערש. דאָס קינד ווייסט, אז ס'וועט אים נישט געלונגען אויסצובאַהאַלטן זיין שולד, אָבער עס וויל דעם דאָזיקן מאָמענט אלץ מער דערווייטערן פון זיך. די שרעק איז אַזוי גרוים, אַז דאָס קינד נעמט אָן אַ ריי שריט, נישט ריכטנדיק זיך שוין מיטן שכל, נאָר מיט דער פּאנישער שרעק.

די געוווינהייט צו זאָגן ליגן אנטשטייט ביים קינד צוליב דער שלעכטער, פעלערהאַפטער דערציונג. שולדיק דערין זענען די עלטערן, וועלכע לערנען די קינדער דורך זייער שלעכטע ביישפּילן, דורך אָנווענדן שטראָפן, קלעפּ, אָדער דורך זייער קרענקלעכן רעאַגירן אויף דעם קינדס דורכפאַלן. דאָס אַלץ פירט אין רעזולטאַט צום שטענדיקן, שוין איינגעוואָרצלטן זאָגן ליגן.

וועגן אַ נישט דרייסט קינד

אַ מוטער האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע: „וואָס טוט מען מיט אַ נישט דרייסט קינד. עס איז שוין אַן עלטער מיידעלע, גייט אין אַ העכערן קלאַס פון דער גרונט־שול און האָט נישט קיין דרייסטקייט אין פאַרקער מיט מענטשן. דאָס שטערט איר אין לעבן". דאָס מיידעלע איז צוליב אַ קראַנקייט געווען צוגעשמידט אַ לענגערע צייט צום בעט אין שפּיטאָל. זי קאָן זיך אַליין נישט באַדינען, מוז כסדר אָנקומען צו יענעמס הילף. און דאָ טרעט ארויס איר נישט דרייסטקייט. זי וואָגט נישט צו פאַרנעמען מיט איר פּערזאָן די פלעגערין אָדער שפּיטאָל־רוימערין.

„צי האָט זי ווען ס'איז אָנגעטראָפן אויף אַ נישט העפלעכן ענטפער פון שפּי־טאָל־פּערסאָנאַל און דאָס זאָל האָבן אויף איר אַזוי געווירקט זי זאָל זיין נישט דרייסט?" — פרעג איך. „ניין. דער פּערסאָנאַל באַציט זיך זייער פריינדלעך צו דער קליינער, דערפילט גערן אַלע אירע ווונטשן. דאָס קינד איז פשוט נישט דרייסט זיך צו ווענדן".

דאָס מיידעלע בלייבט אָבער נישט אָן אויפזיכט, ווייל שטענדיק ווענדעט זיך עמעצער אין איר נאָמען צום פּערסאָנאַל, עמעצער פון די קראַנקע, צו וועלכע די קליינע האָט אַ גרעסערע דרייסטקייט, און ווען זי דערציילט וועגן אירע באַדער־פעניש. אויך די מאַמע האָט געבעטן דעם פּערסאָנאַל, אַז מע זאָל זיך אָנפרעגן אָפט ביים קינד, צי דאַרף זי עפּעס נישט.

ווען די מוטער האָט געפרעגט די טאָכטער, פאַרוואָס זי איז נישט דרייסט, האָט יענע געענטפערט, אַז דער פּערסאָנאַל איז שטענדיק פאַרנומען, פאַריאָגט. זי וואָגט פשוט נישט צו פאַרנעמען עמעצן פון זיי מיט איר פּערזאָן.

דאָס קינד איז בלי ספק גוט דערצויגן. איך מיין, אַז דער ביישפּיל פון נישט אָנוואַרפן זיך יענעם, פון נישט מאַכן פון דער אייגענער פּערזאָן קיין צענטער פון אויפמערקזאַמקייט, האָט די קליינע אַרויסגעטראָגן פון שטוב. דאָס איז אומבאַ־דינגט אַ גוטער שטריך, וואָס פאַרלייכטערט מענטשן דאָס לעבן. אָבער... „וואָס צו פיל, איז אומגעזונט". נישט שטענדיק וועט זיך דאָס קינד קאָנען געפינען עמעצן, וואָס וועט זיך מיט אים פאַרנעמען, נישט שטענדיק וועט זיך דער פּערסאָנאַל דער־מאָנען אין קינד צוליב דער מאַסע אַרבעט. צוגלייך אַלזאָ מיט באַשיידנקייט דאַרף זיך דאָס קינד לערנען צו קאָנען מאָנען זיך דאָס, וואָס עס קומט אים.

דער קליינער דאַרף מען אויפקלערן און געבן צו פאַרשטיין, אַז זי זאָל קאָנען פאַנאַנדערקלייבן זיך צווישן די פאַרשידענע פּראָבלעמען, וועלכע פון זיי זענען מער וויכטיקע און וועלכע ווייניקער וויכטיקע. דאַן וועט זי געפינען מוט צו פאָדערן, וואָס עס קומט איר. צום ביישפּיל, אַז ס'איז זייער וויכטיק, מע זאָל איר געבן עסן, דערלאַנגען באַצייטנס די כלי, מאַכן די איינשפּריצונג אדגל. אַז ס'איז ווייניקער

ווילמיק, מע זאָל איר געבן אַ שפּילעכל אָדער אַ ביכל אָדער ענטפערן אויף אַ פראַגע, וועלכע אינטערעסירט זי זייער.

מיר דאַרפן אויסלערנען אַן עלטער קינד צו קאָנען אונטערשיידן, וועלכעס קינד ליידט באמת און נייטיקט זיך אין דער הילף פון דער פלעגערין מער פון אים, און וועלכעס קינד איז בלויז צעבאַלעוועט דורך דער סביבה, און פון וועלכן עס האָט רעכט אַוועקצורופן די פלעגערין צו זיך.

נישט־דרייסטקייט איז זייער אַ פייגלעכער שטריך פאַר אַ קינד. אויב עס וועט זיך נישט באַפרייען פון דער דאָזיקער שוואַכקייט אין דער קינדהייט, וועט דאָס קינד אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן גרעסערע שוועריקייטן. עס וועט אים נאָך ערגער זיין, ווען דער דאָזיקער שטריך וועט ביי אים אויך בלייבן שוין אין רייפן עלטער.

אַ נישט דרייסטער מענטש ווערט אָפט פאַלש פאַרשטאַנען ווי אַן אָפּאַרטוניסט, אונטערלעקער אד״גל. אַזאַ מיינונג באַעוולהט אים, און די נישט־דרייסטקייט שטערט אים אַרויסצוטרעטן מיט זיין ריכטיקער שטעלונג און פאַרטיידיקן זי.

אָט פאַרוואָס מיר דאַכט זיך, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די קליינע, וועגן וועלכער ס׳איז דאָ דערציילט געוואָרן, איז אונדז גאַנץ סימפּאַטיש, דאַרפן אָבער די עלטערן איר אויפקלערן, נישט בלויז וועלכע פליכטן זי האָט, נאָר נאָך מער, וועלכע רעכט זי האָט אין איר עלטער און איר צושטאַנד.

וועגן איינאונאיינציקע קינדער

עס זענען ביי אונדז פאַראַן פיל איינאונאיינציקע קינדער. מע קאָן אויך אָבסערווירן די דערשיינונג פון כמו־בני־יחידים, ד. ה. ווען דער אונטערשייד פון עלטער צווישן די קינדער איז אַ גרויסער, דערגייט ביז 10 יאָר. דאָס ערשטע קינד איז נאָך געבוירן פאַר דער מלחמה אין 1938—1939 און דאָס צווייטע נאָך דער מלחמה אין 1947—1948. יעדעס פון די דאָזיקע קינדער פילט זיך אַלס בן־יחיד. דאָס ערשטע קינד — ווייל עס איז אַ לענגערע צייט געווען אַן איינאונאיינציקס, דאָס צווייטע, ווייל דער אָפּשניט־צייט צווישן אים און זיין עלטערן ברודער אָדער שוועסטער איז אַזאַ גרויסער, אַז ער פילט זיך ווי אַ בן־יחיד.

און ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז היינט צו טאָג, אין די באַדינגונגען פון פאָלקס־פוילן, זענען די דערציונגס־שוועריקייטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן פאַקט, וואָס דאָס קינד איז אַן איינאונאיינציקס, נישט קיין אָפטערע דערשיינונג, ווי צ. ב. עקשנות, דאָס אַרונטערפאַלן אונטער שלעכטע איינפלוסן, די נישטפעיקייט צו אָרגאַניזירן די אַרבעט, די שלעכטע פאָרשריטן אין דער לערע אד״גל. ס׳זענען מיר באַקאַנט צענדליקער פאַלן, ווען איינאונאיינציקע קינדער, דערצויגענע אָן אַ פאָ-

טער, זענען דער שטאָלץ פון דער מוטער, פון דער שול. זיי באַמיען זיך צו פאַר־לייכטערן דער מוטער אירע שטוביקע פליכטן, העלפן איר פאַרדינען. עס פּאַסירט אָבער אויך דאָס פאַרקערטע. עס זענען פאַראַן עטלעכע קינדער און די מוטער פאַלט אונטער דער לאַסט פון דער אַרבעט, ווייל קיינער, נישט דער מאַן און נישט די קינדער העלפן איר נישט צו.

לאָמיר זיך פאַרטראַכטן, פאַרוואָס איז שווער גוט צו דערציען אַן איינאונ־איינציק קינד. אויף וואָס פאַראַ שוועריקייטן טרעפן אָן די עלטערן?

וועגן דעם האָט זייער דייטלעך געזאָגט מאַקאַרענקאָ אין זיין בוך „דערציונג אין דער משפחה“. „...אַ זייער וויכטיקער פאַקטאָר איז אויך דער צוזאַמענשטעל גופא פון דער משפחה, איר סטרוקטור, וועלכע איז ביז אַ געוויסער שטופע אָפּ־הענגיק פון אונדז אַליין. מע קאָן צ. ב. אַנטשלאָסן פעסטשטעלן, אַז ס'איז פיל שווערער צו דערציען אַ בן־יחיד, אָדער בת־יחידה, איידער עטלעכע קינדער. אויב אפילו די משפחה געפינט זיך אין שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, דאַרף מען זיך נישט באַגנוגענען מיט איין קינד.

איין קינד אין דער משפחה ווערט זייער לייכט דער הויפּט־צענטער פון אויפמערקזאַמקייט (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — אי. מ.). דער פאָטער און די מוטער זאָרגן זיך פאַר אים מער, ווי ס'איז נייטיק, זייער ליבע צייכנט זיך אויס מיט אַ געוויסער נערוועזקייט. אַ קראַנקייט אָדער אַ שווערער אומגליקספאַל מיטן קינד איז פאַר אַזאַ משפחה זייער אַ שווערע איבערלעבונג און שטויסט זי פולשטענדיק אַרויס פון גלייכגעוויכט.

זייער אָפט געוויינען זיך צו דער בן־יחיד, די בת־יחידה צו זייער פריווילעגיר־טער לאַגע אין דער משפחה און זיי ווערן אמתע טיראַנען (אונטערגע־שטראָכן דורך מיר — אי. מ.). די עלטערן איז שווער צו צוימען זייערע געפילן און נישט ווילנדיק דערציען זיי אַן עגאָיסט.

בלויז דאָרט, וווּ אין דער משפחה זענען פאַראַן עטלעכע קינדער, קאָן די אויפזיכט פון די עלטערן טראָגן אַ נאָרמאַלן כאַראַקטער. אין אַ גרויסער משפחה געוויינט זיך צו דאָס קינד פון די פריסטע יאָרן צו לעבן אין אַ קאָלעקטיוו און איינגט זיך צו די פעיקייט פון צוזאַמענלעבן. צווישן די עלטערע און ייִנגערע קינ־דער קומט אויף אַ ליבע און פריינדשאַפט אין פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען. דאָס לעבן אין אַזאַ משפחה גיט דעם קינד די מעגלעכקייט צוצוגעוויינען זיך צו פאַר־שידענע פאָרמען פון באַציונגען צווישן מענטשן. די קינדער געפינען זיך אין לעבנס־סיטואַציעס, וועלכע זענען אומבאַקאַנט אַ בן־יחיד: די ליבע צו די עלטע־רע און ייִנגערע שוועסטער און ברידער, די געלעגנהייט זיך צו טיילן מיט עפּעס, אויסצודריקן מיטגעפיל. אין אַ גרויסער משפחה געוויינט זיך צו דאָס קינד אויף יעדן שריט, אפילו בעתן שפּילן זיך, צו לעבן אין אַ קאָלעקטיוו“.

א. מאַקאַרענקאָ האָט אַרויסגעהויבן די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער דערציונג פון איינאונאייציקע קינדער, מאָמענטן, וועלכע בילדן אויס אינעם כאַראַקטער פון בן־יחיד די שטריכן, וועלכע באַשווערן אים אין דער צוקונפט צו לעבן און מיטצואַרבעטן מיט קינדער און ווען ער וועט אונטערוואַקסן — אויך מיט דערוואַקסענע מענטשן. דער בן־יחיד מיינט, אַז ער איז דאָס וויכטיקסטע אויף דער וועלט, ער טיראַניזירט די סביבה. פונדאַנען שטאַמען זיינע שוועריקייטן, ווען ער באַגעגנט זיך אין קאָלעקטיוו מיט אַנדערע קינדער. אויב עס געלינגט נישט דעם בן־יחיד צו פאַרנעמען אין דער פאָרשול, אָדער אין שול דאָס ערשטע אָרט, צו וועלכן מען האָט אים צוגעוווינט אין דער היים, פּרוווט ער זיך אויסקעמפן אַן אָנזעעוודיק אָרט מיט דער הילף פון טעראָר און געוויין, דורך שלאָגן אַנדערע אד״גל. עס געשעט אויך, אַז ער ברעכט זיך איין, הערט אויף צו גלייבן אין זיינע מעגלעכקייטן, לאָזט זיך אָפּ אין דער לערע, מיידט אויס חברה.

די דערציערינס אין דער פאָרשול, די לערער אין דער שול באַקלאָגן זיך פון אָנהייב אָפּט אויף די איינאונאייציקע קינדער, אָבער אויב זיי באַגעגענען זיך מיט דער פאַרשטענדעניש פאַר זייער אַרבעט מצד די עלטערן, ווירקן זיי געמיינזאַם אויפן בן־יחיד, און האָבן אַן איינפלוס אויף זיין שטימונג און כאַראַקטער. דאָס קינד לערנט זיך לעבן אין אַ קאָלעקטיוו פון חברים, וועלכע פאַרטרעטן אים שוועסטער־ברודער, עס הערט אויף צו טיראַניזירן דעם אַרום, אָרדנט זיך אונטער די געזעצן פון קאָלעקטיוו, לערנט זיך זיין דיסציפּלינירט אד״גל.

די עלטערן, וועלכע האָבן אַ בן־יחיד און קאָנען אים געבן צו פילן, אַז ער איז נישט די איינציקע פאַראינטערעסירונג אין זייער לעבן, אַז די פּראָפעסיאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט זענען אויך זייער וויכטיקע מאָמענטן אין זייער לעבן; די עלטערן, וועלכע דערלויבן נישט, אַז דער בן־יחיד זאָל זיי טיראַניזירן, און קאָנען פאַר אים געפינען אַ געזעלשאַפט פון קינדער צווישן די שכנים, אָדער שיקן אים פון די ייִנגסטע יאָרן אין אַ פאָרשול, האָבן נישט קיין שוועריקייטן, און דאָס פשוט דערפאַר, וואָס עס איז זיי געלונגען צו שאַפן פאַר זייער איינאונאייציקן קינד באַדינגונגען נישט פון אַ „בן־יחיד“, נאָר פון אַ קינד, וואָס ווערט דערצויגן אין אַ משפחה.

אויב מיר וועלן באַווייזן צו באַהערשן אונדזערע געפילן צום קינד און מיט פאַרשטענדעניש צו אים זיך באַציען, שאַפנדיק פאַר אים אַזעלכע דערציונגס־באַדינגונגען, וועלכע וועלן אוממעגלעך מאַכן, אַז עס זאָלן אַנטשטיין אין אים די נעגאַטיווע שטריכן פון אַ „בן־יחיד“, אויב מיר וועלן זיך באַמיען, אַז ער זאָל פון די ייִנגסטע יאָרן אויפוואַקסן אין אַ קאָלעקטיוו פון קינדער, וועט ער זיך בלויז פילן אַלס איינער פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, ווי איינער פון פיל, אָבער נישט אַלס דער איינאונאייציקער און דער בעסטער.

„ווּנדער־קינדער“ אָדער וועגן באַזונדערס באַגאַבטע קינדער

ס'איז פאַראַן אַ ווייסרוסיש ווערטל: „אַלע קינדער זענען קלוג, אָבער פון־וואַנען נעמען זיך אַזויפיל נאַראָנים צווישן דערוואַקסענע?“.

ענטפערס קאָנען זיין פאַרשידענע. די קינדער זענען גאָרנישט אַזוי קלוג, ווי עס דאַכט זיך אונדז, די דערוואַקסענע.

דער צווייטער ענטפער — די קינדער האָבן זיך שלעכט אַנטוויקלט, ווייל מען האָט זיי שלעכט דערצויגן. מע זאָגט ביי אונדז אָפט: געבליבן ביים קינדערישן שכל.

ביידע ענטפערס זענען ריכטיקע. מיר אַנטציקן זיך אַזוי שטאַרק מיט אונדזערע קינדער, אַז מיר קאָנען זיי נישט צוליב אונדזער באַגייסטערונג ווי געהעריק דערציען.

אַ געוויסע מוטער ווענדעט זיך צו מיר מיט אַזאַ פראַגע: זי האָט אַן אויסערגעוויינלעך פעיק קינד. עס טאַנצט זייער שיין אין פאָרשול. עס נעמט אָנטייל אין אַלע פאַרשטעלונגען פון שטעטל. די מוטער האָט איר אויפגענייט אַ ספּעציעל קלייד צום טאַנצן, פונקט ווי פאַר אַ דערוואַקסענער טענצערין. דאָס קינד האָט ליב די בינע, די אַפּלאָדיסמענטן, דעם צושויער־זאַל. עס טרוימט צו ווערן אַ טענצערין.

מען דאַרף נישט זיין קיין נביא, כדי מיט דער גאַנצער זיכערקייט פעסטצושטעלן, אַז ס'איז אַ גרויסער צווייפל, צי פון קינד וועט אויסוואַקסן אַ טענצערין. און שולדיק דערין וועט קודם־כל זיין די מוטער, וועלכע האָט מיט איר נישט געהעריקער דערציונג „צעטומלט דאָס קינד“.

אויף וואָס פאַר אַ סמך זאָג איך עס?

ע ר ש ט נ ס, אַ קינד אין פאָרשול־עלטער טאַנצט זייער אָפט שיין און מיט פיל חן. פאַרשטייט זיך, אַז די מוטער אַנטציקט זיך מיט דעם, עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס קינד איז אויסערגעוויינלעך פעיק, אָבער דאָס דאַכט זיך בלויז דער מוטער, און דאָס הייסט נישט, אַז ס'איז ווירקלעך אַזוי. די דערוואַקסענע, וועלכע זענען אָנוועזנד אויף די אויפטריטן פון קינד, געפעלט ווירקלעך דער קינדערישער חן פון דער קליינער. און די מוטער ווערט אַזוי פאַרבלענדט, אַז זי רעכנט זיך נישט מיט דער מיינונג פון פערסאָנאַל פון דער פאָרשול אָדער שול, וועלכער קאָן זיין מאָסנעביק אין דער דאָזיקער פראַגע, ווייל האָבנדיק אונטער דער אויפזיכט פיל קינדער, איז ער מער בכוח אָפּצושאַצן די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פון קינד.

צ ו ו י י ט נ ס, ס'איז אַ גרויסער ספק, צי אַ קליין קינד טרוימט צו ווערן אַ טענצערין, צי עס קאָן שוין ליב האָבן אַפּלאָדיסמענטן, דעם צושויער־זאַל, די בינע. דאָס זענען גיכער דער מוטערס געפילן, וועלכע זי רעדט איין דיזר קליינער טאָכ־

טער. די קליינע קאָן ליב האָבן, ווען מע טיילט זי אויס, זי קאָן זיך פרייען דערמיט, וואָס מע ווייזט איר אַרויס אויפמערקזאַמקייט, אָבער זי וואָלט זיך אוודאי בעסער געוואָלט שפּילן אין פאָרשול מיט חברטעס, איידער אַרויסטרעטן אין די אָוונטן אויף פאָרשטעלונגען.

דאָס צופיל לויבן פעיקע קינדער ברענגט אין אַלגעמיין פיל שאָדן, ווייל צוליב די לויב=רייד ווערט דאָס קינד איבערגעפירט, הייבט אָן צו גלייבן אין זיינע אויסערגעווינלעכע פעיקייטן. עס דאַכט זיך אים, אַז עס איז עפּעס מער פון זיינע חברים.

פעיקייטן זענען דער גרונט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ טאַלאַנט, אָבער אָן שווערע און לאַנגע איבונגען, אָן סיסטעמאַטישער, כסדרדיקער אַרבעט וועט זיך קיין שום טאַלאַנט נישט אַנטוויקלען. קינדער, וועלכע מע לויבט צו פיל, הייבן אָן צו גלייבן אין זייערע אויסערגעווינלעכע פעיקייטן, זיי קאָנען זיך שפּעטער נישט צופּאַסן צו די איבונגען, צו סיסטעמאַטישער אַרבעט. עס מאַכט זיי מיד יעדער אָנשטרענג, זיי קאָנען זיך נישט צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון די לערער. פאַרשטייט זיך, אַז די שולר זוכן זיי נישט אין זיך, נאָר אין די באַדינגונגען, אין די לערער. זיי האַלטן, אַז מע דערשאַצט זיי נישט, אַז זיי זענען קרבנות פון קנאה. זייער אָפּט זענען זיי נישט צופרידן פון לעבן, זענען דערשלאָגן און אומעטיק. אויף צו באַצייכענען אַזעלכע מענטשן איז אפילו פאַראַן אַ ספּעציעלער אויסדרוק: „אַ נישט אָנערקענטער טאַלאַנט“.

וויאַזוי דאַרף מען אַלזאָ דערציען אַ קליין טאַלאַנטירט קינד? קודם=כל דאַרף מען עס אין פאָרשול=עלטער נישט אויסטיילן.

מע דאַרף אויך נישט מיסברויכן מיט דעם קינדס אינדיווידועלע אויפטריטן. עס דאַרף אָנטיילנעמען אין די קאָלעקטיווע אויפטריטן פון זיין גרופּע.

ווען דאָס קינד ווערט עלטער, דאַרף מען זיך דערוויסן, צי ס'זענען פאַראַן פּאַסיקע שולן פאַר אים. מוזיק=שולן זענען פאַראַן פאַר קינדער פון 7 יאָר אָן. דאַקעגן באַלעט=שולן זענען באַשטימט פאַר עלטערע קינדער, פון 9 יאָר אָן. דאָ זענען שוין נייטיק קענטעגישן פון עטלעכע קלאַסן, און דאָס קינד דאַרף שוין האָבן די געוווינהייט צו אַרבעט און לערנע.

די עלטערן, וועלכע ווילן בילדן זייערע קינדער פאַר אַרטיסטן, דאַרפן זיי קודם=כל צוגעווינען צו אַרבעט, צו אויסדויער, זיי דאַרפן איינפלאַנצן אין זיי די פעיקייט צו באַזיגן שוועריקייטן. מע דאַרף וואָס ווייניקער לויבן די קינדער אין זייער אָנוועזנהייט, לערנען זיי באַשיידנקייט, נישט אַרויסרוקן זיי אין דער עפנטלעכקייט.

דאַן ערשט וועלן די עלטערן האָבן די זיכערקייט, אַז זיי האָבן געשאַפן אַלע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון זייער קינדס טאַלאַנט. דאָס איבעריקע,

דאָס אויסבילדן דעם טאַלאַנט, דאָס דערמעגלעכן די לערע אין אַן אַנטשפּרעכנדיקער שול, וועט שוין זיין נישט אַזוי שווער. מיר לעבן דאָך אין פאָלקס־פּוילן, וווּ יעדער טאַלאַנט האָט אַלע מעגלעכקייטן זיך אַלזייטיק צו אַנטוויקלען.

וויאַזוי ווינטער־צייט אָנטאָן קינדער

ס'איז קלאָר, אַז די מלבושים דאַרף מען צופּאַסן אינדיווידועל צו יעדן קינד, אַנדערש וועלן מיר אָנטאָן אַ ייִנגער קינד, אָדער אַ שוואַך קינד, אַנדערש אַן עלטערס און געזונט קינד. אָבער די פּרינציפּן זענען דאָך אין אַלגעמיין די זעלבע. וואָס מער מיר וועלן זיי אָפּהיטן, אַלץ מער וועלן מיר זיין זיכער, אַז אונדזערע קינדער וועלן זיין געזונט, שטאַרק און מונטער.

דער ערשטער און וויכטיקסטער פּרינציפּ איז נישט אָנצופּאַקן אויפן קינד צו פיל זאַכן. אונדזערע מוטערס האָבן אַ טבע אָנצוטאָן דעם קינד עטלעכע סוועטערס, רייטוזן, אַ שאַליק, 2 פּאָר הענטשקעס אד"גל. זיי מיינען, אַז זיי מוזן אַזוי אָנטאָן דאָס קינד ווייל אַנדערש וועט עס זיך צוקילן.

וואָס איז דער רעזולטאַט דערפון?

דאָס קינד ווערט פאַרשוויצט און אַזוי אַרום פאַרקילט עס זיך. די זאַכן קרעמפּירן דאָס קינד. עס קאָן נישט אַ לויף טאָן, זיך פריי באַוועגן. דאָס קינד מוז מען אַלזאָ אָנטאָן אַזוי, אַז עס זאָל זיך קאָנען יאָ פריי באַוועגן. דערביי דאַרף מען אַכטונג געבן, אַז עס זאָל זיך נישט פאַרשוויצן אָדער מיד ווערן.

בעת אַ קאַלטן וועטער טוען מיר אָן דאָס קינד אין איין סוועטער. בעת אַ פראָסט גיבן מיר צו אַ וואַרעם העמדל. אָנשטאָט אַ שאַליק איז בעסער אָנצוטאָן אַ פאַלטן מיט אַ קאָלנער, וועלכן מע קאָן אויפשטעלן, ווען ס'איז קאַלט. בעת אַ פראָסט דאַרף מען פאַרשטעלן די אויערן. דער פאַלטן דאַרף נישט זיין קיין לאַנגער, ווייל ער וועט נישט פאַרזיכערן דאָס קינד, אַז ס'זאָל אים נישט אַרונטערבלאָזן די קאַלטע לופט, נאָר וועט אים גיכער שטערן זיך פריי צו באַוועגן. צום בעסטן איז אָנטאָן אַ קינד פומפּעס, לאַנגע הויזן, וועלכע נעמען אַרום די פיס, ש'צן דאָס קינד פאַר קעלט און שאַפן אים דאָס געפיל פון לייכטקייט און פרייקייט זיך צו באַוועגן.

דער צווייטער פּרינציפּ; אַ קינד טאָר נישט טראָגן אויף זיך קיין שום זאַך, וואָס זאָל האַמעווען זיין בלוט־צירקולאַציע; מע דאַרף אים נישט אָנטאָן קיין שום שמאָלע גומעס. ייִנגערע קינדער טראָגן אַ סטאַניק, צו וועלכן ס'זענען צוגענייט גומעס, עלטערע קינדער — לויזע פּאַסקעס, אָבער זיי טאָרן קיינמאָל נישט טראָגן אויף די פיס קיין גומעס. מע דאַרף אויך קאָנטראָלירן, אַז די גומע זאָל נישט איינשניידן אין בויך. דאָס איז אויך זייער שעדלעך, באַזונדערס ווינטער־צייט.

הענטשקעס דאַרף מען אָנטאָן וואַרעמע, צוּמבעסטן וואָלענע מיט איין פינגער, ווייל זיי זענען וואַרעמע. די פינגער קאָנען זיך אין זיי פריי באַוועגן און דאָס קינד קאָן מיטן הענטל אָננעמען אַלץ, וואָס עס וויל נאָר. ווען מיר גייען צו צו די הענטשקעס פון די יינגערע קינדער אַ טאַשמע, כדי זיי זאָלן זיי נישט פאַרלירן, דאַרפן מיר שטענדיק קאָנטראָלירן, צי די טאַשמע איז נישט צו לאַנג, אָדער צו קורץ. סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע איז שעדלעך, ווייל זיי שטערן דעם קינד פריי זיך צו באַוועגן.

שיך זענען זייער אַ וויכטיקער טייל פון קינדס קליידונג. קינדער פאַרקילן זיך זייער אָפט נישט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נישט אָנגעטאָן דריי סוועטערס אָדער עטלעכע פּאָר הייזלעך, נאָר דערפאַר, וואָס די עלטערן האָבן נישט געלייגט קיין אכט אויף די שיך. די שיך מוזן האָבן דיקע זוילן, כדי צו איזאָלירן די פיס פון דער פאַרפרוירענער ערד. די שיך דאַרפן זיין ברייטע, באַקוועמע, כדי דעם קינדס פיס זאָלן נישט פרירן אין זיי. ס'איז דאָך באַוווּסט, אַז אין ענגע שיך פרירן די פיס, און קלענערע קינדער וויינען טיילמאָל, נישט קאָנענדיק באַצייכענען די סיבה פון זייערע ליידן. די שיך דאַרפן זיין פון אַ גרעסערער מאָס, כדי עס זאָל אַהין אַריינגיין אַ פּאָר וואָלענע שקאַרפּעטן, וועלכע מיר טוען אָן די קינדער בעת אַ פראָסט.

מיר מוזן אינדערהיים פירן אַ קאַמף מיט אונדזערע אונטערוואַקסנדיקע קינדער, אַז זיי זאָלן צו דער צייט אָנטאָן זאָקן. אַזעלכע אַרגומענטן, ווי „מען וועט פון מיר לאַכן אין קלאַס“, „קיין שום מיידל טראָגט נישט קיין זאָקן“, אָדער „אַלע יינגלעך טראָגן נאָר שקאַרפּעטן“ דאַרפן אונדז נישט איבערצייגן. אויב ס'האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן צו פאַרהאַרטעווען די קינדער בעת זיי זענען געווען קליין, דאַרף מען עס טאָן זייער פאָרזיכטיק בעת זיי זענען אין איבערגאַנגס-עלטער. איך שטרייך דאָס ספּעציעל אונטער, נישט וועלנדיק דעמאָביליזירן די עלטערן, וועלכע קעמפן מיט זייערע אונטערוואַקסנדיקע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך אָנטאָן וואַרעם.

ווען עס ווערט ביי אונדז קראַנק אַ קינד

די שווערסטע מאָמענטן אין אונדזער לעבן, די גרעסטע שוועריקייטן האָבן מיר דאַן, ווען אַ קינד ווערט ביי אונדז ערנסט קראַנק און אויף לאַנג. אַלץ פאַלט אונדז פון די הענט. מיר פאַרלירן דעם קאָפּ. אָבער טאַקע אין דאָזיקן מאָמענט איז זייער וויכטיק איינצוהאַלטן די גלייכגעוויכט, האַנדלען לאָגיש. אַזוי אַרום וועלן מיר פאַרשנעלערן דאָס געזונט-ווערן פון קינד. ווען אַ קינד ווערט קראַנק, טרעט שאַרפער אַרויס אונדזער פיזישע פאַרבינדונג מיטן קינד. מיר זענען אָבער

מענטשן, און מיר מוזן קאָנען הערשן איבער אונדזערע אינסטינקטן, און דאָס וויכטיקסטע, געדענקען, אַז דאָס וועט זיין לטובת אונדזערע קינדער.

מע דאַרף אַלזאָ, קודם־כל, נישט שאַפן אַרום קראַנקן קינד עפּעס אַ ספּעציעלע אַטמאָספער. אויב דאָס קינד איז ערנסט קראַנק און איז שטאַרק עמפּינדלעך, וועט אַזאַ אַטמאָספער, וועלכע שטרייכט אונטער זיין צושטאַנד, אַרויסרופן ביי אים אַ דערהדריקטע שטימונג. אַ דערהדריקטע שטימונג איז נישט קיין געווונטשענער פּסיכישער צושטאַנד. אויב אָבער די קראַנקייט איז נישט קיין ערנסטע, קאָנען די קינדער אויסגעצייכנט אויסנוצן אַזאַ אַטמאָספער און אויסמאַטערן די עלטערן. עס קומען דאַן אויף קאַפּריזן, פאָדערונגען, דאָס אָנוואַרפן דעם אייגענעם ווילן דעם גאַנצן אַרום.

יונגע, נישט דערפאַרענע מוטערס שרעקן זיך צומערסטן פאַר אַ הויכער טעמפּעראַטור ביים קינד. נישט דאָס אָבער איז דאָס געפערלעכסטע בעת אַ קראַנקייט. קינדער זענען מער פון דערוואַקסענע געוויינט צו האָבן היץ.

דער עיקרדיקער פּרינציפּ, ווען אַ קינד איז נישט געזונט, איז גיין מיט אים צום דאָקטער. מיר דאַרפן עס אַליין נישט היילן. ביי אונדזערע מוטערס איז אָנגענומען, אַז ווען דאָס קינד באַקלאָגט זיך אויפן בייכל, גיט מען אים ריצנאייל. אויב עס איז אַן אָנצינדונג פון דער בלינדער קישקע, קאָן אַזאַ מיטל ברענגען צום טויט און מע דאַרף דעריבער עס נישט אָנווענדן אָן אַ דאָקטער.

וואָס דאַרף מען טאָן, ווען אַ קינד ווערט קראַנק?

מע דאַרף אַלזאָ, איידער ס'קומט דער דאָקטער, אַריינלייגן דאָס קינד אין בעט און איזאָלירן עס פון דער אַרומיקער סביבה. מע דאַרף אויך אויסטיילן פאַר אים באַזונדערע כלים, כדי אויסצומיידן די מעגלעכקייט פון אָנשטעקן זיך, ווייל די קראַנקייט קאָן דאָך זיין אַן אָנשטעקנדיקע.

אַרום קינד דאַרף געשאַפן ווערן אַ רואיקע און הייטערע שטימונג, מיר טאָרן נישט רעדן אין זיין אָנוועזנהייט וועגן דער געפאַר פון קאָמפּליקאַציעס, וועלכע דראָען אים, וועגן קריזיס, וועלכן עס דאַרף אַדורכמאַכן. אַ קינד האָט מורא פאַר אומפאַרשטענדלעכע זאַכן. עס גיבן זיך אים איבער אונדזער אומרו און מורא קליינע קינדער זענען זייער עמפּינדלעך. לויט אונדזער מימיק פון פּנים, לויט אונדזערע באַוועגונגען, דערקענען זיי אונדזערע געפילן און געדאַנקען. ווען מיר זענען רואיק — זענען די קינדער רואיק. אונדזער דענערווירונג פאַרערגערט בלויז דעם קינדס צושטאַנד, ווייל עס איז גורם, אַז עס זאָל ווערן אומרואיק, נערוועז. אַזאַ שטימונג ווירקט אַבסאָלוט נישט מיט צום געזונט־ווערן פון קינד, נאָר פאַרקערט — פאַרערגערט זיין צושטאַנד. דאָס קינד דאַרף זען, ווי מיר שמייכלען און זענען הייטער. מיר טאָרן נישט פאַרנאַכלעסיקן אונדזער אויסערלעכן אויסזען. דאָס קינד דאַרף נישט פילן, אַז עס האָט זיך עפּעס געענדערט אין לעבן פון דער משפּחה. לאָמיר געדענקען, וואָס פאַרא באַדייטונג עס האָט ביי יעדער קראַנקייט

דאָס גוטע זעלבסטגעפיל פון קינד! און מיר קאָנען מיט אונדזער האַלטונג שאַפן אַן ערגער אָדער בעסער זעלבסטגעפיל פון קינד, דאָס הייסט, אַז מיר האָבן מיט אונדזער האַלטונג אַן איינפלוס אויפן צושטאַנד פון דעם קינדס קראַנקייט אין דער ריכטונג פון פאַרבעסערונג אָדער פאַרערגערט.

די פאַראָרדענונגען פון דאָקטער דאַרף מען אויספירן פינקטלעך און אין דער אָנוועזנהייט פון קינד נישט אויסדריקן קיין ספקות בנוגע די האָזיקע פאַראָרדענונגען. דאָס קינד מוז וויסן, אַז מע דאַרף זיך צופאַסן צו די פאַראָרדענונגען פון דאָקטער, אַז דאָס גאַראַנטירט אים שנעל געזונט צו ווערן. דער מאָמענט פון סוגעסטיע שפילט אַ גרויסע ראָל אין דער היילונג. דאָס קריטיקירן דעם דאָקטער אין דער אָנוועזנהייט פון קינד ברענגט צום אַרונטעררייסן זיין אויטאָריטעט אין די אויגן פון קינד, גרינגשעצן זיינע פאַראָרדענונגען און אַזוי אַרום צום פאַרלענגערן די קראַנקייט.

אייניקע עלטערן האָבן ליב אָפט צו טוישן די דאָקטוירים. דאָס איז נישט ריכטיק. דער דאָקטער דאַרף אָבסערווירן דאָס קינד כסדר. דאַן דערקענט ער זיינע אייגנשאַפטן, אינדיווידועלע באַדערפעניש. ער קאָן דאַן אָנפירן מיט זיין אַנטוויקלונג, קומען צוהילף אין שווערע מאָמענטן. אַזאַ דאָקטער, קענענדיק דאָס קינד, וועט קאָנען פאָרויסזען, וואָס פאַר אַ פאַרלויף עס וועט האָבן זיין קראַנקייט. אַחוץ דעם באַקומט דאָס קינד צוטרוי און האָט ליב דעם דאָקטער, וועלכן עס קען, צו וועלכן עס האָט זיך צוגעוווינט, און דאָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אַ קראַנק קינד.

מער אויפמערקזאַמקייט צו די איבערלעבונגען פון אונדזערע קינדער

צו מיר האָט זיך געווענדעט אַ יונגע מאַמע מיט אַ גרויסן קלאָפּאָט. זי האָט אויפגענייט איר טעכטערל אַ שיין, טייער קליידל אויף יום־טוב. דאָס קינד איז אַ שיינס, עס זעט אויך זייער שיין אויס אין דאָזיקן קליידל. זי וויל עס אָבער בשום אופן נישט טראָגן. די קליינע איז נישט קיין שלעכטע אָדער קאַפּריזע. דערצויגן נאָך אַלס פּיצעלע אין אַ היים פאַר זויג־קינדער, גייט זי איצט אין אַ פאָרשול. קיין שום שוועריקייטן פאַרשאַפט זי נישט די עלטערן און נישט די דערציער. נאָר דאָ, ביים קליידל, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וועט עס נישט אָנטאָן. ווען זי זעט עס, הייבט זי אָן צו וויינען און שרייען: „איך וועל נישט אָנטאָן, איך וויל נישט!“.

— אפשר איז דאָס קליידל אויפגענייט געוואָרן זייער עקסצענטריש, אפשר שעמט זיך די קליינע, ווייל זי זעט מאָדנע אויס אין דאָזיקן קליידל?

— ניין. עס האָט אַ איינפאַכן פאַסאָן. די קליינע האָט זיך שטאַרק געפרייט, ווען זי האָט עס געמאָסטן.

— אפשר איז עס איר נישט באַקוועם, ענג?

— ניין, דאָס קליידל איז גענוג לויז און האָט אַ קליינע קעשענקע אויף אַ מאַשן־טיכל.

פאַרוואָס אַלזאָ וויל זי נישט טראָגן דאָס קליידל?

מיר האָבן נישט געפונען קיין ענטפער. אָבער ס'איז זיכער דאָ אַ סיבה פון קינדס אומווילן צום קליידל, זי איז ערגעץ פאַרבאַהאַלטן. נאָר מיר, דערוואַקסענע, האָבן נישט באַוויזן זי צו געפינען.

מיר זענען אָפט פאַרנומען מיט אונדזערע ענינים, מיר באַמערקן נישט די איבערלעבונגען פון די קינדער, זייער פרייד און אומעט. מיר האָבן אַלזאָ אויך נישט באַמערקט די סיבה, וועלכע האָט אַרויסגערופן ביי דער קליינער דעם אומ־ווילן צום קליידל.

אַז עלטער קינד קאָן אָפט מאָטיווירן זיינע סימפּאַטיעס אָדער אומווילן צו עפּעס. מיר האָבן דאַן אַ פאַרלייכטערטע אויפגאַבע, מיר קאָנען דאָס קינד איבער־צייגן, אויפקלערן, אין וואָס עס באַשטייט זיין טעות. לגבי אַ יינגער קינד זענען מיר אומבאַהאָלפן. דעריבער טאַקע דאַרפן מיר זיין לגבי אים אויפמערקזאַם און שטאַרקער אָבסערווירן. איך וועל געבן עטלעכע ביישפּילן.

דער קליינער יורעק האָט נישט ליב קיין גראַניטענע זאַכן, אָבער די עלטערן געדענקען, ווען ס'האָט זיך ביי אים גענומען דער דאָזיקער אומווילן. ווען זיי האָבן אים געקויפט אַן אָנצוגל, האָט די פאַרקויפערין געזאָגט וועגן אייגעם: „דאָס דאָ־זיקע אָנצוגל איז מיאוס פאַר אים. עס איז מיט אַ נומער צו קליין. ער וועט אויס־זען ווי אויסגעוואַקסן“. דאָס יינגל האָט געהערט דעם דאָזיקן זאַץ, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון גאַנצן זאַץ. ער האָט פאַרשטאַנען בלויז, אַז עס איז „מיאוס“ און האָט פאַרגעדענקט דעם גראַנאַטענעם קאָליר. פון דעמלט אָן האָט ער געהאַלטן, אַז אַלץ, וואָס איז גראַנאַט, איז מיאוס און האָט נישט גע־וואָלט קיין שום זאַך פון אַ גראַנאַטענעם קאָליר.

יורעקן איז לייכט געווען איבערצוצייגן. מ'האָט געליבט אין זיין אָנוועזנהייט דאָס אָנצוגל פון אַ יינגל, וואָס איז געווען אַ גראַנאַטענס, מ'האָט געוויזן אין שוי־פענצטער אַ שיין אָנצוגל פון „פאַרהאַסטן“ קאָליר, עטלעכע דערוואַקסענע האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַרויסגעזאָגט זיך, דאָס קינד זאָל הערן (נאַטירלעך אויף דער בימע פון די עלטערן), וועגן דער שיינקייט פון דעם גראַנאַטענעם קאָליר און האָבן אויסגעדריקט זייער איבערצייגונג, אַז דער דאָזיקער קאָליר וועט אים „קליידן“. אויף אַזאַ אופן איז ביסלעכווייז און סיסטעמאַטיש באַקומפט געוואָרן ביים יינגל דער אומווילן צו גראַנאַט. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו טראָגן גראַנאַטענע אָנצוגלעך, און האָט דערנאָך בכלל פאַרגעסן וועגן דעם גאַנצן ענין.

אָט פאַרוואָס מיר דאַרפן זייער פאָרזיכטיק זיין מיטן אַרויסזאָגן אונדזערע מיינונגען וועגן קינדער אין זייער אָנוועזנהייט. קינדער פאַרשטייען אַזעלכע מיי־

נוגעון אָפּט קאַפּריז, טײלמאָל אויף זײער אופן, מאַכן זײערע אויספירן, פאַלשע אויספירן, װײל די קנאַפּע דערפאַרונג פון קינד דערלויבט אים נישט אויף ריכטיקע פאַראַלגעמײנערונגען. דאָס קינד ריכט זיך עקשנותדיק אײן לעבן מיט זײנע אויספירן. מיר פאַרשטײען נישט, פאַרװאָס עס האַנדלט אַזױ, און װונדערט זײן עקשנות, אומװילן, אונדז װעט עס אויס צו זײן קאַפּריזן. מיר װילן טײלמאָל ברעכן דעם װידערשטאַנד מיט כּוח. די רעזולטאַטן זענען נאָך ערגערע.

אָט איז נאָך אַ בולטער בײשפּיל.

מײנע איז אַלט געװאָרן 2 יאָר, װען מ׳האָט איר געמאָסטן אַ בלױ קלײדעלע. די שנײדערין האָט פאַרגעסן אַרויסצונעמען די שפּילקעס פון קינדס קלײדעלע, און די קלײנע האָט זיך צעשטאָכן. מײנע האָט נישט בלויז נישט געװאָלט אָנטאָן דאָס דאָזיקע קלײדעלע, נאָר שױן דערזעענדיק עס, האָט זי גענומען װײנען. אַלע באַמיונגען איבערצוצײגן זי, אַז נישט דאָס קלײדעלע שטעכט, נאָר אַ שפּילקע, װעלכע האָט געשטעקט דאָרט, האָבן נישט געהאָלפן. דאָס געפיל פון װײטיק איז בײם קינד געװאָרן פאַרבונדן מיטן בלויען קלײדעלע. ס׳איז געבליבן אײן ברירה, פאַרבאַהאַלטן דאָס קלײדל און װאַרטן ביז דאָס קינד װעט פאַרגעסן װעגן װײטיק, װאָס עס האָט געפילט בײם אָנמעסטן דאָס קלײדעלע, אָדער ביז עס װעט פאַרשטײן, אַז נישט דאָס קלײדעלע, נאָר די שפּילקע איז געװען די סיבה פון װײטיק. אין אײניקע חדשים אַרום האָט מײנע אָן שום װידערשטאַנד אָנגעטאָן דאָס קלײדעלע.

די אױבנגעבראַכטע בײשפּילן האָבן אַ שײכות צו גוט דערצױגענע קינדער, נישט קאַפּריזע. ס׳טרעפן זיך, נאַטירלעך, קינדער, װאָס זענען צעבאַלעװעט געװאָרן דורך די עלטערן, און זײ זענען פּשוט װילד. זײער עקשנות און אומװילן צו עפּעס קאָן זײן נישט אַ רעזולטאַט פון עפּעס אַ קאָנקרעטער, באַרעכטיקטער סיבה, נאָר פּשוט דער װילן אויסצופירן אַ קאַפּריז, דיריגירן מיט די עלטערן.

װען אַ קינד געפינט עפּעס

איך בין נישט לאַנג צוריק געװען אין גאָרטן. כ׳האָב זיך צוגעקוקט, װי קינדער האָבן זיך געשפּילט. פּלוצלינג איז אײנס פון זײ צוגעגאַנגען צו זײן באָבען און איבערגעבן איר עפּעס אַ קלײניקײט. די באָבע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער זאַך, װעלכע דאָס קינד האָט איר דערלאַנגט, האָט אַ שמײכל געטאָן און אַרײנגעלײגט אין האַנט־בײטל.

— װאָס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— די קלײנע האָט געפונען אַ זלאָטע. זי װעט זיך קויפן צוקערלעך.

— זי האָט דאָך גאָרנישט אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד. זי האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער אויף דער באַנק. ס'איז זיכער עמעצנס אַ זלאָטע.

— זי האָט שוין אַזאַ נאַטור, וואָס זי געפֿינט, גיט זי מיר אָפּ.

— אָבער זי האָט דאָך נישט געפֿונען דעם זלאָטע. ער איז געלעגן אויף דער באַנק. עמעצער פֿון די קינדער האָט אים זיכער אַוועקגעלייגט.

די באָבע איז געוואָרן בייז. — הייסט עס, אַז, לויט אייך, דאַרף איך אַרומגיין איבערן גאָרטן און פֿרעגן יעדן, צי ער האָט נישט פֿאַרלוירן קיין זלאָטע? אַ סך וועלן זיכער זאָגן יאָ. איך בין נישט אַזאַ נאַר!

דער קליינער מיכאַל האָט, קייקלענדיק זיין ראָד, אויך עפּעס געפֿונען, וואָס האָט אים שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. אַזאַ גרויסע און מאָדנע שער, ער האָט געמיינט, אַז עס איז דער מאַמעס, און ער האָט זי געפֿרעגט. די מאַמע האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ סעקאַטאָר — אַן אינסטרומענט אָפּצושערן צווייגלעך, און אַז מיכאַל האָט עס לגמרי נישט געפֿונען, ווייל קיינער האָט עס נישט פֿאַרלוירן. וואַרשיינלעך געפֿינט זיך ערגעץ אין דער נאָענט דער גערטנער, וועלכער האָט אויף אַ ווײלע אַוועקגעלייגט דעם סעקאַטאָר, און איצט זוכט ער, אַ באַאומרואיקטער דעם אינסטרומענט. זי האָט געהייסן דעם קינד צוריק אָפּטראָגן און אוועקלייגן די שער אויף דער באַנק, אויף וועלכער זי איז פֿריער געלעגן, און איבערצייגן זיך, צי דער אייגנטימער וועט זי גיך אָפּגעפֿונען.

מיכאַל איז גלייך צוריקגעקומען און האָט באַשטעטיקט דער מאַמעס רייד, דער גערטנער האָט גענומען דעם סעקאַטאָר, און ער אַרבעט מיט אים שוין, שערט אַרום די צווייגלעך.

יונגע קינדער געפֿינען אָפֿט עפּעס, זיי זענען נידעריקער ווי מיר. נעענטער צו דער ערד, זעען זיי דעריבער בעסער, וואָס אויף איר וואַלגערט זיך. כסדר הייבן זיי אַלזאָ עפּעס אויף און ברענגען עס צו אונדז דערוואַקסענע, זייערע נאָענטסטע.

ווי דאַרף מען האַנדלען אין אַזעלכע פֿאַלן?

מע דאַרף געדענקען, אַז אַ קליין קינד, געפֿינענדיק עפּעס, שאַצט אָפּ די זאַך נישט לויט איר פּאַקטיישן ווערט. פֿאַר אים וועט אַ שיין בילדל, אַ קאָלירט פּאַפּירל האָבן אַ סך אַ גרעסערע ווערט ווי אַ ווערטפֿול פֿינגערל מיט בריליאַנטן. 20 אייניקע, נייע גראָשעלעך וועלן אַ קינד אַנטציקן, און עס וועט זאָגן: „אָ, אַזויפֿיל געלט!" דאַקעגן וועט אַ 500-זלאָטיקער באַנקנאָט נישט מאַכן אויף אים קיין שום איינדרוק, וועט נישט וועקן זיין אויפֿמערקזאַמקייט, דאָס קינד וועט גלייך וועגן דעם פֿאַרגעסן.

פֿון די יינגסטע יאָרן פֿלאַנצן מיר איין ביי די קינדער דאָס געפֿיל פֿון ערלעכקייט. ווילנס-קראַפֿט. דאָס אָפּגעבן פֿאַרלוירענע זאַכן זייערע אייגנטימער איז איינער פֿון די מאָמענטן, וועלכע פֿאַרפֿעסטיקן אין קינד דאָס געפֿיל פֿון ערלעכקייט און האַרטעווען דעם ווילן. אַ קינד דאַרף מען אויפֿקלערן, אַז יעדער קעגנשטאַנד

האָט זיין אייגנטימער, און אויב אין געגעבענעם מאָמענט פאַרבינדט נישט דאָס קינד דעם קעגנשטאַנד מיט זיין אייגנטימער און האַלט, אַז דער קעגנשטאַנד איז „קיינעמס נישט" און דעריבער קאָן ער אים צונעמען — דאַרף מען דאָס קינד אַרויספירן פון טעות, אויפזוכן דעם אייגנטימער און צוריקקערן אים די פאַרלוירענע זאַך.

ס'איז נישט קיין לייכטע זאַך איבערצוצייגן אַ יונג קינד, עס זאָל צוריק אָפּגעבן די געפונענע זאַך. באַזונדערס, ווען דאָס קינד געפינט געלט, און עס ווייסט שוין, אַז פאַר געלט קאָן מען אַלץ קויפן, און וועלכעס קינד טרוימט נישט וועגן קויפן דאָס, וואָס די עלטערן ווילן אים נישט געבן?

נישט געקוקט דערויף, דאַרף מען ווירקן אויפן קינד, אויפקלערן אים, געבן צו פאַרשטיין, און ווען דאָס העלפט נישט, דאַן — הייסן, פאָדערן אויסצופירן דעם באַפעל אָן שום רייד. מע דאַרף אָפט ווירקן נישט אַזויפיל אויפן פאַרשטאַנד, ווי אויפן קינדס געפיל. דאָס צוריקגעבן אַ געפונענע זאַך זיין אייגנטימער דינט צוצוגעווינען דאָס קינד צו ערלעכקייט, אומאָפּהענגיק דערפון צי דאָס וועט זיין אַ מער אָדער ווייניקער ווערטפולע זאַך, צי עס איז דעם קינד מערער אָדער ווייניקער געפעלן געוואָרן.

וועגן וואָס מ'דאַרף נישט רעדן אין דער אָנוועזנהייט פון קינדער

אין די צייטן פון אונדזער קינדהייט איז די דיסטאַנץ צווישן אונדז און די עלטערן געווען אַ קענטיקע. ס'זענען געווען אַ סך זאַכן, וועגן וועלכע מ'האָט נישט גערעדט אין דער אָנוועזנהייט פון קינדער. מ'האָט פשוט געוואַרט, ביז זיי וועלן אַרויס פון צימער, אָדער מ'האָט זיי אַפילו געהייסן אַרויסגיין. ווען דאָס קינד איז אַריינגעקומען, פלעגט מען איבעררייסן דעם שמועס.

מיר האַלטן היינט, אַז אַ גאַנצע ריי טעמעס, וועלכע אונדזערע עלטערן האָבן באַצייכנט אַלס „נישט פּאַסיקע" פאַר קינדער, זענען דערלאָזבאַר, און מיר רעדן אַפילו וועגן זיי, צווישן זיך, כדי די קינדער זאָלן הערן. מיט דער יוגנט רעדן מיר פשוט וועגן דעם, וואָס אונדזערע עלטערן פלעגן אויסבאַהאַלטן פאַר אונדז, אַלזאָ, וועגן פּאָליטישע, סעקסועלע און ענלעכע טעמעס.

אין פּרינציפּ גענומען איז ריכטיק, אָבער מיר, עלטערן, באַגייען איצט אָפט פעלערן. מיר רעדן אָפט אין דער אָנוועזנהייט פון קינדער וועגן זאַכן, וועלכע זיי דאַרפן נישט הערן, און נישט דערפאַר, ווייל דאָס זענען קיצלדיקע פראַגן, נאָר דערפאַר, וואָס אונדזערע קינדער און יוגנט זענען אָפט נישט דערוואַקסן, נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין געוויסע פּראָבלעמען. דער רעזולטאַט דערפון איז דאָס פאַלשע פאַרשטיין דעם ענין, דאָס פאַרנעמען אַ נישט ריכטיקע שטעלונג, ווען

ס'איז נייטיק, און וואָס נאָך ערגער — די פאַלשע האַנדלונג צוליב נישט פאַרשטיין דעם עצם פון דער זאַך. ס'טרעפט אָפט, אַז אַ קינד הייבט אָן צופיל צו אינטערעסירן זיך מיט די פּראָבלעמען פון דערוואַקסענע, פאַרנאַכלעסיקנדיק די אייגענע פליכטן. די פאַראינטערעסירונגען פון די דערוואַקסענע ווערן זייגע פאַראינטערעסירונגען.

ביי אונדז קומען, ליידער, אָפט פאָר קריגערייען, סיכסוכים צווישן שכנים. וועגן וואָס? וועגן פאַרשידענע נאַרישקייטן. אין טאָג־טעגלעכן לעבן זענען עס פיינלעכע זאַכן, וואָס פירן אַרויס פון גלייכגעוויכט, ווייל זיי שטערן אין דער אַרבעט. אַ שותפותדיקע קיך פאַר עטלעכע פאַמיליעס, אַן אויוון, וועלכן ס'דאַרפן הייצן די לאָקאַטאָרן איינע נאָך די אַנדערע, כדי ס'זאָל זיין וואַרעם אין דער וווינונג אדגל. מיר האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלערנט צו לעבן קאָלעקטיוו. אין אַזעלכע פאַלן טרעפן זיך אָפט סיכסוכים, עס אַנטשטייען קריגערייען. מיר דאַרפן זיך באַהערשן, באַמיען זיך, אַז די קינדער זאָלן נישט זיין קיין עדות פון אַזעלכע סיכסוכים.

ווען מיר דערציילן וועגן די סיכסוכים די אַנדערע שטוב־מענטשן, אָדער זוכנדיק פאַרבינדעטע, ציען מיר אַריין אין די דאָזיקע ענינים אַנדערע שכנים אָדער באַקאַנטע, דאַרפן מיר זיך גוט אַרומקוקן, צי ס'זענען ערגעץ אין דער נאָענט נישטאָ אונדזערע קינדער, וועלכע הערן מיט אָנגעשטעלטע אויערן און פינקלענדיקע אייגעלעך אונדזערע רייד. איך קען אַ מיידעלע, וואָס האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט דער מאַמעס דערציילונג וועגן דער „געמיינער" שכנה, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו אָבסערווירן און צוטראָגן דער מאַמען וועגן יעדן שריט פון דער שכנה מיט אַנטשפּרעכנדיקע קאָמענטאַרן. דאָס איז נישט גוט, ווייל עס פאַרשמעלערט דעם קרייז פאַראינטערעסירונגען פון קינד, און וואָס נאָך ערגער — פאַרפעסטיקט אין קינד אומגלויבן און אומצוטרוי צום מענטש, דערלויבט נישט צו גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעט מיט די שכנים.

אַ קינד, וואָס וואַקסט אין אַן אַטמאָספער פון גוטע באַציונגען און צוזאַמענאַרבעט צווישן די שכנים, האָט צוטרוי, גלייבט די שכנים, פאַרמאָגט די פעיקייט פון צוזאַמענלעבן מיט די חברים. די דאָזיקע פעיקייט טראָגט עס איבער אין שול, העלפט צו דעם לערער ביים שאַפן דעם קלאַסן־קאָלעקטיוו. אַזאַ קינד איז לייכטער אין לעבן, עס איז באַליבט ביי מענטשן.

די צווייטע פראַגע איז דאָס קלאָגן זיך אין דער אַנוועזנהייט פון קינדער אויף דער אַרבעט און אויף די שוועריקייטן, וועלכע זענען מיט איר פאַרבונדן. אַ 10־יאָריק ייגל, אַ זון פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן חבר, האָט אויף דער פראַגע, וואָס ער וויל זיין, ווען ער וועט אויפוואַקסן, געענטפערט: „איך וויל זיין, ווי דער טאַטע, אַן אינזשיניער, אָבער נישט קיין הויפּט־אינזשיניער. איך וויל נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעכער, ווייל מע קלינגט כסדר פון קאָמיטעט טאָג און נאַכט. מע לאָזט אים קיינ־

מאָל נישט צורו". דאָס יינגל איז געווען זייער פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז יעדער אינזשיניער, נישט נאָר אַ הויפּט־אינזשיניער, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין אַרבעט, אַז ס'איז אַ סך אָפּהענגיק פון דער אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע, אַז דער פּעריאָד, אין וועלכן מיר לעבן, פאָדערט איבערגעגעבענע אַרבעט פון אַלע באַשעפטיקטע בירגער, און נישט נאָר פון אינזשיניער. דעם פאַלשן באַגריף האָט ער זון זיך געשאַפן צוליב דעם, ווייל דער פאָטער פלעגט אין זיין אָנוועזנהייט זיך כסדר קלאָגן אויף זיין אַרבעט.

די שילער אין די העכערע קלאַסן (8—11) זענען אויך טיילמאָל עדות פונעם קלאָגן זיך פון זייערע עלטערן און אויך זיי מאַכן געווויסע אויספירן פון די דאָזיקע געשפּרעכן. די פאָריבערגייענדיקע פעלערן און בלויז, אויף וועלכע מיר טרעפן זיך נאָך היינט אָן, וואַקסן אויס אין די אויגן פון די קינדער און יוגנט אַלס שטענדיקע שטריכן פון אונדזער אָרדענונג, וואָס איז נישט ריכטיק. דאָס שטערט אָבער טיילמאָל די קינדער אין זייער שטרעבונג צום לערנען זיך.

— איך האָב צוויי קינדער. איינס האָט געענדיקט אַ הויכשול און פאַרדינט 800 זל. אַ חודש, און דאָס צווייטע האָט נישט קיין העכערע בילדונג און פאַרדינט 2.000 זל. אַ חודש — דערציילט מיר אַ טאַטע. און זיין 15־יאָריקער זון, אַן אויסערגעוויינלעך פעיק יינגל, אָבער אויך אַ גרויסער פוילאַק, כאַפּט אונטער דאָס געשפּרעך און מישט זיך אַריין: „און איך, טאַטע, דאַרף זיך מאַטערן אַזויפיל יאָר אין שול און אוניווערסיטעט, כדי דערנאָך אַזוי ווייניק צו פאַרדינען. וואָס טויג עס מיר?!" דער טאַטע, אַן איבערראַשטער פון דאָזיקן אויספיר, איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ סך צייט האָט ער דערנאָך געמוזט ווידמען דעם זון, כדי אים איבערצוציגן, אַז ער זאָל זיך לערנען. ער האָט אים דערוויזן, ווי וויכטיק ס'איז צו האָבן בילדונג, אַז ביי אונדז וועלן אַלץ מער נייטיק זיין מענטשן מיט בילדונג.

די דאָזיקע עטלעכע ביישפּילן זענען גענוג, כדי איבערצוציגן זיך, ווי פאָרזיכטיק מיר דאַרפן זיין מיט די רייד אין דער אָנוועזנהייט פון קינדער, און נישט בלויז פון די יינגסטע.

צי דאַרף מען קליינע קינדער מיטנעמען אין קינאָ?

מיר זעען אָפט אין קינאָ עלטערן צוזאַמען מיט יינגערע קינדער, דאָס ווערט נישט רעקאָמענדירט און איז אַפילו שעדלעך. און פאַרוואָס?

ערשטנס, אין די קינאָ־זאַלן איז בכלל דושנע, בעת די סעאַנסן פאַרמאַכט מען די פענצטער, אָפט פונקציאָנירט נישט די ווענטילאַציע. דאָס קינד אָטעמט איין אין משך פון צוויי שעה אַ געדיכטע דומפּיקע לופט.

צווייטנס, אין קינאָ זענען פאַראַן פיל מענטשן. מע קאָן זיך לייכט אָנשטעקן מיט אַ קאַטאַר, גריפּע אָדער אַן אַנדער קראַנקייט. די עלטערן מיינען, אַז



דער פאָטער מוז געפינען צייט פאַר דער פאַמיליע.
אַזעלכע מאָמענטן קריצן זיך טיף איין אין זכרון פונעם קינד

די קראַנקייטן אַנטשטייען אין רעזולטאַט פון פאַרקילונג, און עס איז גענוג אויף אויסצומיידן זיי אויסצוטאָן דעם קינד אין קינאָ דאָס פּאַלטנדל. דערווייל ווערן די דאָזיקע קראַנקייטן אַרויסגערופן דורך באַצילן, ווירוסן, און דאָס קינד, וועמענס אָרגאַניזם איז אַ סך ווייניקער ווידערשטאַנדפעיק, ווי דער אָרגאַניזם פון אַ דערוואַקסענעם, שטעקט זיך ליכט אָן. דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צום איינפלוס פון קינאָ אויפן געזונט פון קינד.

דרימנס, אין קינאָ פליסן בילדער פאַרביי די אויגן זייער שנעל. טיילמאָל באַווייזן מיר נישט, דערוואַקסענע, איבערצולייענען די אויפשריפטן, אָדער צו זען דאָס בילד. אַ קלענער קינד האָט די באַדערפעניש גענוי צו באַטראַכטן דאָס בילד. דאָס קינד וויל לאַנג קוקן אויף דעם, באַמערקן אַלע איינצלהייטן. דאָס שנעלע פאַרשווינדן פון די בילדער מאַטערט דאָס קינד, דענערווירט עס, האָט אַ נעגאַטיוון איינפלוס אויף זיין נערוון-סיסטעם. דאָס איז אָפט די סיבה, וואָס קליינע קינדער קאַפּריזעווען און וויינען נאָכן צוריקקערן זיך פון קינאָ.

דער אינהאַלט פון פילמען פאַר דערוואַקסענע, אַנטשפּרעכט נישט פאַר קינדער. עס גייט נישט דערין, וואָס זיי פאַרשטייען נישט די פאַבולע. דאָס געהערט נאָך נישט צו די שעדלעכע זאַכן. שעדלעך איז דאָס פאַרשטיין געוויסע מאָמענטן. ב'קען קינדער, וועלכע האָבן מורא, ווען אין דער היים ווערט פלוצים קאַליע די עלעקטריע אָדער דער קראַן. דאָס זענען לגמרי נישט קיין קינדער, וואָס שרעקן זיך. זיי האָבן נישט מורא פאַר קיין פינצטערניש און נישט פאַר קיין וואַסער. זיי שרעקן זיך פאַר אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס איז געשען נאָכן זען די פילמען „דאָס פינפטל פון דער באַרסקע-גאַס", „דאָס פאַלן פון בערלין". די עלטערן גיבן זיך אָפט נישט אָפּ קיין רעכענונג, ווו עס שטעקט די סיבה פון דער עמפּינדלעכקייט און פון די קרענקלעכע רעאַקציעס פונעם קינד. און דאָס קאָן זיין עפּעס אַ בילד פון קינאָ, אויף וועלכן מיר, דערוואַקסענע, האָבן נישט געלייגט קיין באַזונדערע אַכט. עס איז אָבער געבליבן אין זכרון פון קינד און רופט אַרויס אַ צערייצונג.

אָט פאַרוואָס מיר זענען קעגן מיטנעמען קינדער אין קינאָ.

וועגן פאַמיליע־יום־טובים

די רעוואָלוציאָנערע, מלוכהשע יום-טובים דאַרף מען אין שטוב פייערלעך אָפּמערקן. ס'איז גוט, ווען די גאַנצע פאַמיליע גייט צוזאַמען אויף דער מאַניפעסטאַציע. נאָך דער מאַניפעסטאַציע קומען זיי זיך ווידער צונויף ביים טיש ביי אַ מאָלצייט. חברים האָבן אַ סך דערינערונגען וועגן רעוואָלוציאָנערע יום-טובים פון דער צייט פון זייער קינדהייט אָדער יוגנט, ווען זיי זענען געזעסן אין תפיסה; זיי דאַרפן אין די דאָזיקע טעג דערציילן זייערע קינדער וועגן דעם. די דאָזיקע יום-

טובים וועקן ביי די חברים הייסע געפילן, אָבער נישט אומעטום ווערן די קינדער צוגעצויגן צום באַוווסטזיניקן מיטאָנטייל אין יום=טוב. די עלטערן וואַרטן, אַז די שול זאָל אויפקלערן די קינדער די באַדייטונג פון יום=טוב. דאָס איז נישט ריכטיק, ווייל דאָס געהערט צו די פליכטן פון די עלטערן.

דער טאָג פון 8=טן מערץ דאַרף אויסגענוצט ווערן דורך די פּאַטערס אַלס טראַדיציאָנעלער יום=טוב פון דער פרוי — מאַמע. די פּאַטערס צוזאַמען מיט די יינגלעך דאַרפן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער געהיימניש פאַר דער מאַמען (דאָס איז אָפּהענגיק פונעם עלטער פון די יינגלעך) צוגרייטן איר עפּעס אַ מתנה. צומליבסטן וועט איר זיין אַ מתנה פון דער אייגענער אַרבעט. אויב אין דער פאַמיליע זענען דאָ מיידלעך, דאַרף מען אויך פאַר זיי אין טאָג פון 8=טן מערץ עפּעס צוגרייטן. אין פאַמיליעס, וווּ ס'זענען דאָ יינגלעך און מיידלעך, וועלכע לעבן נישט בשלום, קאָן מען און מע דאַרף דעם דאָזיקן יום=טוב אויסנוצן אַלס טאָג פון „וואָפנשטילשטאַנד“.

וויכטיקע מאָמענטן אין לעבן פון אונדזערע קינדער דאַרף זיין דער טאָג פון אָננעמען זיי אין אַ קינדער=אָרגאַניזאַציע אָדער יוגנט=אָרגאַניזאַציע. דאָס באַקומען אַ סקויטיש האַלדזטוך דאַרף זיין פאַרן קינד אַ שטאַרקע, פריידיקע איבערלעבונג. עס דאַרף דאָס פילן ווי אַ כבוד פאַר זיך און גלייכצייטיק ווי אַ פליכט בעסער צו לערנען זיך, בעסער זיך אויפצופירן. דעם דאָזיקן טאָג דאַרף מען אָפּמערקן, נאַטירלעך, נישט מיט קיין הייסע רעדעס, נאָר מיט אַ געמיינזאַמען מאָלצייט. די גאַנצע פאַמיליע דאַרף געפינען צייט, כדי צוזאַמען פאַרברענגעןביים טיש. ס'איז גוט צו דערלאַנגען עפּעס אַ באַליבטן יום=טובדיקן מאכל.

דער געבוירנטאָג פון טאַטן, פון דער מאַמען, פון די קינדער, דער ערשטער טאָג פון קינד אין שול, דאָס באַקומען מאַטורע, דאָס ערשטע פאַרדינסט פון זון אָדער טאָכטער דאַרפן פייערלעך אָפּגעמערקט ווערן. אַזעלכע פייערונגען זענען מסוגל צו צעמענטירן די פאַמיליע, לאָזן איבער שפּורן אויפן גאַנצן לעבן פון מענטש, וועלכער דערמאָנט זיי נישט איינמאָל מיט בענקשאַפט.

פאַמיליע=טראַדיציעס בינדן צו די קינדער צו עלטערן, צו ברידער און שוועסטער.

לאָמיר איינפלאַנצן ביי די קינדער קולטורעלע געוווינהייטן

פאַר דער מלחמה האָט אין סאַנאַציע=פוילן פאַרפליכטעט אַ העפלעכקייטס=קאָדעקס. געוויסע פאָרמען זענען געווען באַלעסטנדיק און אומפאַרשטענדלעך, ווי צ. ב. קושן אין האַנט און אַנדערע.

צום גליק זענען איצט פאַרשוווּנדן אַ גאַנצע ריי קליינע, נישט ריכטיקע העפלעכקייטס=פאָרמען. זיי זענען נישט קיין ריכטיקע, ווייל זיי זענען נישט געווען אויפ=

מיט פרייד האָט זי אַרויסגענומען דאָס געלט פון דעם אָפּשפּאָרונגס־
ביכל, בכדי צו קויפן דער מאַמען אַ מתנה צום געבורטס־טאָג

ריכטיק און בלויז פאַרשטעלט די צביעות פון די מענטשלעכע באַציונגען. צום באַדויערן אָבער האָבן מיר אויך אויפגעהערט צו שענקען אויפמערקזאַמקייט די קולטור־היגיענישע געוווינהייטן, וועלכע זענען פאַר אונדז נויטווענדיק, און וועלכע מיר מוזן איינפלאַנצן ביי אונדזערע קינדער. דאָס זענען אַבסאָלוט נישט קיין פוסטע העפלעכקייטס־פאָרמען, נאָר וויכטיקע געזעצן, וועלכע רעגולירן אונדזער לעבן און צוזאַמענאַרבעט אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער אָרדענונג.

אַלזאָ, אַ פּאָר שורות וועגן באַנוצן די ווערטער „אַנטשולדיקט“, „אַ דאַנק“, „ביטע“. דאָס זענען נישט בלויז פוסטע העפלעכקייטס־פאָרמען. ווען מיר לערנען אונדזער קינד זאָגן „אַנטשולדיקט“, ווייזן מיר אים גלייכצייטיק אָן אויף אַ טאַט, וועלכע איז באַגאַנגען געוואָרן נישט ווילנדיק לגבי וועמען ס'איז, אָבער וואָס האָט יענעם פאַרשאַפט אַ צייטווייליקע אומאָנגענעמלעכקייט. די דאָזיקע לערע, דאָס ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון קינד אויף זיין אומפאָרזיכטיקן באַגיין זיך מיט מענטשן, האָט אַ דערציערישע באַדייטונג. דאָס איז אויך נוגע דעם וואָרט „ביטע“.

עס טרעפט אָפטמאָל אין אַן אָנגעפּאַקטן טראַמוויי, ווען ס'איז ענג און נישט באַקוועם און ווען מע גיט שווייגנדיקערהייט דעם קאָנדוקטאָר דעם בילעט און מע נעמט אים צוריק, הערט זיך פּלוצים דאָס וואָרט „אַ דאַנק“. עס געפינען זיך שטענדיק נאָכפאָלגער, וועלכע חזרן איבער דאָס וואָרט און עס ווערט עפּעס ווי לייכטער אין דער ענגשאַפט, עס שטערט ווייניקער דער עלנבויגן פון שכן און דער גרויסער בייטל פון דער שכנה. און ווי עס שמייכלען אין טראַמוויי די דערוואַקסענע, ווען אַ קינד אַנטשולדיקט זיך אָדער דאַנקט.

מיר דאַרפן אויך לערנען אונדזערע קינדער, זיי זאָלן אין טראַמוויי אָפּטרעטן דאָס אָרט עלטערע, קראַנקע מענטשן, אַן אינוואַליד. דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז אין אָפּטרעטן דאָס אָרט. דאָ גייט אויך וועגן אויסלערנען דאָס קינד צו באַ־מערקן דעם דאָזיקן מענטש, וועלכער פאָדערט אויפזיכט. ס'איז נאָך נישט געווען קיין פאַל אין טראַמוויי אָדער אויטאָבוס, ווען מען איז נישט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט עמעצן, וועלכער דאַרף עס צוממערסטן, ווען יענער האָט עס אַליין געבעטן, אָדער ווען עמעץ האָט געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער יוגנט אויפן קראַנקן, שוואַכן פּאַסאַזשיר. אָבער אונדזערע יוגנטלעכע וועלן עס אַליין, פון אייגענער איניציאַטיוו נישט טאָן. מיר האָבן זיי פּשוט נישט אויסגעלערנט, זיי נישט באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף צווישן די פיל מענטשן, וועלכע רינגלען אונדז אַרום, דערקענען אַ שוואַכערן, אַזאַ בירגער, וועלכער נייטיקט זיך אין אונדזער הילף. און ס'איז כדאי דאָס צו טאָן. אַזאַ לערע צו דערקענען מענטשן און די פעיקייט, וויאַזוי צו באַגיין זיך מיט זיי האָט אַ באַלערנדיקע באַדייטונג. מיר וועלן, צ. ב., נישט לערנען די קינדער, אַז זיי זאָלן אָפּטרעטן דאָס אָרט אַן „עלטערן“ אָפיציר, וועלכער איז אַלט... 20—30 יאָר. ווייל אַ יונגער אָפיציר מיט שטערנדלעך קאָן נישט

זיין לויטן באַגריף פון אונדזערע קינדער אַ שוואַכער מענטש, וועלכן מע מוז אָפּ־טרעטן דאָס אָרט. ער איז פאַר די קינדער אַ סימבאָל פון כוח, פעסטקייט.

איינע פון מיינע חברטעס האָט אין 1937 יאָר אָפּגעטראָטן אין טראַמוויי דאָס אָרט אַן עלטערן, גרויען אָפיציר. אַלס ענטפער האָט זי געהערט זידלערייען און באַליידיקונגס־אויסדרוקן. זי איז געווען פאַרשעמט. איך בין זיכער, אַז אַן אָפיציר פון דער פאָלקס־אַרמיי וועט אַזוי נישט האַנדלען. מע דאַרף אָבער לערנען די קינ־דער, אַז אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט, דאַרפן זיי עס טאָן ווי געהעריק, כדי נישט צו באַליידיקן די געפילן פון מענטש, נישט אונטערשטרייכנדיק זיין מום אָדער צייט־ווייליקע שוואַכקייט. מע קאָן זאָגן: „ביטע, זיצט, כ'וועל באַלד אויסשטייגן", אָדער כ'האָב זיך שוין גענוג אָפּגערוט, אפשר וועט איר זיך איצט עטוואָס אָפּרוען".

דאָס שפּייען אויף דער ערד און פאַראומרייניקן מיט פּאַפּירלעך פון צוקערלעך און נאַשוואַרג די עפנטלעכע ערטער, ווי פּאַרקן, גערטנער און גאַסן פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך, איז אַ מיאוסע געוווינהייט. מע דאַרף צוגעוווינען אונדזערע קינדער שוין פון 3—4 יאָר אָן, אַז זיי זאָלן גאָרנישט וואַרפן און נישט שפּייען אויף דער ערד. דאָס קינד קאָן נאָך נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס מע טאָר עס נישט טאָן, אָבער עס טאָר נישט וואַרפן קיין פּאַפּירלעך, שפּייען און פאַראומרייניקן די ערד און די פּאָדלאָגע אין עפנטלעכע ערטער.

לאָמיר פּרוּוון אָבסערווירן קינדער אויף אַ שפּאַציר אָדער אין קינאָ. אָט זעען מיר, למשל, אַ קינד, וואָס האַלט אַ צוקערל אין מויל און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן. עס זוכט עפּעס. איך ווייס, וואָס עס זוכט! אַ קויש! אָבער צום באַ־דויערן איז קיין קויש אינערגעץ נישטאָ. מיט אינטערעס אָבסערוויר איך שטענדיק, וויאַזוי דאָס קינד וועט האַנדלען ווייטער. קינדער טוען פאַרשידן. אייניקע לייגן אַוועק דאָס פּאַפּירל אויפן אָרט, וווּ עס דאַרף שטיין אַ קויש, אַנדערע גיבן אָפּ זייער פּאַפּירל דעם באַגלייטער אָדער באַגלייטערין, אָדער פרעגן זיך ביי זיי וואָס צו טאָן. די קלוגערע לייגן אַריין דאָס פּאַפּירל אין קעשענע און שפּאַנען ווייטער, נישט איבעררייסנדיק זייער שפּאַציר צום אָנגעמערקטן ציל.

דאָס זענען שוין קינדער, ביי וועלכע ס'איז איינגעפלאַנצט דאָס קולטורעלע אויפפירן זיך אין עפנטלעכע ערטער, און מיר מוזן שטרעבן, אַז אונדזער קינד זאָל זיך אויף דעם אָדער אַנדער אופן אַן עצה געבן, אָבער נישט פאַראומרייניקן די עפנטלעכע ערטער.

וועגן „ווייבערישער" אַרבעט

נאָך אין די ערשטע יאָרן פון XX י. ה. האָט קרופּסקאַיאַ געשריבן וועגן דעם, צי מע דאַרף צוגעוווינען ייִנגלעך צו „ווייבערישער" אַרבעט:

„שטוב־אַרבעט אַנטשפּרעכט לגמרי נישט מער דער פּערזאָן פון אַ פרוי,

אויך יינגלעך קענען אויספירן שטוב־אַרבעטן

איידער אַ מאַנצפּאַרשוין. עס זענען, וואָס אַן אמת, פאַראַן אַרבעטן, וועלכע פאָדערן אַ גרעסערן פיזישן כוח, מיט וועלכע אַ פרוי וועט זיך נישט געבן קיין עצה, פאַרוואָס קאָן אָבער אַ מאַנצפּאַרשוין נישט אויספירן צוגלייך מיט דער פרוי אַ שטוב=אַרבעט? עס גייט נישט וועגן דעם, אַז די שטוב=ווירטשאַפט איז די נאַטירלעכע אַטמאָספער פון דער פרוי, נאָר וועגן דעם, וואָס דער מאַן, אַרבעטנדיק פּראָפעסיאָנעל, געפינט זיך דעם גרעסטן טייל פון טאָג מחוץ דער שטוב. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז דאָס פירן די ווירטשאַפט דורך דער פרוי באַרעכטיקט. אָבער אין דער מאָס, ווי די פרוי דאַרף זיך אַלץ מער ווידמען דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, ווערט פאַר איר די שטוב=אַרבעט אַ צוגאָב=לאַסט, און אַן אומגערעכטיקייט איז דער פאַקט, וואָס דער מאַנצפּאַרשוין קומט איר נישט צוהילף. פונקט אַזוי אומגערעכט איז, ווען אַ מאַן, וועלכער האָט געגוג פרייע צייט נאָך זיין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, האַלט נידעריקער פון זיין כבוד צו העלפן דער פרוי אין דער שטוב=אַרבעט.

ס'איז נייטיק, אַז יינגלעך און מיידלעך זאָלן זיך אויפן זעלבן אופן לערנען אויספירן די נויטווענדיקע שטוב=אַרבעטן און זאָלן נישט האַלטן, אַז אויספירן די דאָזיקע אַרבעטן איז אַן אומכבוד פאַר זיי.

אין דער קינדהייט העלפן גערן יינגלעך פונקט ווי מיידלעך דער מוטער קאָכן, וואַשן דאָס געפעס און פירן אויס יעדע שטיב=אַרבעט. אַלץ זעט זיי אויס צו זיין אינטערעסאַנט. אין דער משפחה אָבער הייבט מער שוין אָן אויסטיילן פון די יינגסטע יאָרן די יינגלעך פון די מיידלעך. מיידלעך גיט מען אַן אויפגאַבע צו וואַשן די גלעזער, גרייטן צום טיש, און צו די יינגלעך זאָגט מען: „וואָס שטופּסטו זיך אין דער קיך! דאָס איז נישט קיין מענערישע אַרבעט“. מיידלעך שענקט מען ליאַלקעס, כלים, יינגלעך — לאָקאָמאָטיוון, זעלנער. ביי אַ יינגל אין שול=עלטער איז שוין אין אַ גענוגנדיקער מאָס איינגעפלאַנצט די גרינגשעצונג לגבי „ווייבער“ און זייער אַרבעט“.

ווייטער אַנטוויקלט קרופּסקאַיאַ דעם געדאַנק, וויאַזוי מע דאַרף באַקעמפן די דאָזיקע גרינגשעצונג. זי דערווייזט, אַז אַ מענטש, וועלכער איז נישט צוגעוווינט צו זעלבסטבאַדינונג, איז אומבאַהאָלפן אין לעבן, אָפּהענגיק פון אַנדערע, וועלכע וועלן אים באַדינען. ער מוז וואַרטן ביז וואַנען מע וועט פאַר אים אָפּקאָכן, פאַרריכטן די מלבושים, וועש. ער איז אויסגעשטעלט צו האָבן אַן אָפּגעלאָזענעם אויסזען, מוז זיך פאַרלאָזן אויף יענעמס טובה. קרופּסקאַיאַ האָט געפאָדערט, אַז אין דער שול זאָל מען איינפירן לעקציעס פון נייען, צערעווען, שטריקן פונקט אַזוי פאַר יינגלעך, ווי פאַר מיידלעך, מע זאָל די יינגלעך צוגעוווינען צום דיזשורירן בעת עסן, זיי לערנען צורוימען, קאָכן אד״גל.

עס זענען פאַראַן משפּחות, וווּ ביזן היינטיקן טאָג קאָנען נישט די מענער נישט בלויז זיך נישט צונייען אַ קנעפּל, נאָר אַפילו זיך אָנגיסן אַ גלאָז טיי. די

מוטער קומט צוריק פון אַ פאַרזאַמלונג אָדער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט מיט אַ שעה אָדער צוויי שפּעטער פונעם פאָטער. דער מיטאָג איז שוין כמעט צוגעגרייט. מע דאַרף אים בלויז צוּוואַרעמען. מע דאַרף אויך געבן עסן דעם קינד, וואָס איז געקומען פון דער פאָרשול. די מוטער האָט נאָך אין דער פרי צוגעגרייט פאַרן קינד דעם אָונטברויט, איידער זי איז אַוועק צו דער אַרבעט. אָדער דער פאָטער ווייסט נישט, וויאַזוי זיך צו נעמען צו דער דאָזיקער „אַרבעט“, וואַרט ער אַלזאָ אויף דער מוטער, ווען זי וועט צוריקקומען און זיך פאַרנעמען מיט „איר אַרבעט“ און געבן עסן דער גאַנצער משפּחה.

אייניקע חברים פרוּוון באַווייזן, אַז פרויען זענען פעיקער צו שטוב־אַרבעטן, אַז מיידלעך ווערן געבוירן מיט איינגעבוירענע פעיקייטן צו שטוב־אַרבעטן, און ייִנגלעך פאַרמאָגן נישט די דאָזיקע אייגנשאַפטן.

דאָס איז אַן אומזין! די דאָזיקע פעיקייטן קאָן מען אויך אויסבילדן אין יעדן ייִנגל. עס גייט דאָך נישט וועגן עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט, וועגן עפּעס אַ שעפערישקייט, נאָר פשוט וועגן אַ געוויינלעכער זעלבסטבאַדינונג, וועגן קאָנען זיך אַן עצה געבן אין לעבן.

עס גייט אויך וועגן דער פעיקייט פון צוזאַמענלעבן, וועגן געוויינלעכער הילף און וועגן פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון די נאָענטסטע, פון דער מוטער, שוועסטער, רוימערין אין שול אָדער פאָרשול. לערנענדיק אונדזערע ייִנגלעך שטוב־אַרבעט, לערנען מיר זיי גלייכצייטיק שוינען די אַרבעט פון די נאָענטסטע מענטשן. אַ ייִנגל, וואָס וואַשט אַליין די פאָדלאָגע, וועט זיך זעלטן דערלויבן אַריינצוגיין מיט שמוציקע שיך אין צימער אַריין, אַ יונגערמאַן, וועלכער צערעוועט זיינע אייגענע שקאַרפעטן, וועט נישט דערלאָזן, אַז די לעכער זאָלן זיין צו גרויסע. ער וועט זיי פאַרצערעווען צו דער צייט.

ס'איז באמת כדאי פּטור צו ווערן פון אַלטע פאָראורטיילן בנוגע דער „ווייבערישער אַרבעט“, וועגן וועלכער ס'האָט שוין אַזוי לאַנג צוריק גערעדט נ. קרופּסקאַיאַ, און מע דאַרף אָנהייבן צוגעווינען אונדזערע ייִנגלעך, אַז זיי זאָלן אונדז, מוטערס, העלפן אין דער שטוב־אַרבעט.

די טעאָריע איז נישט אין סתירה צו דער פּראַקטיק

מע שרייבט מיר: „כ'האָב שוין געלייענט מאַקאַרענקאָס ביכער, די פוילישע אויטאָרן און אַנדערע. ווען מע לייענט דאָס אַלץ, זעט עס אויס צו זיין פשוט און קלאָר, אָבער אין לעבן איז עס בכלל אוממעגלעך דורכצופירן. מיר דאַכט זיך, אַז די טעאָריע איז איין זאַך, און די פּראַקטיק איז גאָר אַ צווייטע זאַך.

ס'זענען פאראן גוטע און שלעכטע קינדער. דאָס איז שוין א מזל־זאך. ווייל מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן דאָס, וואָס אין איין און אין דער זעלבער משפחה זענען פאראן קינדער גוטע און שלעכטע? זיי ווערן דאָך דערצויגן אין די זעלבע באַדינגונגען און דורך די זעלבע עלטערן?"

אַ סך עלטערן, וועלכע האָבן שוועריקייטן ביים דערציִען די קינדער, גענירן די באַדייטונג פון דערציונג. זיי דאכט זיך, אַז די שולד שטעקט נישט אין זיי און אין זייער האַנדלונג, נאָר אין קינד גופא, אָדער גאָר אין וועלכע ס'איז אומבאַקאַנטע אויסערלעכע סיבות.

פאַרוואָס וואַקסן אין איין און אין דער זעלבער משפחה, אין אייגענע און די זעלבע באַדינגונגען גוטע און שלעכטע קינדער? דערפאַר ווייל אין די ענלעכע באַדינגונגען האָבן די קינדער נישט די זעלבע גלייכע באַציונג צו זיך. כ'וועל ברענגען אַ קליינעם ביישפּיל. עס מאכט זיך, אין דער היים ווערט פאַרפאַלן געלט, וואָס ליגט שטענדיק אויף איין און דעם זעלבן אָרט, ווענן וועלכן ס'ווייסן אַלע קינדער. דאָך ווענדן זיך די עלטערן מיט א פראגע נישט צו אלע קינדער, נאָר צו איין קינד. דאָס חושד זיין פון צווישן אַלע קינדער אויסשליסלעך דאָס אייגע שאַפט פאַרן דאָזיקן קינד אן אויסנאַם־לאגע אין דער פאמיליע. אַ קינד ווערט נישט געבוירן קיין גנב, נאָר עס קאָן ערשט ווערן. דאָס כסדרדיקע חושד זיין עס פאַרפעסטיקט אין אים דאָס דאָזיקע געפיל, פאַרקלענערט דעם ווילן צו באַקעמפן אין זיך דעם דאָזיקן חסרון, וועקט ביים קינד אומגלויבן אין די אייגענע כוחות, רופט ביי אים אַרויס אַ געפיל, אַז עס איז אַ פאַרלוירענער מענטש אויף אייביק. אַזאַ קינד, געפינענדיק זיך אין א גוטן דערציונגס־אנשטאַלט, וווּ ס'ווערט אים אַרויסגעוויזן אויפמערקזאמקייט און צוטרוי, ווערט שנעל א גוט קינד. ס'פאַרשווונדן די חסרונות און שלעכטע געוווינהייטן.

אַ קינד ווערט נישט באלד געבוירן א גוטס אָדער א שלעכטס, און נישט פון „מזל" פון די עלטערן איז אָפּהענגיק דעם קינדס כאַראַקטער און זיין גורל, נאָר גיכער פאַרקערט, פון קינדס „מזל", דערפון, ווי די עלטערן באַגייען זיך מיט אים, צי זיי האָבן עס אויף א ריכטיקן אופן ליב, פון די אנטוויקלונגס־באַדינגונגען, וואָס זיי וועלן אים שאַפן, איז אָפּהענגיק דעם קינדס גורל.

ס'איז נייטיק צו זאָגן, אַז די רעאַליזאַציע פון דער טעאָריע, וועלכע ווערט געבראכט אין די ביכער, איז פולשטענדיק מעגלעך. די טעאָריע שטיצט זיך דאָך אויף פאַקטן, אויף דער לעבנס־פּראַקטיק, אויף דער ארבעט פון די עלטערן און דערציער, וואָס האָבן גוטע רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט. אין וואָס באַשטייט אַלזאָ די סתירה צווישן דער טעאָריע און פּראַקטיק? זי באַשטייט אין דעם, וואָס די עלטערן קאָנען נישט כסדר, סיסטעמאַטיש און קאָנסעקווענט רעאַליזירן די טעאָרעטישע אָנווייזונגען, און זיי שטעלן זיך אָפּ אין מיטן וועג. קלאָר, אַז דאן קלאָגן זיי זיך אויף דער אוממעגלעכקייט צו רעאַליזירן די „טעאָרעטישע" אָנווייזונגען פון די ביכער.

און מע דאַרף מודה זיי, אַז ס'איז זייער שווער צו זיין מיט קינדער קאָנסעקווענט און אָנטשלאָסן. בפרט, אַז אָפט האָט מען קעגן זיך די סביבה. אָט איז אַ זייער כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל. אַ מאַמע וועט געבן דעם קינד צו'זייגן אין די שעהן, וועלכע ס'האָט געהייסן דער דאָקטער, נישט אויפשטיין צו אים ביינאַכט, נישט צוגיין צו אים, ווען עס שרייט אַרויס. אָבער צי אין דער מערהייט פאַלן געפינט זיך נישט צווישן די שטוביקע מענטשן עמעצער, וואָס איז נישט מסכים (אַ טאַטע, באָבע), חוזקט אָפּ פון „גייעם אופן פון דערציען" און, באַשולדיקנדיק די מאַמע אין ווייניק ליבע, צווינגט מען זי נאָכצוגעבן דעם קינד. וויפל מאָל הערן מיר: „גיב אים נאָך, עס איז דאָך נאָך אַ קינד, ווען עס וועט אויסוואַקסן, וועט עס פאַרשטיין, זיין קליגער". אַ קינד ווייסט אויסגעצייכנט, ווער עס געמט זיך פאַר אים אָן, ווער ס'גיט אים שטענדיק נאָך און עס נוצט דאָס אויס: „וועסט מיר נישט קויפן דאָס שפּילעכל, וועל איך בעטן דעם טאַטן", אָדער: „איך וויל נישט טרינקען קיין קאַקאַאָ, די מאַמע גיט עס מיר קיינמאָל נישט".

בכדי די פּעדאַגאָגישע טעאָריע זאָל געבן גוטע רעזולטאַטן, דאַרף מען זי אָנווענדן קאָנסעקווענט, נישט רעזיגנירנדיק צוליב די מאָמענטאַלע אומדערפאָלגן. סיסטעמאַטיש רעאַליזירן זי יענע עלטערן, וואָס קאָנען פאַרווירקלעכן דאָס, וועגן וואָס עס רעדן די ביכער, קלאָגן זיך נישט אויף דער סתירה צווישן דער טעאָריע און פּראַקטיק.

קינדער אויף אַ שפּאַציר דעם ערשטן מאַי

ביכער, וואָס מ'דאַרף איבערלייענען

ביכער, וועלכע באַהאַנדלען אַלגעמיינע פראַגן

מ. אי. קאַלינין „וועגן קאָמוניסטישער דערציונג". דאָרט זענען פאַרעפנטלעכט זיינע רעדעס צו די שילער און לערער פון די מאָסקווער שולן. דאָס דאָזיקע בוך גיט אונדז נישט קיין קאָנקרעטע, פראַקטישע אָנווייזונגען אין די טאָגטעגלעכע שוועריקייטן, נאָר באַווייזט דורך פשוטע, אויפריכטיקע און פעסטע ווערטער, צו וואָס מיר שטרעבן, וואָס איז דער אידעאַל פונעם נייעם מענטש פון דער עפּאָכע פון סאָציאַליזם, וואָס פאַרא אייגנשאַפטן מיר ווילן און מיר דאַרפן פלעגן ביי אונדזערע קינדער.

א. מאַקאַרענקאָ — „דערציונג אין דער משפחה". דאָס איז א ציקל לעקציעס פאַר עלטערן. דאָרט ווערן באַרירט די פראַגן פון אויטאָריטעט פון די עלטערן, דאָס פּראָבלעם פון דיסציפּלין, דערציונג דורך אַרבעט, סעקסועלע דערציונג אַד"גל.

א. מאַקאַרענקאָ — „דאָס בוך פאַר עלטערן". דאָס איז א זאַמלונג פון בעלעטריסטישע דערציילונגען, וועלכע באַהאַנדלען דערציונגס־פראַגן, די באַציונגען צווישן די עלטערן, צווישן די קינדער און עלטערן. פאַר די לייענער ווערט געשילדערט א גאַנצע גאַלעריע סאָוויעטישע משפחות. דאָס בוך לייענט זיך מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם. יעדער פון אונדז וועט געפינען עפּעס באַקאַנטס, ענלעכס צו זיך, צו זיין פרוי, אָדער מאַן, צו זיינע קינדער. מיר וועלן דאָרט געפינען אַ באַשרייבונג פונעם לעבן פון אן אַרבעטער און אינטעליגענט, פון א געוויינלעכן אַרבעטער און פון אַזאַ, וואָס פאַרנעמט א פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. מיר וועלן דאָ באַקומען אן ענטפער אויף פיל פראַגן.

ד"ר זאָפיא שימאַנסקאַ — „צי זענען קינדער נערוועז". די עלטערן, וועלכע ס'אינטערעסירט פּאַוולאָווס טעאָריע, געפינען דאָ אַ זייער פּאָפּולערע דערקלערונג פון דער לערע פון דאָזיקן גענייאַלן רוסישן פיזיאָלאָג. דאָס בוך באַהאַנדלט געוויי די טיפּן פון נערוועזע קינדער, דעקט אויף די סיבות, צוליב וועלכע עס שאַפט זיך אַזאַ צושטאַנד, לערנט וויאַזוי זיי צו באַזייטיקן. די קינדער־טיפּן, וועלכע ווערן

דאָ אַרויסגעבראַכט, זענען זייער פאַרשידנאַרטיקע, אָנהייבנדיק פון די יינגסטע ביז די עלטערע קינדער.

ד״ר זאָפיא שימאַנסקא — „וועגן שווערדערציבאַרע קינדער“.

ביכער וועגן דער דערציונג פון זויג-קינדער

ע. בלעי. ג. ריגעס און אנד. — „די אנטוויקלונג און דערציונג פון קינד“.

י. מאַשקאָוויטש, י. פאַלטעווא, י. צימלער — „די פלעגונג און דערנע־רונג פון קינד“.

אי. מערזשאַן — „ס'זענען נישטאָ קיין שלעכטע קינדער“. דאָס דאָזיקע בוך באַהאַנדלט די דערציונג פון קינדער ביז דריי יאָר.

ב. ארכאנגעלסקי, ג. ספּיראנסקי — „מוטער און קינד“.

ביכער וועגן קינדער אין פאַרשול-עלטער

א. סוראָווצעווא — „דאָס געשטאַלטיקן דעם ווילן פון קינד“. אין דאָזיקן בוך באַהאַנדלט דער מחבר די פראַגע, וויאזוי צו געשטאַלטיקן ביי 6 — 7-יאָריקע קינדער דעם ווילן בעתן שפּילן זיך און ארבעט אין פאַרשול און אין דער היים. אין בוך זענען פאראַן פיל אינטערעסאַנטע ביישפּילן.

„אין זאָרג פאַרן געזונט פון קינד“. א זאַמלונג ארטיקלען וועגן דערנערונג, פיזישער דערציונג, שלאָף און אָפּרו פון קינד.

אי. מערזשאַן — „דאָס קינד אין דער היים און אין פאַרשול“. דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט און באהאנדלט דערציונגס-שוועריקייטן, גיט אָנווייזונגען, וויאזוי זיי צו באזייטיקן.

ביכער וועגן קינדער אין שול-עלטער

י. פּיעטשערניקאָווא — „די דערציונג פון שילער דורך ארבעט אין דער משפּחה“.

נ. באָלדיריעוו — „די באַדייטונג פון ביישפּיל אין דער דערציונג פון קינדער“.

א. פּיעטראָוו — „דאָס דערציען אין קינד ערלעכקייט און אויפריכ־טיקייט“.

דאָס זענען איבערזעצונגען פון רוסיש. די ביכער זענען געשריבן פאַר עלטערן דורך טעאָרעטיקער, = פאַכקענער. זיי זענען פּאָפּולער און זייער אינטערעסאַנט אָנגעשריבן.

ק. בערגמאַן — „וויאַזוי געשטאַלטיקסטו די איבערציִיגונגען פון דיין קינד?״ דאָס בוך ווייזט אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן, ווי אַזוי מע דאַרף פאָרמירן די יסודות פון דער וויסנשאַפטלעך-מאַרקסיסטישער וועלט-אָנשויונג. דאָס וועט העלפן אונדזערע עלטערן אויפצוקלערן זיך, וויאַזוי באַוווּסטזיניק צו מאַכן אונדזערע קינדער, נישט באַלאַסטנדיק זייער שכל מיט זאַכן, וואָס זענען נישט צוטריטלעך פאַר זייער פאַרשטאַנד, זיי פונדעסטוועגן צוגרייטן צו גייסטיקער און פּאָליטישער רייפקייט. דאָס בוך איז אילוסטרירט.

מ. קזשיזשאַנאָווסקאַ — „אַ שווער, אָדער שלעכט דערצויגן קינד“. אַן אינטערעסאַנט און פּאָפּולער אָנגעשריבן בוך, וואָס דערווייזט, אַז דער גרעסטער טייל קינדער זענען נישט קיין שלעכטע, נאָר זענען שלעכט דערצויגן. די אויטאָרין ברענגט פיל אינטערעסאַנטע ביישפּילן. דאָס בוך איז אילוסטרירט.

פ. טשערווינסקי — „לאָמיר לערנען אונדזערע קינדער ליב האָבן דאָס פאָטערלאַנד“. דער אויטאָר דערציילט, וויאַזוי מע דאַרף אַנטוויקלען אין די קינדער דאָס געפיל פון פּאַטריאָטיזם.

י. דאָבראָוואָלסקאַ — „דיין קינד קאָן זיך לערנען בעסער“. דאָס בוך שטיצט זיך אויף ביישפּילן פון לעבן, ווייזט אָן, פאַרוואָס די קינדער לערנען זיך שלעכט, העלפט די עלטערן אָנצופירן מיט דער לערע פון קינד, ווייזט די וועגן, אויף וואָס פאַר אַן אופן צו הייבן דעם לערן-ניוואָ.

כ׳האָב דאָ אויסגערעכנט אייניקע ביכלעך, די בעסטע, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אָבער עס זענען פאַראַן פיל מער ביכער אויף דער דאָזיקער טעמע, און אויף יעדער פראַגע, וועלכע מאַטערט אונדז, קאָנען מיר געפינען אַן ענטפער אין אַן אַנטשפּרעכנדיק בוך.

אינהאַלט:

	זייט
אַריינפיר	7
אַלגעמיינע אָנווייזונגען וועגן דערציונג	9
דאָס קינד אין ערשטן לעבנסיאָר	22
וויאַזוי דערציען אַ קינד אין צווייטן און דריטן לעבנסיאָר	30
קינדער אין פאַרשול־עלטער	43
דאָס קינד גייט אין פאַרשול	75
קינדער אין שול־עלטער	86
באַזונדערע דערציונגס־פראַגן	119
ביכער, וואָס מ׳דאַרף איבערלייענען	159